ביים הייליגן מגיד אין שטוב האט געוואוינט א בחור מיטן נאמען נתן.
נתן איז געווען א געהויבענער בחור, א תלמוד חכם און א ירא שמים, לאנגע שעות האט ער געדאווענט יעדן טאג, און דערנאך איז ער געבליבן אין שוהל לערנען מיט גרויס חשק און התמדה, אזוי איז נתן געשטיגן אין רוחניות'דיגע מדרגות העכער און העכער.

איין פראבלעם האט אבער נתן געהאט, ער איז שוין געווען א בחור אין די יארן, אבער קיין שידוך האט זיך אים נישט געמאכט, ליידער איז ער געווען א קיילעכיגער יתום, ער האט נישט געהאט קיין טאטע מאמע, דעריבער איז נישט געווען ווער עס זאל זיך אונטערנעמען א מכובד'יגער נדן, און אן קיין נדן איז נישטא קיין חתונה, איז נתן געווארן אן עלטערער בחור און קיין שידוך האט זיך נישט געמאכט.

איין טאג האט דער מגיד אריינגערופן נתן'ען, ער האט אים אנגעכאפט די הענט און געזאגט:

נתן טייערער, סאיז געקומען די צייט זאלסט אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, ס'איז צייט זאלסט חתונה האבן מיט דיין באשערטע, גיי ארויס אין וועג, און דער ערשטער שידוך וואס מ'טראגט דיר אן זאלסטו גלייך מסכים זיין.

נתן האט נישט געפרעגט קיין קשיות, נאכ'ן זיין ביים מגיד אין שטוב אזויפיל יאר'ן איז ער שוין געווען צוגעוואוינט אז דעם מגיד'ס ווערטער ווערן אן קיין צווייפל מקוים, האט ער איינגעפאקט זיין ביסל ארעמע האב און גוטס, און היידע! מ'לאזט זיך ארויס אויפן וועג.

די נאכט האט אנגעהויבן צופאלן, די זון האט זיך געריקט מער און מער צו מערב זייט, און נתן איז אנגעקומען צו א קליין שטעטל, ער האט גלייך געוואנדן זיינע מידע פיס צום אידישן גאסט הויז מיטן ציהל אפצוריען זיינע מידעביינער.

דער בעל הבית פונעם גאסט הויז איז געווען דער גרעסטער גביר פון שטעטל, א מכובד'יגער איד, א תלמוד חכם, און א גרויסער עושר, צוליב זיינע געשעפטן איז ער פונקט נישט געווען אין שטוב יענע נאכט, נאר זיין איינציגסטע טאכטער, א בת יחידה, זי איז געבליבן אין גאסט הויז אויפנעמען די געסט.

ווען נתן איז אריינגעקומען איז איינגעפאלן פאר איינע פון די באדינער א פרייליכ'ן געדאנק, לאמיר מאכן אביסל לעבעדיג, דא איז דא א בחור, און דער גביר האט א טאכטער, לאמיר שפילן א חתונה... מ'וועט פראווען א סעודה, עסן און טרינקען, און ס'וועט זיין פרייליך...

אומר ועושה, געזאגט און געטון, אלע איבריגע באדינער האבן זיך צוגעכאפט צום געדאנק, איינער איז צוגעגאנגען צו נתן און געפרעגט "אפשר וואלסטו געוואלט חתונה האבן מיט'ן גביר'ס טאכטער?" נתן האט געדענקט וואס דער מגיד האט אים אנגעזאגט, צו טון דעם ערשטן שידוך וואס מ'טראגט אים אן, און נאכדערצו מיט אזא גביר'יש קינד, "זיכער" האט ער געענטפערט, "ס'וועט מיר זיין א גרויס כבוד"

דאס מיידל האט זיך אויך צוגעכאפט צום געשעפט, פארוואס נישט האבן אביסל פאן... מ'האט געדעקט די טישן, פארשאפט א חופה, אבער נתן האט געזאגט אז ער דארף קודם אפשרייבן א כתובה, נו, זאל זיין אזוי, וועט עס אויסקוקן ממש עכט...

נתן איז נישט געווען קיין נאר, ער האט פארשטאנען פונקטליך וואס דא קומט פאר, און ער האט אפגעשריבן א כשר'ע כתובה, די חתן און כלה האבן עס אינטערגעשריבן, דערנאך צוויי עדים, און מ'גייט שוין צו די חופה...

מוזיק האט אונטערגעשפילט, נתן האט זיכער געמאכט אלעס זאל זיין אויסגעהאלטן להלכה, מ'האט אים געגעבן א רינגל, און ער האט מקדש געווען דעם גביר'ס טאכטער כדת משה וישראל...

ווייִן האט זיך געגאסן ווי וואסער, אלע באדינער און איינגעשטעלטע פונעם גאסט הויז האבן זיך געלאזט וואויל גיין, מ'האט סערווירט א נארהאפטיגע חתונה סעודה, מ'איז

געטאנצען און געשפרינגען אינמיטן די נאכט אריין.

ווען ס'איז געווארן שפעט זענען די באדינער צוגעגאנגען צום חתן און געמאלדן, "דער שפיל איז געענדיגט, יעצט פאק פעק און ציה אפ פון דאנעט"!

"איך גיי נישט אן מיין כלה" האט דער חתן שטייף געענטפערט, איך האב חתונה געהאט כדת משה וישראל און זי איז מיין ווייב, איך וועל איר נישט איבערלאזן שוין די ערשטע נאכט נאך די חתונה...

דער גביר ר' נטע קומט אהיים נאך א גאנצן טאג האנדלען און וואנדלען, ער האט געמאכט אפאר גוטע געשעפטן היינט, זיין געמיט איז דערהויבן, ער איז היבש רייכער געווארן די לעצטע שטיקל צייט, "אה, ווער איז נאך אזוי גליקליך ווי מיר" טראכט ער צו זיך.

אבער ווען ער האט אריינשפאצירט אין שטוב אריין איז ער שוין גארנישט געווען אזוי גליקליך, ווען ער האט געפרעגט וואס איז די שמחה אזוי גרויס דא, האבן אים די באדינער דערציילט אז מ'האט געשפילט חתונה... דער גביר האט גלייך געזעהן אז ס'איז צרות, ער האט פארשטאנען אז ס'איז שוין גארנישט געווען קיין שפיל, איז ער צוגעגאנגען צום חתן און שיינערהייט געבעטן, "איך בעט דיר, די פארשטייסט דאך אליינס אז דא איז פארגעקומען א מיספארשטענדעניש, לאמיר מארגן גלייך צופרי צוגיין צום בי"ד און מסדר זיין א גט"

נתן האט זיך אבער נישט געוואלט לאזן, "איך האב חתונה געהאט מיט א ערליכע געלונגענע אידיש מיידל, פארוואס זאל איך איר סתם אזוי אפ'גט'ן"?

דער גביר האט פרובירט צוצוזאגן א סכום געלט, און ער האט געלייגט גרויס דרוק, האט אים נתן געזאגט, "הער אויס מחותן טייערער, איך בין געקומען אהער אויפן באפעל פון מיין רבי'ן דער הייליגער מגיד, לאמיר גיין צו אים און הערן וואס ער זאגט"

דער גביר האט נישט געהאט קיין ברירה, מ'האט ווידער איינגעשפאנט דעם פערד און וואגן, און מ'איז געפארן צום מגיד.

ביים מגיד אין שטוב האבן ביידע פארגעלייגט זייערע טענות, דער גביר האט גע'טענה'ט אז די גאנצע מעשה איז געווען א טעות, און ער פארלאנגט אז נתן זאל שטילערהייט גיבן א גט נאך פאר די גאס ווערט געוואויר וואס דא איז פארגעקומען, נתן האט גע'טענה'ט אז ער האט כשר חתונה געהאט כדת משה וישראל, און נאך מיט אזא געלונגענע מיידל, און פארוואס זאל ער גיבן א גט.

דער הייליגער מגיד האט זיך פארטראכט, און ער האט געזאגט אזוי:

"דער גביר זאל צאלן צען טויזנט רובל "אפטריט געלט" פאר נתן, און אין 4 וואכן ארום זאל ער צוריק קומען און אפנעמען דעם גט פון נתן.

דער גביר האט תיכף ומיד מסלק געווען דעם סכום, און ער האט געזאגט אז ער וועט צוריקקומען אין די באשטימטע צייט אפנעמען דעם גט.

דער מגיד האט גענומען דאס געלט, און ער האט געלאזט אויפנייען א הערליכן אנצוג פאר נתן, אין די 4 וואכן האט דער מגיד אנגעזאגט נתן ער זאל עסן צו די זעט 3 מאל אין טאג, און ווען דער טאג איז געקומען איז טאקע דער גביר געקומען צו רייטן אין זיין רייכע קארעטע, גרייט צו נעמען דעם גט פאר זיין טאכטער.

דער מגיד האט אים אויפגענומען מיט א שמייכל, "הערט זיך צו ר' נטע, איך האב פאר אייך א גאלדענעם שידוך, דא ביי מיר איז דא א רייכער בחור, ער פארמאגט אסאך געלט, און דערצו איז ער א בעל מידות, א תלמוד חכם, און זייער אן איידעלער, איך מיין ס'וואלט געווען א געלונגענער שידוך פאר דיין טאכטער"

"לאמיר זעהן דעם בחור פון וואס מ'רעדט" האט דער גביר געענטפערט.

מ'האט אריינגעברענגט נתן מיט זיין שיינעם נייעם אנצוג, און דערצו האט ער אויסגעזעהן סאך בעסער ווי מיט 4 וואכן פריער אזוי אז דער גביר האט אים בכלל נישט דערקענט, דער גביר האט זיך געוומען שמועסן מיט אים אין לערנען, און דער בחור האט אים גאר געפאלן, אפאר שעה האט דער גביר פארברענגט מיט נתן, און דערנאך האט ער געמאלדן פארן מגיד, "ווי נאר איך באקום דעם גט פונעם ארעמען שלעפער, בין איך גרייט צו שליסן שידוך מיט דעם געלונגענעם רייכן בחור"

דער מגיד האט אים געמאלדן, "דיין טאכטער דארף בכלל נישט קיין גט, און מ'דארף נישט שליסן שידוך, דער רייכער בחור וואס פארמאגט צען טויזנט גילדן איז שוין דיין איידעם"...

דער גביר וואס האט שוין איינגעזעהן וואס פאר א אויסערגעוועונליכער ערליכער און פיינער נתן איז האט אים מיט פרייד אהיימגעטראגן צו זיין טאכטער, און צוגעשטעלט א פעטן נדן פארן אינגען פארל.

פארן זיך געזעגענען האט דער מגיד געזאגט פארן גביר, "איך האב געזעהן אז נתן איז דער ריכטיגער באשערטער זיווג פאר דיין טאכטער, נאר אזוי ווי דו וועסט פונעם אייגענעם ווילן נישט טון דעם שידוך איז געווען א גזירה אז דו דארפסט דערלייגן דיין גאנץ פארמעגן און נפטר ווערן פון די וועלט פריצייטיג, כדי ס'זאל זיין א פאסיגער שידוך, האב איך אויסגעפויעלט אז מ'זאל צופירן דער שידוך זאל געשלאסן ווערן אן דיין וויסן כדי דו זאלסט בלייבן ביים לעבן. זכותו יגן עלינו.

---

## זיך פרייען מיט א מצוה.

זיצט דער הייליגער חתם סופר ביי זיך אין ספרים צימער, אויפן טיש זענען אנגעהויפנט בערג מיט ספרים, און צו די זייט ליגט א הויפן פאפירן אנגעפילט מיט חידושי תורה, און אויפן בענקל זיצט דער גרויסער תורה ריז פון וועם די גאנצע וועלט רעש'ט, און זיין הייליגער מח איז איינגעזינקען אינעם טיפן ים התלמוד.

א שוואכער קלאפ אויפן טיר האט איבערגעהאקט זיינע הייליגע מחשבות, דער קלאפ איז געווען אזוי שטיל ווי גלייך דער קלאפער האט מורא געהאט אז איינער וועט עס הערן... דער הייליגער חתם סופר שפיצט אן די אויערן, און אט הערט ער טאקע נאך א קלאפ, אריין! האט דער חתם סופר אויסגערופן, און ווי גרויס איז געווען זיין וואונדער צו זעהן גאר דעם גרויסארטיגן ראש הקהל.

ר' לייב איז געווען א למדן, אן עושר, פון די חשוב'סטע בעלי בתים אין פרעשבורג, צוליב זיינע פילע עסקנות און אנדערע שטאט'ס און ראש הקהל טעטיגקייטן איז ער כסדר געקומען צום שטאט'ס רב, דער הייליגער חתם סופר איז שוין געווען צוגעוואוינט צו זיינע פעסטע קלאפן אין טיר, דעריבער איז זיין וואונדער געווען גאר גרויס ווען ר' לייב האט אויסגעקוקט אזוי צוזאמגעבראכן.

ר' לייב האט זיך אוועקגעזעצט אויפן בענקל קעגן איבער דעם חת"ס, און מיט א צובראכענע שטימע האט ער אנגעהויבן צו דערציילן די סיבה פון זיין אומגעראכטענעם באזוך.

איך מוז דעם רב אויסזאגן א סוד וואס קיינער אין שטאט ווייסט נאכנישט, אפילו מיין ווייב האט נישט קיין באגריף דאס וואס איך גיי דעם רב דערציילן, און איך האף אז דער רבי וועט מיר קענען גיבן אן עצה אדער כאטש א ברכה.

צופיל האט ער שוין נישט געדארפט זאגן, דער חת"ס האט שוין אלעס אליין פארשטאנען, אבער דאך האט ער געלאזט ר' לייב'ן זיך אויסגיסן זיין צובראכן הארץ.

"הער זיך צו רבי", הייבט אן דער ראש הקהל, "איך זאג דעם רב בסוד גדול, איך בין היינט א בלוטיגער ארומאן! אין די לעצטע צייטן בין איך דורכגעפאלן מיט אפאר שלעכטע געשעפטן, און

ליידער בין איך צוגעקומען צו א מצב וואס איך האלט ממש פאר באנקראט, רבי איך האלט נישט אויס! יעצט ווייסט נאך קיינער נישט, אבער נאך אפאר טאג קומט דער גרויסער לייפציגער יריד, און אויב איך וועל נישט פארן וועט יעדער גלייך וויסן, און דער מצב וועט זיין ביטער, און איך קען אפילו נישט טראכטן פון פארן, ווייל איך פארמאג ניטאמאל די פאר גראשן פאר די הוצאות פון די נסיעה"...

דער הייליגער חתם סופר האט פארקנייטש זיין הייליגן שטערן, ער האט געטראכט פאר א קורצע צייט, און פלוצלונג האט זיין צורה אויפגעלאכטן, "הער זיך צו ר' לייב, איך האב דא ליגן א פעקל מיט צען טויזנט רייניש וואס ליגט גרייט פאר מיין טאכטערס חתונה, אזוי ווי די חתונה וועט פארקומען אין אפאר חדשים ארום, קען איך אייך פארלייען דאס גאנצע געלט! נעמט די צען טויזנט רייניש, פארטס אויף לייפציג, און דעם ערשטן געשעפט וואס מ'שלאגט אייך פאר זאלט איר שליסן אין א מזל'דיגע שעה"!

ר' לייב האט מורא געהאט צו נעמען די געלט, "איך בין היינט נישט אין דעם מצב איך זאל קענען גאראנטירן אז איך וועל האבן אפצוגעבן די געלט, וויאזוי קען איך לייגן אין סכנה די געלט וואס מ'דארף האבן צו די חתונה"?

"און איך זאג אייך איר וועט מצליח זיין!" האט דער חתם סופר געענטפערט, "נעמטס די געלט, און פארטס לחיים ולשלום".

ר' לייב האט נישט געקענט אפזאגן דעם בפירושע ברכה-הבטחה פון זיין גרויסן רבי'ן, מיט ציטערדיגע הענט האט ער ארייגעלייגט דעם זעקל אין טאש, זיך באדאנקט פארן חתם סופר, און זיך געגרייט צום נסיעה קיין לייפציג.

דער רייכער סוחרישער קארעטע האט אפגערייזט קיין לייפציג, און אזוי ווי דער חתם סופר האט געזאגט האט מען טאקע אנגעטראגן א גוטן געשעפט פאר ר' לייב, און במשך דעם יריד האט ר' לייב געשלאסן איין גוטן געשעפט נאכן צווייטן געקויפט און פארקויפט ביז ער האט אפאר מאל געדאפלט דעם סכום געלט מיט וואס ער איז אנגעקומען.

פאר ער איז אהיימגעפארן האט ר' לייב געטראכט צו זיך, די גאנצע הצלחה איז דאך מיר געקומען אינעם זכות פונעם חתם סופר, זיין ברכה האט דאך מיר ממש געראטעוועט פון בזיונות און מיר צוריקגעברענגט מיין עשירות, קען איך דאך נישט צוריקקומען צו אים מיט ליידיגע הענט, פונקט האט ר' לייב דורכשפאצירט א סוחר וואס האט פארקויפט צירונג, "אה, איך וועל קויפן א שיינע רינגל פאר'ן רב'ס טאכטער לכבוד די חתונה"!

ר' לייב האט אויסגעקליבן א הערליכער רינגעל באצירט מיט שיינענדיגע דיאמאנטן, און מיט א פרייליך הארץ איז ער אהיימגעפארן קיין פרעשבורג.

דאסמאל זענען שוין געהערט געווארן די קלאפעס ביז א גאס אוועק... ר' לייב וואס האט שוין צוריקבאקומען זיין גביר'ישע שטאלץ האט מיט א שמחה ארייגעשפאצירט צום חתם סופר אין שטוב, דער רב האט פונקט געהאלטן אינמיטן זיך מפלפל זיין אין לערנען מיט צוויי תלמידים, די בחורים האבן זיך געריקט אין די זייט, און געלאזט דעם ראש הקהל נעמען שלום ביים ראש ישיבה.

ר' לייב נעמט ארויס א פעקל מיט צען טויזנט רייניש, און ער גיבט אפ זיין חוב פארן חתם סופר, דערנאך זאגט ער מיט שטאלץ, "רבי, איך האב געברענגט א הערליכע מתנה פאר די כלה!" און דערביי נעמט ער ארויס דעם גלאנציגן דיאמאנט רינגל.

דער חתם סופר האט אויפגעלאכטן, ער האט געכאפט דעם רינגל, געלאפן דערמיט צום פענסטער, מיט א פרייד באטראכט די גלאנציגע גאלד, און ווי די דיאמאנטן בליטשקען, ער האט עס געדרייט אויף אלע זייטן...

די צוויי תלמידים שטייען אין די זייט און זיי קענען זיך נישט געגוג אפוואונדערן, רבש"ע, ר י ב י ת! דער הייליגער רבי נעמט ריבית?! און ער פרייט זיך גאר אזוי שטארק?! ווי קען דאס זיין?

אבער זייער וואונדער האט נישט אנגעהאלטן צו לאנג, נאך

געציילטע מינוטן האט זיך דער חת"ס צוריק ארפגעזעצט, און ער האט צוריקגעגעבן דעם רינגל פאר ר' לייבן, "ראש הקהל טייערער, די תורה לאזט נישט נעמען קיין ריבית!" האט אים דער חת"ס געזאגט.

ווען ר' לייב איז ארויסגעגאנגען האט זיך איינער פון די תלמידים גענומען די שטארקייט און געפרעגט, "אויב דער רבי האט נישט געפלאנט צו נעמען די מתנה פון ר' לייב, פארוואס האט זיך דער רבי אזוי געפרייט דערצו"?

"איך וועל אייך דערציילן א מעשה" האט דער חת"ס געענטפערט.

איך מיינע אינגע יארן האב איך געלערנט אין פראנקפורט ביי מיין גרויסן רבי'ן דער הייליגער רבי נתן אדלער זצ"ל, האט זיך איינמאל געמאכט אינמיטן ווינטער אז מיר האבן געדארפט ערגעץ פארן, אינדרויסן האט געבוזשעוועט א שניי און א פראסט, אבער ווען ס'איז געקומען צו א דבר מצווה האט מיין רבי נישט געקוקט אויף גארנישט, מען האט געדונגען א קוטשער וואס האט פארשטייט זיך געלאזט באצאלן א פעטן פרייז צו פארן אין אזא צייט, און מ'האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צו מקיים זיין די מצוה.

די גאנצע צייט פונעם וועג האב איך געהאט די זכי' צו רעדן אין לערנען מיט מיין גרויסן רבי'ן אזוי אז מיר האבן ניטאמאל געשפירט די שניידעדיגע קעלט, די תורה האט אונז דערווארימט, אבער פלוצלונג האט זיך דער וואגן געגעבן א שטארקן שאקל, און עס האט זיך געגעבן א האסטיגן אפשטעל!

ווען איך האב ארויסגעקוקט צו זעהן וואס דא קומט פאר, האב איך געזעהן ווי דער פויער שטייט און שרייט קולות וברקים אויף די צוויי דערשראקענע פערד, זיי זענען נעבעך ארייגעפאלן אין א זומפ, און די קללות פונעם פויער האבן זיי בכלל נישט געהאלפן זיך ארויסשלעפן דערפון, מיר האבן זייער שנעל זיך איבערצייגט אז מ'וועט דארפן הילף זיך ארויסצודערזעהן פון דארט, האבן מיר געמוזט צוזאגן פאר'ן פויער א סכום געלט ער זאל צוגיין צום נאנטן דארף און דינגען נאך אפאר פערד וואס זאלן צוהעלפן ארויסצושלעפן אונזער וואגן פון זומפ.

אפאר שעה זענען מיר געזעצן אינעם פארפרוירענעם וואגן און זיך מפלפל געווען אין לערנען, ענדליך האט מען שוין געזעהן פונדערווייטנס ווי דער גוי קומט צו גיין מיט אפאר בהמות, פלוצלונג איז דער רבי ארויסגעשפרינגען פון וואגן, און מיט א געוואלדיגע שמחה זיך גענומען טאנצן אין די שניי... איך האב נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר, וואס עפעס איז דער רבי פלוצלונג געווארן אזוי פריילין, "רבי, וואס איז די שמחה" האב איך געפרעגט, "דו זעהסט נישט, דער גוי ברענגט קיען! ס'דאך כלאים! מ'טאר נישט איינשפאנען צוויי סארט בהמות צו איין וואגן, ווען אין מיין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו נזהר זיין אין כלאים!" אין דער רבי איז ווייטער געטאנצן פאר פרייד...

דער גוי האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט, ער האט אבער נישט געהאט קיין ברירה, פאר גרויס געלט האט ער זיך צוריק געשלעפט און דארף און ענדליך פארשאפט נאך צוויי פערד ארויסצושלעפן דעם וואגן פון זומפ.

אבער איך האב זיך געלערנט דעמאלס פון מיין רבי'ן א מורא'דיגע זאך, איך האב געזעהן וואס עס הייסט אן אמת'ע שמחה של מצוה, וואס עס הייסט זיך אמת'דיג פרייען אז מען האט די געלעגנהייט מקיים צו זיין דעם רצון פון באשעפער אויף אזוי ווייט אז דער רבי ר' נתן אדלער זצ"ל איז געטאנצן אין די פראסטיגע שניי!... זיין הארץ איז אויסגעגאנגען פאר שמחה אז ער האט די געלעגנהייט נזהר צו זיין אין דעם איסור פון כלאים.

"די זעלבע זיין מיינע טייערע תלמידים" האט דער חת"ס אויסגעפירט, "איך בין דאך נישט קיין סוחר, דעריבער קומט מיר קיינמאל נישט אויס דער נסיון פון ריבית, דעריבער ווען עס איז מיר אזוי אומגערישט אונטערגעקומען אזא געוואלדיגע מצוה, זיך צוריקהאלטן פון נעמען ריבית, האב איך נישט געקענט צוריקהאלטן מיין פרייד מקיים צו זיין אזא מצוה".

---

## דער רבי מיט די בערן

אין די שטאט בודאפעסט אין אונגארן זענען אנגעקומען א באנדע ציגאנער, און נישט סתם ציגאנער, די ציגאנער האבן געהאט מיט זיך א גאנצע באנדע בערן "קונצן מאכער", זיי האבן זיך אפגעשטעלט אין צענטער פון שטאט, אויפגעשטעלט א גרויסע פלאטפארמע, ארויפגעשטעלט די בערן דערויף, און די בערן האבן געטאנצן און געשפרינגען און געמאכט אלע סארטן קונצן.

אין די צייט וואס די ציגאנער האבן געארבעט אנצוגרייטן דעם סטעידש אינמיטן מארק, איז דער אנפירער זייערער ארומגעפארן אין שטאט אויף א ווייסן פערד און אויסגערופן:

"בודאפעסטער שטאטס לייט, ווילט איר הנאה האבן פון א קינצליכן שפיל, פארפאסט נישט די געלעגנהייט, קומט שוין אין מארק און איר וועט נישט גלייבן וואס איר זעהט, קינצן וואס מ'גלייבט נישט נאר ווען מ'זעהט עס מיט די אייגענע אויגן"!

אלע בודאפעסטע גוים זענען געווארן לעבעדיג, פארוואס נישט, גיין מיטהאלטן אזא אינטערעסאנטע לעבעדיגע שפיל, זענען זיי אלע געלאפן צום מארק מיטהאלטן דעם שפיל, אבער קיין ערליכע אידן האט מען נישט געזעהן לויפן, סתם אזוי אין א גרינעם דינסטאג גייען נישט אידן צו קיין ציגאנערישע שפילן, אידן זיצן אין ביהמ"ד און דינען דעם אויבערשטן.

אין איינע פון די בודאפעסטע שוהלן איז דעמאלס געזעצן און געדינט דעם אויבערשטען דער הייליגער צדיק ר' מרדכי'לע נאדבורנער זצוק"ל, ער איז פונקט דאן געקומען אויף א קורצן באזוך קיין בודאפעסט.

נאך שחרית הערט ר' מרדכי'לע עפעס רעש'ט זיך, פרעגט ער איינע פון די מקורבים זיינע וואס איז דער גערודער אין גאס, זאגט ער אים, "ס'גארנישט, עפעס א ציגאנערישע גרופע האט געברענגט א באנדע בערן וואס טאנצן און מאכן קונצן, און די גוים מאכן א גאנצן עסק דערפון".

"א גרויסע גרופע געלערנטע בערן?" זאגט דער צדיק נאך די ווערטער, דער הייליגער רבי ר' מרדכי'לע ווערט שטארק פארטראכט, ער פארטיפט זיך אין זיינע הייליגע געדאנקען, בשעת אלע ארומיגע שטייען מיט יראת הכבוד און ווארטן צו זעהן וואס דא גייט פאסירן.

פלוצלונג דערוועקט זיך דער רבי פון זיין דביקות, און צום וואונדער פון אלע חסידים רופט ער זיך אן, "א גרופע געלערנטע בערן? לאמיר גיין זעהן"...

ארום רבי מרדכי'לע זענען געשטאנען ווארימע דורכגעווייקטע חסידישע אידן וואס האבן גוט געקענט דעם רבי'ן און האבן געוואוסט ווי שטארק ער איז אויסגעטון פון אלע הבלי עולם הזה, זיי האבן פארשטאנען אז זיכער איז דא עפעס א העכערע סיבה פארוואס ר' מרדכי'לע וויל גיין זעהן דעם בערן טאנץ, זענען זיי אלע מיטגעגאנגען מיט די האפענונג זיך צו דערוויסן וואס עס ליגט אונטער דעם.

אינמיטן מארק אין א גרויסן שטייג זענען געווען פיל בערן, רוב פון זיי אינגע בערעלעך, דער עולם האט געפאטשט, און די בערן זענען געטאנצן און געשפרינגען, אבער צווישן זיי איז געווען איין אלטער בער, ער איז געווען עפעס אויסערגעוועהנליך בשמחה... ער איז געטאנצן אפילו ווען קיינער האט נישט געפאטשט, ער האט נישט אויפגעהערט צו טאנצן און שפרינגען און מאכן אלע סארטן טענץ, רוב שטאטישע ליידיגייער זענען געווען פארזאמעלט ארום דעם אלטן בער.

דער רבי ר' מרדכי'לע פארטראכט זיך אביסל אויף דעם בער, דערנאך גייט ער צו צום שטייג און ער רופט אויס הויעך, "ישראל, שוין גענוג געטאנצט! גענוג איז גענוג"

צום וואונדער פון אלע פארזאמעלטע האט דער בער פארענדיגט זיין טאנץ און ער האט שיינערהייט זיך אראפגעזעצט אויף דער ערד.

דער צדיק האט געהייסן רופן דעם הויפט פון די ציגיינער גרופע, און ער פרעגט אים, "פאר וויפיל פארקויפט איר מיר אט דעם בער"?

די חסידים שטייען פארוואונדערט, זייט ווען קויפט דער רבי בערן?... אבער דער ציגאנער וואונדערט זיך נישט אזוי שטארק, קוקט אויס אז ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס איינער וויל אפקויפן דער בער, ער לאזט וויסן דעם רבי'ן דער בער שטייט נישט צום פארקויפן! אויף אלע אנדערע בערן קען מען פארהאנדלען, אבער דער בער איז דער עיקר פון אונזער פארשטעלונג, ער טאנצט די בעסטע פון אלע בערן, און איך קען זיך נישט ערלויבן אים צו פארלירן.

דער רבי לאזט נישט נאך, "ער איז דאך אן אלטער בער, ווי לאנג וועט ער נאך טאנצן, זאגט א פרייז פאר וויפיל איר זענט גרייט אים צו פארקויפן".

"ס'קומט נישט אין באטראכט" מעלדט דער ציגאנער. "אנדערע בערן טאנצן נאר ווען מיר מאכן א געוויסן צייכן, אבער דער בער טאנצט מיטן גאנצן הארץ פון צופרי ביז ביינאכט, מ'דארף אים גארנישט הייסן, ער ציעט די מערסטע אויפמערקזאמקייט און פאטשערייען פון אלע פארזאמעלטע, בשום אופן וועל איך אים נישט פארקויפן".

אבער ווי מער דער ציגאנער עקשנ'ט זיך, אלץ העכער ווערט דער פרייז וואס דער רבי ר' מרדכי'לע שלאגט פאר, ענדליך האט ר' מרדכי'לע געזאגט א פרייז וואס דער גוי האט נישט געקענט אפוואַרפן, און צום וואונדער פון די חסידים האט דער רבי געשלאסן דעם מקח מיטן ציגאנער אפצוקויפן דעם בער.

רבי מרדכי'לע דרייעט זיך אויס צו די חסידים, און ער זאגט זיי: הערטס אויס טייערע אידן, עטס האטס יעצט א גלעגנהייט מקיים צו זיין די גרויסע מצוה פון פדיון שבויים, מ'דארף שוין צוזאמשטעלן דעם סכום געלט און ווי פריער עס גיבן פארן ציגאנער פאר ער ציעט צוריק פונעם גאנצן געשעפט, יעדער זאל שנעל נעמען א חלק אין די זעלטענע מצוה.

איינער פון די חסידים איז גלייך געשטעלט געווארן אלס הויפט עסקן, מ'האט געמאכט מסיבות הצלת הבער... און ביז געציילטע שעה'ן איז פארגעקומען דער מקח, דער חסיד האט געברענגט דעם גאנצן סכום, דער ציגאנער האט באקומען די געלט, און דער חסיד... דעם אלטן בער.

דער חסיד האט אין אנפאנג מורא געהאט פונעם בער, אבער דער ציגאנער האט אים איבערגעגעבן צוגעבינדן מיט א שטארקן שטריק, דער חסיד ציעט דעם שטריק און דער בער גייט נאך אים מיט גרויס הכנעה, צוביסלעך האט זיך דער חסיד אויסגעלערנט נישט מורא צו האבן, און ער האט צוגעפירט דעם בער צום אכסניא פון רבי'ן.

דער רבי האט געהייסן מ'זאל פארן בער צוגרייטן א מכובד'יגן פלאץ אין פעלד, און מ'זאל אים גיבן צו עסן דריי מאל א טאג, און מ'זאל אכטונג געבן קיינער זאל אים נישט טשעפען, די נשמה האט זיך שוין גענוג געפייניגט און געפלאגט, ס'שוין צייט ער זאל אביסל רוען...

נאך א קורצע צייט איז דער בער געשטארבן, און דאן האבן די חסידים גענומען די שטארקייט צו פרעגן דעם רבי'ן וואס דא איז פארגעקומען מיט דעם בער.

דער רבי ר' מרדכי'לע וואס איז געווען באקאנט מיט זיין גרויסע עבודה צו העלפן פארווארפענע נשמות האט אנגעהויבן צו דערציילן:

דער ר' ישראל איז געווען איינער פון די ראשי קהלה אין שטאט, ער איז געבענטשט געווען מיט תורה וגדולה במקום אחד, ער איז געווען גאר רייך און אויך א תלמוד חכם, דערצו האט ער געהאט גאר א גוט הארץ און יעדער צובראכענער איד האט געטראפן ביי אים א ווארום הארץ גרייט צו העלפן, ער איז באמת געווען א מושלם מיט אלע מעלות, נאר איין פראבלעם, "ער" האט אויך אנערקענט זיינע אלע מעלות...

ער פלעגט זאגן, געווענטליך איינער וואס איז רייך קען נישט לערנען, און איינער וואס קען לערנען איז נישט רייך און אפילו ווען איינער האט שוין יאביידע אינאיינעם איז ער דאך נישט אזוי קלוג ווי מיר... און אפילו ווען יא איז דער דאך נישט אזא בעל צדקה, הקיצור ער איז געווען א גרויסער חסיד פון זיך אליינס,און ער האט פארשטאנען אז פשוט אלס "כבוד התורה" דארף מען אים גאר שטארק מכבד זיין.

און די שטאט מענטשן האבן אים טאקע מכבד געווען, פארשטייט זיך בעיקר די וואס האבן געדארפט אנקומען צו זיינע טובות... און ווען ר' ישראל איז געקומען צו א שמחה איז ער דאך געווען א חכם המכיר את מקומו און ער האט גלייך ארויפשפאצירט צום אויבן אן, פשוט מכבד צו זיין די תורה... און דערצו האט ער געהאט א מורא'דיגע קפידה נישט צו טאנצן ביי קיין חתונות, אפילו ביי גאר מכובד'יגע חתונות פלעגט ער מסביר זיין בטוב טעם ודעת, ווער בין איך צו מבזה זיין מיין כח התורה דורך ארויסגיין אין א טענצל מיט אנשים פשוטים... מעג איך דען פארקוקן דעם כבוד התורה צוליב א נארישן טאנץ...?

די זעלבע ווען ס'איז פארגעקומען א הכנסת ספר תורה, האט ער געהאלטן דעם ספר און געלאזט יעדן זיך דרייען און טאנצן ארום אים, ער אליין וועט דאך נישט מבזה זיין דעם כבוד התורה און זיך שטעלן טאנצן...

פארשטייט זיך אז דער עולם האט זיך צוגעוואוינט דערצו, און מ'האט אים שוין רוהיגערהייט געלאזט זיצן במנוחה נכונה אויפן אויבן אן, קיינער האט אים שוין נישט געמוטשעט צו טאנצן.

איין טאג איז פארגעקומען א ספעציעלע חתונה אין שטאט, געהאנדלט האט זיך עס פון א חתן כלה ביידע קיילעכיגע יתומים, די גאנצע שטאט האט זיך באטייליגט אין די הכנות צו די חתונה, סיי מיט געלט פאר נדן און שטאפיר, און סיי מיט צוגרייטן די סעודת החתונה וכו', פארשטייט זיך אז פון ר' ישראל האט מען נישט פארגעסן, און א שיין חלק פון די מזומנים וואס האט זיך אויסגעפעלט האט ר' ישראל מסלק געווען.

בשעת די חתונה האט זיך די גאנצע שטאט געשפירט ווי מחותנים, אלע זענען געקומען מיט די בגדי שבת, און מ'האט זיך משמח געווען און געטאנצן מיט'ן גאנצן הארץ, דער חתן האט זיך געשפירט זייער דאנקבאר פאר די שטאטסלייט וואס האבן אים אזוי גוטהארציג צוגעשטעלט די גאנצע חתונה, איינס ביי איינס האט ער אריינגענומען יעדן איינעם אינמיטן רינג און געטאנצן מיט יעדן עקסטער א פייערדיגע רקידה.

שעה'ן גייען אדורך, די חתונה האלט זיך שוין אט אט ביים ענדיגן, און דער חתן קוקט זיך גוט ארום, ער וויל מאכן זיכער אז ער האט זיך פאר יעדן באדאנקט און ער האט מיט יעדן געטאנצן אינמיטן ראד, פלוצלונג פאלן זיינע אויגן אויפן אויבן אן, דארט זעהט ער ר' ישראל'ן זיצן זיך אומקוקנדיג אויף די טענץ.

דער חתן כאפט זיך ביים קאפ, דעם ראש הקהל האב איך אינגאנצן פארגעסן, ער האט דאך געגעבן אזא שיינע נתינה פאר די חתונה, קומט זיך אים א ספעציעלער טאנץ, מיט א שמייכל פון אויער צו אויער און מיט אויסגעשפרייטע הענט לויפט ער צו צום אויבן אן, און ער שרייעט אויס, "ר' ישראל ערלויבט מיר דעם גרויסן כבוד אייך איינצולאדענען אויף א טענצל"...

ר' ישראל האט זיך געניזמען קאכן און זידן פאר כעס, יעדער ווייסט דאך מיין שטעלונג אז איך בין נישט מבזה מיין כבוד התורה פאר א נארישן טאנץ, און דער יתום, דער גארנישט, דער וואס האט געדארפט אנקומען צו מיין נדבה האט די חוצפה מיר אזוי צו פארשעמען!

"מעגסט זיך שעמען!" שרייעט ר' ישראל אויפן חתן אזוי אז מ'זאל עס הערן אין גאנצן זאל, "ווען גרעסערע און חשובערע פון דיר האבן מיר געבעטן צו טאנצן האב איך נישט מבזה געווען דעם כבוד התורה און איך האב נישט געטאנצן מיט זיי, זאל איך יעצט צוליב אזא ארימער יתום ווי דו, פאר אזא גארנישט זאל איך זיך מבזה זיין"?

ר׳ ישראל האט נאך געהאט וואס צוצולייגן, אבער דער עולם איז שנעל געקומען צו לויפן, מ׳האט אוועק גענומען דעם חתן, און מ׳האט פרובירט צו בארוהיגן ר׳ ישראל׳ן, ער האט אבער נישט געוואלט הערן פון גארנישט, ער האט געהאלטן אז דער חתן דארף אים איבערבעטן אויף די חוצפה...

ווי גרויס ער האט זיך געהאלטן, און וויפיל ער האט אנערקענט זיינע מעלות האט עס אים אבער גארנישט געהאלפן ווען ער איז געקומען צום בית דין של מעלה... פארקערט גאר, נאכדעם וואס מ׳האט אוועקגעשטעלט אלע זיינע גוטע מעשים, אלע זיינע צדקות, איז אבער געקומען דער מדת הגאווה און מקטרג געווען אז ער האט זיך געהאלטן אזוי גרויס אז ער האט קיינמאל נישט געוואלט זיך משתתף זיין אין קיין שמחת חתן וכלה, אדער לכבוד התורה, און די גרעסטע ראי׳ איז געווען די מעשה ווי ער האט אזוי מבזה געווען א חתן בשעת זיין חתונה.

האט דער בי״ד של מעלה ארויסגעגעבן דעם פסק, ווייל צוליב זיין גרויס גאווה האט ער זיך צוריקגעהאלטן פון טאנצן, זאל ער מגולגל ווערן און א בער, און ער זאל טאנצן און טאנצן און ווערן צו שאנד און צו שפאט פאר יעדן איינעם... און דאס וועט זיין א תיקון פאר זיין זינדיגע נשמה.

ווען איך האב אים דערזעהן - האט דער רבי ר׳ מרדכי׳לע צוגעענדיגט – האב איך געזעהן אז כאטש וואס ער טאנצט שוין אזויפיל יארן, האט ער נאך א היבשע צייט צו טאנצן, האב איך אויף אים גרויס רחמנות באקומען, האב איך אויסגעפויעלט אז ער זאל שוין האבן זיין ריכטיגן תיקון, און דער לעצטער חלק פון זיין תיקון איז אז איך דערצייל אייך יעצט דעם מעשה איר זאלט זיך אפלערנען דעם גרויסן זינד פון מבזה זיין אידן, אפילו דער ר׳ ישראל האט געהאט תורה ומצוות ומעשים טובים, האט ער דאך געדארפט אפקומען אזוי שווער ווייל ער האט זיך געהאלטן גרעסער און פארשעמט אנדערע אידן.

לאמיר זיך אפלערנען פון דעם קיינמאל נישט מבזה צו זיין א צווייטן איד, און (אי״ה נאך די דריי וואכן...) וועלן מיר לעבעדיג טאנצן אויף חתונות...

---

## טאקע א גנב, אבער דאך א איד!

אין שטאט שפאלע ליגט דער הייליגער צדיק וקדוש ר׳ ארי׳ לייב פון שפאלע זצוק״ל וואס ווערט גערופן ״דער שפאלער זיידע״, נעבן דעם קבר פונעם צדיק איז דא אן אלטע מצבה, די שטאטס לייט רופן עס דער קבר פונעם קדוש ״יאסעלע גנב״... זייט ווען איז א גנב א קדוש? און פארוואס האט דער הייליגער שפאלער זיידע אויסגעוועלט צו ליגן נעבן ״יאסעלע גנב״? הערט וואס דער שפאלער זיידע אליינס דערציילט.

אזוי ווי אין יעדן שטאט איז אויך אין שפאלע געווען א באנדע גנבים, ווען ס׳איז צוגעפאלן די נאכט און די שטאטס לייט האבן אראפגעלייגט זייערע מידע ביינער אויפן גלעגער זיך אויסצורוען פונעם שווערן טאג ארבעט, הערשט דאן האבן די גנבים אנגעהויבן זייער ארבעט... יעדע נאכט האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויף א צווייטן געגנט און פאכמאניש זיך אריינגע׳גנב׳עט אין די שפאלע הייזער, און ארויסדערווישט פון דארט יעדע ווערטפולע זאך.

ויהי היום, ס׳איז געקומען א טאג וואס די גנבים האבן מחליט געווען אז יעצט איז געקומען די רייע אויפן שטאטישן קלויסטער, פונקט אינמיטן שטאט איז עס געשטאנען, א שיינער הויכער בנין, ארומגענומען מיט א הויכע מויער, און אינעווייניג... די גנבים האבן גוט געוואוסט וואס טוט זיך

אינעווייניג, גאלדענע צלמים, טייערע שטיינער, און גאר אסאך ווערטפולע חפצים, "נאך אזא גניבה וועלן מיר האבן אויף יום טוב צו מאכן" האט זיך אויסגעדרוקט דער פירער פון די באנדע.

איין גרויסער פראבלעם האבן זיי אבער געהאט, און דאס איז געווען דער גרויסער הויכער מויער וואס האט ארומגענומען דעם קלויסטער, געווענטליך איז דער אריינגאנג צום קלויסטער געווען דורכ'ן טיר, איז די הויעכקייט פון מויער נישט געווען קיין פראבלעם, אבער ווען מ'וויל זיך אריינבאקומען אינמיטן די נאכט דורכצופירן א גניבה איז פארשטענדליך דער טויער נישט דער פאסיגער אריינגאנג... דארף מען טרעפן אן עצה וויאזוי זיך אריינצובאקומען אין קלויסטער פון אן אנדערע אריינגאנג.

און דא איז יאסעלע גנב אריינגעקומען אין בילד, יאסעלע איז שוין געווען א טאטע פון צוויי קינדער, אבער נאך אלץ איז ער געבליבן דער קליינער יאסעלע, זיין קליינער אויסגעמאגערטער געשטעל האט אים בארעכטיגט דעם נאמען "יאסעלע" און זיין גאר געשיקטע פלינקקייט ביים דורכפירן גניבות האט אים צוגעגעבן דעם טיטל "גנב..."

די גנבים האבן מחליט געווען אז דא דארף מען צוקומען צו די ארבעט פון יאסעלע גנב, נאר ער וועט זיך קענען אריינבאקומען אין קלויסטער אן קיין פראבלעמען, געזאגט און געטון, מ'האט זיך צוזאמגעזעצט אויף אן אסיפה, און צוזאמען מיט יאסעלע האט מען אויסגעארבעט אלע פונקטליכע פרטים וויאזוי די גניבה וועט צוגיין, יאסעלע וועט ארויפקריכן אויפן מויער, און פון דארט אריינשפרינגען אין קלויסטער, אין די צייט וואס די גאנצע באנדע וועט ווארטן אינדרויסן ביים מויער וועט ער צוזאמנעמען אלע ווערטפולע זאכן, און ווען ער וועט זיין גרייט וועט ער ארויסשרייען דעם אפגעשמועסטן סימן, און מיט א שטריק וועט ער אראפלאזן אלע זאכן, דערנאך וועט ער אליינ'ס זיך ארויסזעהן פון דארט.

דער פלאן האט אויסגעקוקט גוט, האט מען געווארט ביז סוף חודש ווען די לבנה שיינט נישט, און אין די טינקלקייט פון די נאכט האט מען זיך גענומען צו די ארבעט.

פלינק ווי א קאץ האט יאסעלע זיך ארויפגעדראפעט אויפן מויער, ער האט געגעבן א שפרינג אריבער צום קלויסטער, אויסגעשאסן דעם פענסטער און ער איז אינעווייניג... שטילערהייט האט ער צוזאמגענומען אלע גאלדענע צלמים, אויסגעליידיגט אלע פושקעס, אלע טייערע מתנות וואס מענטשן האבן געברענגט פאר די גלחים, אלעס אלעס האט ער אריינגעלייגט אין א זאק.

אין די זעלבע צייט זענען די שטאט וועכטער ארומגעגאנגען אויף זייער רוטינע פאטראל, די גנבים באנדע אינדרויסן פון מויער האבן געזעהן די וועכטער און פארשטייט זיך זיי האבן געמאכט א ויברח... זיי האבן אלע געמאכט פליטה אין וואלד אריין, און יאסעלע איז געבליבן איינער אליין אין קלויסטער.

יאסעלע האט פון גארנישט געוואוסט, ער האט געענדיגט איינפאקן די סחורה איז ער צוגעלאפן צום פענסטער און ארויסגעשריגען דעם אפגעמועסטן סימן...

ווען ער האט געזעהן אז קיינער מאכט זיך נישט וואוסענדיג האט ער געשריגן העכער, און העכער, און נאך העכער, ביז ענדליך האבן די וועכטער אים דערהערט... קודם האבן זיי נישט געכאפט ווער עס שטייט ביים פענסטער פון קלויסטער און שרייט, אבער ווען זיי האבן דערזעהן יאסעלע גנב האבן זיי שוין פארשטאנען פונקטליך וואס דא קומט פאר, און זיי זענען שנעל אריינגעלאפן אין קלויסטער אויפוועקן די גלחים.

די וועכטער האבן ארומגערינגלט דעם גאנצן קלויסטער, און די גלחים האבן אנגעהויבן צו זוכן אינעם בנין, און פון די קולות האבן זיך אסאך גוים אויפגעוועקט און זענען געקומען צו לויפן זעהן וואס קומט פאר דארט, ווי ערשטוינט זענען זיי געווען צו זעהן ווי אלע ווערטפולע זאכן פון קלויסטער זענען נישט אויפן פלאץ, און יאסעלע שטייט מיט א זאק ביים פענסטער...

מיט גרויסע בזיונות האט מען ארויסגעפירט יאסעלע גלייך צום פאליציי סטאנציע, און נאך יענעם טאג איז פארגעקומען דער משפט.

ביים משפט האט זיך פארזאמלט דער גאנצער שטאט, נישט יעדן טאג פאר'משפט מען א איד וואס האט זיך איינגעבראכן אין קלויסטער, אבער יאסעלע גנב איז אויפגעקומען מיט א גוואלדיגע טענה.

"די מעשה איז געווען אזוי" האט יאסעלע גע'טענה'ט, "איך האב געדארפט א ישועה, האב איך געוואלט זעהן צו דער גאט אין קלויסטער קען מיר העלפן... איך האב מיך געבעטן און געבעטן, אבער דער גאט ענקערער האט זיך ממש נישט וואוסענדיג געמאכט... וויפיל איך האב געוויינט פאר אים האט ער נאר געשוויגן, נישט געענטפערט קיין ווארט... האב איך מחליט געווען צו נעמען אלעס וואס ער פארמאגט און אזוי וועל איך געהאלפן ווערן... און יעצט דארפט איר מיר אלע דאנקען אז איך האב ענק אויפגעוויזן אז אייער גאט איז גארנישט ווערד"...

פארשטייט זיך אז די שופטים האבן נישט אפגעקויפט וואס יאסעלע האט געזאגט, און זיי האבן אים פאר'משפט צום טויט! דער הויפט ריכטער האט זיך אויפגעשטעלט און פארגעליינט דעם אורטייל:

"אזוי ווי דער גנב יאסעלע האט פארשעמט אינזער שמייליגע קירכע, און ער האט געהאט די חוצפה צו גנב'נען די שמייליגע צלמים פונעם קלויסטער, וועט ער פארברענט ווערן אינמיטן שטאט! אבער אזוי ווי מיר זענען רחמנות'דיגע מענטשן, גיבן מיר אים א געלעגנהייט תשובה צו טון, אויב יאסעלע וועט מסכים זיין אנצונעמען דעם קריסטליכן גלויבן, וועט ער בלייבן לעבן"!

אלע אויגן זענען געווען אויף יאסעלע, וואס וועט ער טון? קיין גרויסער צדיק איז ער נישט געווען, וועט ער ראטעווען זיין לעבן?

יאסעלע האט זיך געגעבן א שטעל אויף, ער האט זיך אויסגעגראד דעם ריקן, און מיט א שטייפע שטימע האט ער דערקלערט: "איך יאסעלע גנב האב אסאך עבירות געטון אין מיין לעבן, אבער א איד בין איך געבוירן, און א איד וועל איך שטארבן! בשום אופן וועל איך נישט אויפטוישן א גאט וואס לעבט אויף אייביג, די תורה וואס מיינע זיידעס האבן מקבל געווען אויפן בארג סיני מיט 3000 יאר צוריק, די אמונה וואס מיינע זיידעס האבן זיך געלאזט ווארפן אין פייער דערפאר, וועל איך נישט בייטן מיט א שטיקל פארפוילטע האלץ וואס האט זיך נישט געקענט ראטעווען פון מיינע הענט"...

די גוים האבן אים געוואלט פארשטיינערן אויפן פלאץ, אבער די פאליציי האבן אים שנעל ארויסגענומען פון זאל, און עס איז באשטימט געווארן דער מארגענדיגער טאג אויסצופירן דעם אורטייל.

ווען עס איז געקומען די צייט אויסצופירן די גזירה האבן זיך צוזאמגעזאמלט א ריזן מאסן פון גוים, יעדער האט געוואלט מיטהאלטן ווי מען הרג'עט דעם קלויסטער גנב. מען האט געברענגט א גרויסן פאס ברענעדיגע פעך, און דער גלח האט אנגעהויבן מיטן פראצעדור, מ'האט ארויפגעברענגט יאסעלע גנב אויפן בימה, און דער גלח האט אים געזאגט, דא שטייט א ברענדיגער פאס פעך, דו גייסט פארברענט ווערן אין דעם פאס, דו האסט די ברירה זיך צו ראטעווען דאס לעבן דורך אננעמען אונזער גלויבן.

יאסעלע האט אים ניטאמאל געלאזט ענדיגן רעדן, "ניטאמאל זאלסטו חלומ'ן דערפון, יאסעלע איז טאקע א גנב, ער האט טאקע געטון עבירות, אבער א איד בין איך, און א איד וועל איך בלייבן"!

מען האט אריינגעלייגט זיין הענט אינעם פאס, יאסעלע האט געשפרינגן פון יסורים, און יאסעלע האט זיך גענומען שרייען: "יאסעלע גנב וועט ליידן יסורים! יאסעלע גנב וועט פארברענט ווערן! יאסעלע גנב וועט אבער נישט ווערן אויס איד! און מיט די קולות איז זיין נשמה ארויף אין הימל...

מ'האט אים באגראבן אויפן שפאלער בית החיים, און העכער אים האט מען געלייגט דעם שטיין וואס די שפאלער אידן רופן "די מצבה פונעם קדוש יאסעלע גנב" און נעבן אים האט דער הייליגער שפאלער זיידע אויסגעוועלט צו ליגן.

א גוט שבת.

**צו דערציילןביים שבת טיש**

---

**אין זכות פון היטן שבת קודש**

אין איינע פון די פוילישע דערפער האט געוואוינט א ערליכע איד. זיין נאמען איז געווען רבי מאיר. ער האט געהאט א מיהל צו מאלן תבואה נעבן דעם טייך, און פון דעם האט ער געהאט פרנסה בריווח. דער מיהל האט ער געדינגען פון דעם פריץ וואס איז געווען דער האר פון די אלע דערפער אין דער געגנט. דער מיהל איז איבער געגאנגען בחזקה צו רבי מאיר נאך פון זיין טאטען וואס האט אויך געדינגען דעם מיהל פון דעם פריץ. דער פריץ וואס האט אנערקענט די ערנסקייט און תמימות פון דעם טאטען און זוהן, אפילו וואס אנדערע מענשטן האבן געוואלט צאלן מער געלט פאר דעם מיהל, האט דער פריץ מוותר געווען אויף די געלט, און איז געווען צופרידן אז דער מיהל געפונט זיך ביי רבי מאיר.

רבי מאיר אליין, וויפיל ער איז געווען פארנומען מיט דעם מיהל א גאנצע טאג, האט ער יעדע נאכט אוועק געגעבן עטליכע שעות פאר דעם באשעפער און געלערנט. דער באשעפער האט איהם געבענטשט מיט א אשה כשרה און פיינע גוטע קינדער. רבי מאיר האט געלערנט מיט זיינע קינדער יעדן טאג וויפיל ער האט נאר געקענט. אויב עס פלעגט אריבער גיין אין דעם דארף א גאסט און האט גענעכטיגט ביי רבי מאיר, האט יענער באקומען זייער א ווארעמע הכנסת אורחים מיט עסן און טרונקען צוזאמען מיט א ווארעמע געלעגער. אויב דער גאסט האט געוואלט צאלן געלט פאר די אכסניא, האט רבי מאיר איהם געזאגט ״א מצוה וואס איך האב בירושה פון מיינע זיידעס ביז אברהם אבינו, ווילסטו דאס אוועק נעמען פון מיר.״!

ווען ער פלעגט פארן אין שטאט אריין פאר די ימים טובים צוזאמען מיט זיין משפחה צו קענען דאווענען בציבור דעמאלט, פלעגט ער מיט נעמען מיט זיך פון אלעס וואס דער באשעפער האט איהם געבענטשט, און געטיילט מיט א ברייט האנט, קודם פאר דעם רב און שוחט, שפעטער פאר אלע ארעמעלייט אין שטאט. די ארעמלייט אין שטאט האבן געוואוסט אז ווען רבי מאיר קומט אין שטאט ״איז יו״ט...״ זיין האנט איז געווען אפען פאר יעדן און מ׳האט קיינמאל נישט געזעהן ביי איהם קיין קמצנות. צו דעם אלעמען איז ער געווען זייער א קלוגע מענטש, און אידן און להבדיל גויים פלעגן אפילו קומען צו איהם זיך שואל עצה זיין אין פארשידענע געשעפטן, און יעדן איינעם האט ער געגעבן די ריכטיגע עצה.

זיינע אייגענע געשעפטן האט ער געפירט מיט גאר א ערנסקייט, יעדע זאך געמאסטן צו די האר, ח״ו נישט אוועק נעמען יענעמס וואס געהער נישט צו איהם, דעריבער פלעגן אפילו גויים קומען צו זיין מיהל און מאלן זייערע תבואה ביי איהם. מ׳האט געוואוסט אז בייר בי מאיר׳ן קען מען זיך פארלאזן.

יעדן ראש חודש פלעגט ער זיך אנטאן אין זיינע שיינע שבת׳דיגע קליידער און גיין צום פריץ ברענגען די געלט פאר דעם מיהל. ווען ער פלעגט קומען צום פריץ, האט דער פריץ שוין געוואוסט אז רבי מאיר קען מען נישט מכבד זיין מיט משקה, אבער מ׳קען הערן פון איהם גוטע עצות. דעריבער ווען רבי מאיר פלעגט קומען צום פריץ פלעגט דער פריץ איהם אריינעמען אין זיין פריוואטע צימער און שמועסן מיט איהם פאר א לענגערע צייט. דער פריץ האט זייער הנאה געהאט כסדר צו הערן די גוטע עצות פון רבי מאיר. דער פריץ האט איינגעזעהן אז עס איז נישט דא נאך אזא באגלייבטע מענטש אין זיינע דערפער ווי רבי מאיר אליין.

איינמאל האט זיך געמאכט וואס ראש חודש איז אויסגעקומען ערב שבת. רבי מאיר האט גענומען די שכירות געלט און האט זיך ארויס געלאזט צום פריץ׳ס פאלאץ. ווי ער קומט אן דארט,

האט דער פריץ איהם זיער שיין אויפגענומען, און איהם אריינגעפירט אין זיין פריוואטע צימער. דער פריץ איז געווען זייער גוט אויפגעלענט יענעם טאג. דער פריץ נעמט די געלט פון רבי מאיר און עפענט אויף זיין לעדל און לייגט אריין די געלט דארט. דערנאך נעמט ער ארויס פון דארט א גאלדענע רינגעל וואס אויף דעם איז געווען זייער א טייערע שטיין וואס האט געבליטשקעט זייער שטארק. דער פריץ ווייזט דאס רבי מאיר און זאגט איהם, דעם רינגעל האב איך געקויפט פאר צוויי טעג צוריק אין דער הויפט שטאט, וויפיל מיינסטו האט דאס מיר געקאסט? רבי מאיר נעמט דעם רינגעל אין האנט און באטראכט דאס, און רופט זיך אן און זאגט דעם אמת וועל איך זאגן, אז אין מיין לעבן האב איך נישט געקויפט אזעלכע זאכן אן נישט געזעהן אזעלכע טייערע צירונגען דעריבער ווייס איך נישט קיין פרייזן. זאגט דער פריץ, אבער דאך איך וויל דו זאלסט זאגן בערך וויפיל מיינסטו האט געקאסט דער רינגעל? רבי מאיר ענטפערט און זאגט לפי מיין השערה האט דאס געקאסט זיכער הונדערט גילדן. א גרויס געלעכטער האט אויס געפלאצט פון דעם פריץ. און ער רופט זיך אן, איך זעה אז דו ביסט טאקע נישט קיין מבין אין צירונגען, וויסן זאלסטו אז דער שטיין אויף דעם רינגעל הייסט "ברקת" אונא יך האב געצאלט פאר דעם רינגעל גאנצע 5,000 גילדן. און מענטשן זאגן גאר אז איך האב אריינגעכאפט א מציאה ווייל דאס איז ווערט פיהל מער פון דעם. רבי מאיר דרייט ארום דעם רינגעל אין זיין האנט און מאכט זיך ווי דאס אינטרעסירט איהם זייער שטארק און גוט דאס צוריק פאר דעם פריץ. זאגט דער פריץ נו! וואס זאגסטו יעצט? וואס זאל איך זאגן איך בין נישט באקאנט אין די זאכן, אבער אויב דער פריץ האט געצאלט פאר דעם אזא טייערע פרייז בין איך זיכער אז דאס איז ווערט דער פרייז.

ווי זיי רעדן אזוי, קומט אריין א משרת מיט זיינע שיינע באדינונגס קליידער און בוקט זיך צום פריץ און זאגט אז דער שכן דער פריץ גאטלדכאוווסקי איז געקומען באזוכן דעם פריץ און ווארט אין דעם פאדערשטן צימער. דער פריץ שטעלט זיך אויף פון זיין ארט, ער נעמט דעם רינגעל און לייגט דאס צוריק אריין אין דעם לעדל, אבער ער האט פארגעסן צו פארשפארן דעם לעדל. ער גייט ארויס פון דעם צימער, און זאגט פאר רבי מאיר, איך האב נאך עטליכע זאכן צו רעדן מיט דיר, ווארט דא אין דעם צימער ביז איך וועל ענדיגן מיט דעם פריץ מיין גאסט. דער פריץ איז ארויס און פארשפארט דעם טיר נאך זיך.

רבי מאיר איז יעצט געבליבן אליין אין דעם פריוואטן צימער פון דעם פריץ. ס'איז איהם זייער נישט געשמאק געווען צו זיין דארט אליין. אויף די ווענט האבן געהאנגען פארשידענע געיעג כלים, שווערדן און שפיזן, קעפ הערנער פון פארשידענע חיות וואס דער פריץ האט גע'הרג'ט און אזוי ווייטער. רבי מאיר ווארט אזוי איין שעה נאך א שעה, דערווייל הערט ער ווי אין דרויסן גייט פאר א באל. דער רפיץ מיט זיין גאסט האבן זיך געלאזט וואיל גיין מיט א געשמאקע סעודה, געגעסן און געטרונקען און אזוי ווייטער ביז זיי האבן געשיכור'ט, דער פריץ האט אינגאנצן פארגעסן פון רבי מאיר. ער פראבירט ארויס צו גיין אבער דער טיר איז פארשלאסן, אפשר האט דער פריץ נישט געוואלט אז זיין גאסט זאל זעהן דעם איד דארט, טראכט רבי מאיר. רבי מאיר זיצט אויף שפילקעס און ווייסט נישט וואס צו טאן. ער קוקט ארויס פון פענצטער זעהט ער ווי דער זון האלט שוין ביים אונטערגיין, און אט קומט שוין דער הייליגער שבת צו גיין, און ער וויל ח"ו נישט מחלל שבת זיין זייענדיג דא ביים פריץ. וואס טוט מען? ביז זיין שטוב איז אויך א וועג פון א האלבע שעה צו גיין, ווי אזוי וועט ער קענען אנקומען ביז דארט? ער רופט זיך צום רבש"ע אן זאגט "רבש"ע פארוואס האסטו מיר געברענגט אין אזא נסיון?" עס גייט אריבער נאך עטלכיע מינוט, יעדע מינוט איז ביי רבי מאיר ווי א יאר. ער קען שוין נישט איינזיצן אויף זיין ארט.

ער שטעלט זיך אויף און איז מחליט צו גיין פון דארט. אבער דער טיר איז דאך פארשלאסן. אבער ווי ער קוקט זיך ארום זעהט ער ווי פון דעם פריוואטן צימער איז דא פון אינטען אויך א טיר. ער גייט צו דעם טיר, און עפענט דאס אויף, דער טיר האט זיך גלייך געעפענט צו א שיינעם גארטן וואס איז געווען פון די אנדערע זייט פון דעם פריץ פאלאץ. ער גייט אריין אין דעם גארטן, אין דעם גארטן קריכט ער ארויף אויף דעם צוים און שפריגנט דאס אריבער, און נעמט זיך לויפן אהיים, ער איז אזוי שנעל געלאפן דאס ביז 15 מינוט איז ער שוין געווען אינדערהיים. ער איז נאך קיינמאל נישט אזוי שנעל געלאפן. דער טיש איז שוין געווען געדעקט, אלע האבן שוין געווארט פאר איהם אנגעטאן אין זייערע שבת'דיגע קליידער. ער האט

זיך שנעל ארום געוואשן און זיך אנגעטאן בגדי שבת, און זיך גענומען דאווענען צוזאמען מיט זיינע קינדער אין דעם באזונדערן צימער וואו ער פלעגט כסדר דאווענען און לערנען. נאכ'ן דאווענען האט ער זיך געזעצט צום טיש און געפראוועט די שבת'דיגע סעודה מט גרויס שמחה וואס דער באשעפער האט איהם געהיטן ער זאל נישט דארפון מחלל שבת זיין און פון א נסיון. מ'האט געזינגען זמירות, רבי מאיר האט דערציילט פאר די קינדער וועגן פרשת השבוע, מ'האט געבענטשט און אלע קינדער זענען געגאנגען שלאפן, דעמאלט האט רבי מאיר דערציילט זיין ווייב פאר וואס ער איז אזוי שפעט אהיים געקומען פון דעם פריץ. ער האט אויך צוגעלייגט אז ער האט מורא אז דער פריץ וועט זיין ברוגז אויף איהם פאר וואס ער איז אנטלאפן פון דעם אינטערשטן טיר און נישט געווארט פאר דעם פריץ, אבער ער האפט אז ער וועט מסביר זיין דעם פריץ וועגן דעם הייליגן שבת, וועט דער פריץ איהם דאס מוחל זיין.

דער פריץ האט פארוויילט מיט דעם אנדערן פריץ ביז גאר שפעט אין נאכט. עס איז שוין געווארן חצות. און ער האט אינגאנצן פארגעסן אז ער האט איבער געלאזט רבי מאיר אין זיין פריוואטן צימער. אבער דער משרת וואס איז אריינגעקומען לאזן וויסן דעם פריץ פון דעם גאסט, האט יא געדענקט וועגן רבי מאיר. איז ער שפעט ביינאכט אריין אין דעם פריוואטן צימער זעהן אויב דער איד איז נאך דא דארט. ער זעהט אז דער איד איז מער נישט דא, אבער ער זעהט ווי דער לעדל פון דעם פריץ איז אפן און נישט פארשפארט. ער צינדט אן די ליכט, און קוקט אריין אין דעם לעדל, זעהט דער משרת דארט דעם טייערן רינגל. ער טראכט נישט קיין סאך און נעמט דאס, לייגט דאס אריין אין זיין קעשענע, און גייט ארויס פון דארט.

דעם קומענדיגן טאג ווי דער פריץ איז וואכעדיג געווארן פון זיין שכרות און טרונקען, האט ער זיך דערמאנט וועגן דעם רינגל אז ער האט נישט פארשפארט זיין לעדל. ער לויפט שנעל צו זיין פריוואטן צימער, און זעהט ווי דער לעדל איז אפן און דער רינגעל איז נישט דא. דער פריץ האט שנעל צוזאם גערופן אלע זיינע משרתים און משרתות, אלע האבן געציטערט און נישט געוואוסט פארוואס דער פריץ האט זיי אלע צוזאם גערופן אזוי שנעל. דער פריץ דערציילט זיי וועגן די גניבה, און יעדער איינער טענה'ט אז זיי וייסן גארנישט צו זאגן וועגן דעם. אבער דער משרת מיט די שיינע קליידער [דער גנב] דערנענטערט זיך צום פריץ און רופט זיך אן: אדוני הפריץ! זאל דער האר געדענקן אז נעכטן ווען ער איז ארויס פון דעם צימער האט ער איבער געלאזט דעם איד רבי מאיר אין דעם צימער, און קיינער האט איהם נישט געזעהן ארויס גיין פון דארט, איז דאך זיכער ווער ס'איז דער גנב! דער פריץ שטייט זייער באוואונדערט, און זאגט, ניין! עס קען נישט זיין, איך קען מאיר און זיין פאטער זיי זענען גלייכע און ערנסטע מענטשן זיי וועלן נישט טאן אזא זאך און גנב'נען. אבער דער משרת האט נישט אויף געהערט צו רעדן און איינרעדן דעם פריץ אז עס מוז נאר זיין דער איד רבי מאיר וואס האט גע'גנב'ט דעם רינגל. ער האט אזוי פיהל גערעדט ביז דער פריץ האט זיך גענומען גלייבן אין זיינע ווערטער.

דער פריץ לאזט רופן רבי מאיר, רבי מאיר קומט און דער פריץ זאגט איהם אז ער זאל שויון מודה זיין וועגן די גניבה און צוריק געבן דעם רינגעל. אבער רבי מאיר האט געשוואוירן אז ער האט דאס נישט גענומען, און ער מיט זיין טאטען זענען באוואוסט געווען איבעראל פאר אמת'דיגע און פיינע מענטשן וואס וועלן נישט טאן אזא זאך. אזוי אויך נישט זאגן ליגענד. און זייערע הענט וועט נישט אנרירן צו א זאך וואס געהער נישט צו זיי. אבער דער פריץ האלט זיך מיט זיינס, און שרייט אויף רבי מאיר און זאגט צו איהם, קיינער איז נישט געווען אין דעם צימער נאר דו, איך געב דיר דריי טעג צייט זאלסט זיך איבערערעכענען און צוריק ברענגען די גניבה, און אויב נישט וועט דיין סוף זיין זייער נישט א גוטע און אזוי אויך דער סוף פון דיין גאנצע משפחה.

מיט א צובראכן הארץ איז רבי מאיר אהיים געגאנגען און דערציילט זיין ווייב וועגן די גניבה וואס דער פריץ איז איהם חושד. און ער ווייסט נישט וואס צו טאן. זיין ווייב זאגט צו איהם אז ס'איז דא א באשעפער אין הימל וואס ווייסט דעם אמת, און אין איהם דארף מען זיך פארלאזן. יעצט איז די בעסטע אז מירביידע זאלן זיך נעמען דאווענען צום באשעפער אין הימל אז ער זאל אונז ארויס נעמען פון די צרה וואס מיר זענען אריינגעפאלן.

רבי מאיר מיט זיין ווייב האבן זיך גענומען פאסטן די דריי טעג און דאוונען א גאנצן טאג. נאר ביינאכט האבן זיי עפעס געגעסן צו דערהאלטן זייערע זעל אין זיך. די גאנצע צייט האבן זיי געדאוונט צום באשעפער ער זאל זיי ארויס נעמען פון די צרה.

אין דעם דריטן טאג נאכמיטאג, רופט דער פריץ זיין משרת און זאגט איהם: "גיי צו דער מיהל, און פאר נאכטס, זאלסט דו ברענגען מאיר צו מיר געבינדן אין קייטן". דער משרת איז געגאנגען איינשפאנען זיין פערד אין שטאל. האט זיך דער פערד צעווילדעוועט און גענומען שטויסן פון אלע זייטן. מ'האט דעם פערד נישט געקענט איינשטילן. דער משרת האט נישט געהאט קיין ברירה האט ער זיך ארויס געלאזט צופיס צו רבי מאיר'ס הויז נעבן דעם מיהל. אבער ווי נאר ער גייט ארויס פון דעם פריץ פאלאץ, האט זיך דעם פריץ הונט איהם באפאלען און גענומען רייסן פון זיינע קליידער שטיקער, און ארייגעשטאכן אירע ציין אין זיין פיס. ביז עס האט געריננען בלוט. ער פארשטייט נישט וואס דא איז געשעהן, דער הונט איז דאך אייביג אזוי געטריי צו איהם...

ער איז שוין ארויס געגאנגען פון דעם פריץ פאלאץ און נעמט זיך לויפן צו רבי מאיר'ס הויז, אינמיטן וועג האבן א באנדע פון רויב-פויגל איהם באפאלן, און גענומען שרייען מיט הויכע קולות קרו! קרו! קרו! ער פראבירט זיי צו פארטרייבן מיט זיין שטעקן אבער עס גייט נישט, זיי באפאלן איהם, און שרייען מיט הויכע קולות קרו! קרו! קרו! אבער ער לויפט ווייטער מיט אלע זיינע כוחות צו רבי מאיר. און טראכט באזיך זיכער ווייסט מען שוין ווער ס'איז דער אמת'ע גנב. און אומזוסט טוט מען באשולדיגן רבי מאיר. און פון הימל וויל מען מיר באצאלן דאס וואס איך וויל מ'זאל טאן פאר רבי מאיר.

ער איז אזוי געלאפן אן קיין כוחות ביז ער איז אנגעוקמען צו דעם מיהל וואו רבי מאיר האט געוואוינט. ער עפענט אויף די טיר, און ציטערט ווי א קדחת האט איהם אנגעכאפט, ער פאלט שנעל צו די פיס פון רבי מאיר און בעט שטארק מיט תחנונים צו רבי מאיר, אוי! רבי מאיר זיי מיר מוחל, איך בין דער גנב און נישט דו, האב רחמנות אויף מיר, און קום צוזאמען מיט מיר צום פריץ, און בעט ביים פריץ רחמנות אויף מיר ער זאל מיר נישט הרג'נען וועגן די גניבה.

ס'איז געווארן לעכטיג אין שטוב, אלע האבן געזעהן דאס זייערע תפילות איז אנגענומען געווארן, און דער באשעפער האט זיי ארויס גענומען פון די צרה. רבי מאיר איז טאקע תיכף געגאנגען מיט דעם משרת צום פריץ. דער משרת האט געציטערט ווי א פיש און ארויס גענומען דעם רינגעל פון זיין קעשענע און דאס געגעבן דעם פריץ, און רבי מאיר האט געבעטן דעם פריץ ער זאל רחמנות האבן אויף דעם משרת, ווייל יעדער מענטש קען אמאל ארייפאלן און טאן אן עבירה און מאכן א פעלער. פארשטייט זיך אז דער פריץ האט נישט גע'הרג'ט דעם משרת, נאר געהייסן מ'זאל איהם געבן 50 שמיץ. דער פריץ איז זייער פריילעך געווען וואס דער רינגעל איז צוריק צו איהם געקומען. און כדי איבער צו בעטן רבי מאיר פאר וואס ער האט איהם חושד געווען אומזוסט, האט דער פריץ גע'חתמ'ט א קאנטראקט פאר רבי מאיר, אז דער מיהל געהערט צו רבי מאיר פאר איהם און זיינע קידנער און קינדס קינדער עד סוף כל הדורות.

מ'קען זיך אליין פארשטעלן די גרויסע שמחה וואס האט געהערשט אין די שטוב פון רבי מאיר ווען רבי מאיר איז אהיים געקומען און אלעס דערציילט פאר זיין בני בית. און ווי עס איז איבער געקערט געווארן זייער טרויער צו א אמת'ע שמחה, ווי דער באשעפער האט זיי געראטעוועט פון שלעכטע מענטשן. זיי האבן נישט אויף געהערט צו דאנקן און לויבן פאר דעם באשעפער אויף די אלע גוטע זאכן און ניסים וואס ער האט האט געטאן פאר זיי.

---

**צורייסן די גזירה**

א.

קידוש לבנה

אין סטאמבול איז געשעהן די דאזיגע מעשה מיט לאנגע יארן צוריק. שוין דעמאלט, פארצייטנס, איז דארט געווען א גרויסער אידישער ישוב. אידן האבן דארט געלעבט אין גרויס עושר און כבוד, ס'האט זיי גארנישט געפעלט. אידן זענען געווען קרובים למלכות, און האבן שטענדיג אינזין געהאט טובת הכלל. פון קיין שלעכטע גזירות, האט מען נישט געוואוסט, און אין אלטע צרות האט מען שוין כמעט פארגעסן. געקומען א שבת, א יו"ט, האט מען עס דערקענט אין דער גאנצער שטאט.

איינמאל זענען דארט אידן געשטאנען אויף דער גאס, און זיי האבן מחדש געווען די לבנה הויך אויפן קול. און מיט גרויס שמחה געשריגן הויך אויפ'ן קול "שלום עליכם, עליכם השלום, שלום עליכם, עליכם השלום"! ווען זיי זענען צוגעקומען צו זאגן "דוד מלך ישראל חי וקיים" האבן זיי פשוט אנגעהויבן צו טאנצן. גוים זענען פארבייגעגאנגען און האבן זיך אפגעשטעלט קוקן, אידן זענען געווען פאר'דבקה'ט און האבן זיך נישט אומגעקוקט און נישט געזעהן קיין זאך. אין יענער צייט איז געווען אין סטאמבול א סולטאן, וואס פלעגט זיך גאנץ אפט איבערקליידן און פארשטעלן פאר א פראסטן מענטש, ארומגיין איבער דער שטאט, מאכן א שמועס מיט דעם, מיט יענעם, אויסצוגעפונען, וואס ביי איהם אין שטאט טוט זיך, און וואס מענטשן דענקען וועגן איהם און ווי אזוי ער פירט די מדינה. ער האט שוין געהאט זיינע וועגן, ווי צו פארשטעלן זיך מיט גרויס חכמה, אזוי אז דער גרעסטער חכם זאל קיין זאך נישט איינפאלן, ער זאל זיך נישט היטן פאר איהם מיט קיין ווארט, גארנישט חושד זיין. גראד דעמאלט, ווען די סטאמבולער אידן זענען געשטאנען און האבן מחדש געווען די לבנה, מיט דביקות, און טענץ, איז דער סולטאן פארבייגעגאנגען די גאס, פארשטעלט ווי א פויער פון א ווייט דארף. ווי ער האט דערזעהן דעם עולם האט ער זיך אפגעשטעלט קוקן מיט גרויס נייגעריקייט.

ווען דער עולם האט זיך גענומען צוגיין, האט ער אפגעשטעלט עטליכע און געמאכט מיט זיי א שמועס, אריינגעצויגן זיי ביסלעכווייז אין א געשפרעך, אויסגעפרעגט וואס פאר א מנהג עס איז, זיך געמאכט תם'עוואטע, און אזוי ארום חוקר ודורש געווען. געווען דארט א פרומער איד וואס האט מסביר געווען דעם פארשטעלטען סולטאן וואס מ'טוט ביי קידוש לבנה, איינע פון די זאכן – פירט אויס יענער איד – זאגן מיר "אזוי ווי איך טאנץ קעגן דיר און איך דיך נישט אנרירן, אזוי זאלן מיינע פיינט מיך נישט קענען בארירן מיט שלעכטן!". ער האט צוגעגעבן אז דאס מיינט מען די מלכים פון די אומות העולם, וואס געבן ארויס שלעכטע גזירות אויף אידן, און אין זכות פון קידוש-לבנה פארשטערט דער באשעפער זייערע אלע עצות.

פרעגט דער פארשטעלטער ווייטער – וואס האט איר עפעס זיך געפרעגט און געענטפערט? – שלום עליכם, עליכם השלום!. און האט ווייטער געגעבן צו פארשטיין אז די גאנצע וועלט שטייט אויף שלום, אין די זכות פון אידן, און אויב נישט די אידן וואלט נישט געווען קיין שלום. ווייטער פרעגט דער סולטאן און וואס האט איר אזוי פריילעך געטאנצט? מיר האבן זיך געפרייט מיט דוד המלך. – ווער איז דאס און וואו וואוינט ער? – דער איד האט זיך צולאכט און געזאגט "נארישער מענטש, דו האסטו נישט געהערט פון דוד המלך? – אבער ער איז שוין געשטארבן א לאנגע צייט צוריק? רופט זיך אן דער איד און זאגט "דאס מיינט נאר דער וועלט, ער ליגט און שלאפט זיך אין זיין הייל אויף א גאלדענעם בעטל, זיין קרוין ליגט איהם צוקאפענס, און זיין פידעלע הענגט איבער דעם בעט, יעדע נאכט, ווען דאס צפון ווינט הויבט אן צו בלאזן, כאפט ער זיך אויף און הויבט אן זאגן זיין תהלים, זיינע ווערטער זענען ווי די שארפסטע שווערדן, מיט זיי האלט ער מלחמה מיט אלע אידישע שונאים, ער צורייסט די שלעכטע גזירות פון די בייזע מלכים און שרים, און מאכט זיי אונטערטעניג.

א דערשטוינטער האט איהם דער פארשטעלטער סולטאן ווייטער געפרעגט, וואס האט איר אזוי פריילעך געשריגן? "דוד מלך ישראל חי וקיים, א סימן טוב, א מזל טוב אויף אונדז און אויף כלל ישראל אמן!" – ווי אפט פארזאמעלט איר זיך אזוי? איינמאל אין חודש, ווען די לבנה ווערט גרויס, דעמאלט באנייט מען די מלוכה.

דער סולטאן האט זיך איינגעהאלטען, געמאכט זיך ווי ער וואלט געווען אביסל פארוואונדערט, אביסל צוטומלט, און האט זיך געזעגנט, און איז אוועקגעגאנגען. דער איד איז אהיים געגאנגען זייער רוהיג מיט דעם וואס ער האט געקענט מסביר זיין א פויער וועגן דוד מלך ישראל חי וקיים.

אבער דער סולטאן האט שוין אבער יענע נאכט נישט געקענט שלאפן. פארשידענע געדאנקן איז אריבער זיין מוח, ער טראכט ביי זיך, וואס! איך האב געמיינט אז די אידן זענען מיר געטריי און דינען נאר מיר, צום סוף מאכן זיי גאר גאנצע אסיפות, לאכן פון איהם און זאגן, אזוי ווי זיי קענען נישט אנרירן די לבנה, אזוי קען ער זיי נישט בארירן צום שלעעכטן. זיי האבן זייער אייגענעם קעניג און דינען צו איהם, מאכן פאר איהם א פאראד יעדן חודש, טאנצן אין די גאסן און שרייען, אז ער לעבט אייביג און אלע קעניגן פון דער וועלט זענען זיינע קנעכט, און וואו טוען זיי דאס? אין די גאסן פון זיין מלוכה-שטאט! זיין צארן האט זיך אנגעצינדן נישט געקענט שלאפן א גאנצע נאכט.אינמיטן נאכט איז ער איינגעשלאפן פאר עטליכע מינוט, האט ער גע'חלומ'ט ווי אידן קומען זיך צוזאמען, ווארפן איהם אראפ פון זיין כסא-המלוכה, און זעצן ארויף זייער מלך דוד, דערנאך הרג'ט מען איהם און זיין גאנצע משפחה. ער כאפט זיך אויף מיט גרויס צארן שפרינגט אראפ- פון זיין בעט, שנעל געהייסן צוזאם רופן אלע זיינע עצה געבערס און אלע גרויסע לייט.

נאך דעם זעלבן טאג האט מען געלאזט רופן אלע גרויסע אידישע לייט, די חשובים און נכבדים, און דער סולטאן זאגט צו זיי אזוי "אזוי האט איר מיך גענארט! חייב מיתה זענט איר, מורדים במלכות! איך וועל אייך ווייזן, וואס איך קען טאן מיט אייך, און זאל קומען אייער קעניג, וואס לעבט אייביג, און זאל אייך אפראטעווען פון מיינע הענט."!

די אידן זענען געבליבן שטיין צוטומלטע, דאס לשון איז זיי ווי אוועקגענומען געווארן. און דער סולטאן האט ווייטער גערעדט מיט גרימצארן, געבייזערט זיך, געזידלט, און דערציילט פאר זיינע שרים און גרויסע לייט, אלץ וואס ער האט געזעהן און געהערט.
די אידן האבן געפרובט פאלן צו איהם צו די פיס, זיך פארענטפערן, דערקלערן, אז דאס איז נישט מער ווי א מנהג פון קדמונים, און דאס מיינט מען גאר דעם אמת'ן דוד המלך, וואס האט געלעבט מיט עטליכע טויזנט יאר צוריק, דער סולטאן האט זיי אבער נישט געוואלט אויסהערן, און ער האט ווייטער גערעדט צו זיי מיט גרימצארן, ערשט נאכדעם ווי ער האט זיך שוין געהאט גוט אויסגעשריגן, איז ער שטיל געבליבן אויף א ווײלע און האט אויסגעהערט זייערע רייד, א מינוט האט ער געשוויגן, דערנאך האט ער צו זיי אזוי געזאגט. "אויב עס איז שוין יא אזוי, וויל איך אז איר זאלט מיר ברענגען א מתנה פון אייער מלך דוד, וואס לעבט אייביג, א סימן פון אונטערטעניקייט צו מיר, אויב נישט וועל איך אייך אלעמען ארויסטרייבן פון מיין לאנד, אייער גאנץ פארמעגן וועל איך צונעמען און זיך אפרעכענען מיך אייך, מורדים במלכות!

די חשובים האבן איהם גענומען בעטן, ער זאל אראפנעמען פון זיי די שווערע גזירה, ווייל עס איז נישט קיין מענטשליכע כוח צו טאן אזא זאך. זיי האבן פאר איהם געוויינט און געפרובט ווייכער מאכן זיין הארץ, דער סולטאן האט זיך אבער געהאלטען ביים זייניגן און געזאגט – מורדים במלכות זענט איר, און איך טו מיט אייך צו א גרויסע טובה, איר זענט נישט ווערט צו דעם, נאר מיין רחמנות איז גרויס, אבער ביז אהער און ווייטער נישט! געדענקט א יאר צייט גיב איך אייך, און אויב איר וועט מיר נישט ברענגען קיין מתנה פון אייער מלך דוד, וועל איך זיך אפרעכענען מיט אייך, ווי איך האב געזאגט.

ווי די אידן פון סטאמבול האבן דערהערט, וואס עס האט געטראפן, איז געווארן זייער א גרויסער געוויין, מ'איז געלאפן אין די שוהלן, גוזר תענית געווען, געוויינט און געקלאגט געבעטען ביי דעם באשעפער, ער זאל טאן א נס און ווייך מאכן דאס הארץ פון דעם סולטאן, און איהם אריינגעבן א גוטע מחשבה, מבטל צו זיין די גזירה. מ'האט פראבירט ביי אלע גרויסע באאמטע זיי זאלן פועל'ן ביים סולטאן מבטל צו זיין די גזירה אבער עס האט גארנישט געהאלפן אפילו נישט מיט געלט.

דער שטאט רב, וועלכער איז געווען א גרויסער גאון און בעל-מקובל, איז געווען כמעט דער איינציגער, וואס האט זיין בטחון נישט געהאט פערלאזן, ער האט ביי זיך געשפירט, אז דער

רבונו של עולם, וועלכער האט נאך קיינמאל נישט פארלאזן זיין געליבט פאלק ישראל, ער וועט זיי אויך דאס מאל זיכער אפהיטן פון אלעס שלעכטן.

ער האט צו זיך געשיקט רופן די ראשי הקהל, און אנדערע נכבדים פון דער שטאט, און ער האט צו זיי געזאגט: איר מוזט וויסן רבותי! אז אלעס וואס עס איז אנגעשריבן אין אונזערע הייליגע ספרים, איז זיכער אלעס אמת! און ווען זיי דערציילן אונז אז דוד המלך לעבט נאך און איז נישט געשטארבן, מעגן מיר נישט טראכטן אנדערש. נאר דער הויפט זאך וואס איז פון אונז פארהוילן, מיר ווייסן אבער נישט וואו אונזער אלטער קעניג דוד געפונט זיך, כדי מיר זאלן זיך קענען ווענדן צו איהם דערציילן וועגן די גזירה. דעריבער איז מיין עצה, מיר זאלן אויסקלייבן צוויי תלמידי חכמים, וואס זאלן זיך ארויסלאזן אין דער וועלט ארומזוכן דעם ארט וואו געפונט זיך דוד המלך. איך בין זיכער אז זיי וועלן איהם געפונען, און דאן וועלן זיי איהם קענען בעטן אן עצה ווי אזויאונז אויסלייזן פון די שלעכטע גזירה. ביז א יאר צייט – פירט אויס דער רב – בין איך זיכער אז דער באשעפער וועט אונז נישט פארלאזן, און זיי וועלן מצליח זיין אין זייער שליחות צו געפונען דוד מלך ישראל וועלכער איז באמת חי וקיים! מ'האט אויסגעקליבן צוויי שלוחים גרויסע תלמידי חכמים מיט בריוו פון די טערקישע קהילה אין זייערע הענט, און זיי האבן זיך ארויס געלאזט אויפן וועג זוכן דוד מלך ישראל חי וקיים.

ב.

די שלוחים

די שלוחים זענען געגאנגען פון שטאט צו שטאט, געוויזן צו אלע רבנים די בריוו פון זייערע קהילה, נאך דרייסיג טעג זענען זיי אנגעקומען קיין אלעקסאנדריען אין מצרים וואו דער הייליקער אריז"ל האט געוואוינט. זיי האבן געוויזן דעם שטאט'ס רב דעם בריוו האט ער צו זיי געזאגט: איך בין זיכער אז איר וועט מיט דעם באשעפער'ס הילף מצליח זיין, איר דארפט אבער וויסן מיינע ליבע פריינד, אז דא אין שטאט האבן מיר די זכיה צו האבן צווישן אונז דעם גרויסן מקובל, דעם אר"י הקדוש, וועלכער איז א גרויסער פועל ישועות און האט שוין עטליכע מאהל געראטעוועט כלל ישראל פון שלעכטע גזירות. איר מוזט תיכף נאך היינט גיין צו איהם און איבער געבן דעם בריוו, איך בין זיכער אז מיט זיין כח הקבלה, וועט ער אייך גלייך ווייזן וואו זיך צו ווענדן צו טרעפן דוד המלך.

די צוויי שלוחים האבן געדאנקט דעם רב, און זענען געקומען צום אריז"ל איהם איבער געגעבן די בריוו פון די טערקישן קהילה, און האבן דערציילט דעם אריז"ל וועגן די שרעקליכע גזירה וואס דער סולטאן האט ארויף געלייגט אויף זיי.

דער אריז"ל האט געשמייכלט און געזאגט "ליבע ברודער! איר דארפט אייך גארנישט שרעקן, איר קענט זיכער זיין, אז השם יתברך וועט אייך באלד צושיקן זיין הילף און אייער וואונטש צו זעהן אונזער אלטן מלך דוד.

ווי די שלוחים האבן געהערט די טרייסט ווערטער זענען זיי אנגעפילט געווארן מיט פרישע כוחות, זיי האבן געוואוסט זיכער אז פון אריז"ל ווערטער וועט נישט פאלן איין ווארט. זיי האבן איהם געדאנקט פאר די ווערטער, און איהם געבעטן ער זאל זיי אנווייזן דער וועג וואו זיי דארפן גיין. - איר ווייסט דאך – זאגט דער אריז"ל צו זיי – אז עס איז פאראנען א שטאט מיט'ן נאמען לוז, וועלכע יעקב אבינו, האט געבענטשט, אז אירע אלע איינוואוינערס זאלן אייביג לעבן און קיינמאל נישט שטארבן. גייט דארט אהין, און ווערט געוואויר פון די זקנים, וואו עס געפונט זיך דער ארט וואו עס האלט זיך אויף דוד המלך. דער אריז"ל האט זיי איצט געגעבן סימנים, אויף וועלכן וועג זיי זאלן גיין, כדי זיי זאלן אויף וואס גיכער קענען אנקומען צו דער שטאט לוז.

עס האט ווייטער גענומען א צייט פון פערציג טעג, ביז די שלוחים זענען אנגעקומען אין דעם ווייטן לאנד, וואו עס געפונט זיך דער שטאט לוז. דער וועג איז געווען זייער א ווייטער און פול מיט סכנות, זיי זענען געגאנגען צווישן ווילדע מענטשן, אין מדבריות צווישן ווילדע חיות, שלאנגען מיט עקדיסן. ווילד הויך בערג האבן פארשטעלט זייער וועג און טיפע אפגרונדן האבן זיך געעפנט אונטער זייער פיס. זיי זענען געגאנגען און געבלאנדזשעט ביז צום סוף זענען זיי אנגעקומען צו דער שטאט לוז. דאס איז אבער געווען די נייע שטאט לוז, נישט די דאזיגע וועלכע יעקב האב געבענטשט און א נאמען

געגעבן בית-אל, די שלוחים האבן דאס אבער נישט געוואוסט.

ווי נאר זיי זענען אריינגעקומען אין דער שטאט לוז, האבן זיי זיך נישט אויסגערוהט פון וועג, נאר תיכף געגאנגן צום רב פון שטאט, אים געוויזן די בריוו פון די טערקישע קהילה. און אלעס דערציילט. דער רב הערט זייער ווערטער און זאגט צו זיי, מיינע ברודער און גוטער פריינד, איר האט א גרויסער טעות געהאט, מיר געפונען זיך יעצט אין דער נייער שטאט לוז און נישט אין יענער שטאט לוז וואו מענטשן שטארבן נישט. אבער איך ווייס דעם וועג אהינצוקומען, און ביז דער טאג פון מיין שטארבן טאר איך דאס נישט אנטפלעקן צו קיינעם, נאר צו דער וואס וועט זיין רב נאך מיר. אבער איך זעה אז פון הימל וויל מען אז איך זאל דאס יא אנטפלעקן פאר אייך, וועל איך זעצן א בית דין וואס זאל מתיר זיין די שבועה וועל איך קענען אנטפלעקן וואו דער אלטער שטאט לוז געפונט זיך.

דער רב האט געזעצט א בית דין, זיי האבן איהם מתיר געווען די שבועה, די שלוחים האבן געפאסט דריי טעג און דריי נעכט זיך גע'טובלט אין א טייך אינטער דער שטאט, און דער רב האט צו זיי געזאגט ווי אזוי זיי זאלן אנקומען צו דער אלטער שטאט לוז.

"גייט צווישן די בערג ביז איר וועט צוקומען צו א גרויסן און טיפן פעלזנשפאלט, דארט וועט איר זעהן א רושיג טייכל, זאלט איר גיין מיט דעם טייכל, ביז איר וועט קומען צו זייער א הויכן און דיקן בוים, נעבן דער בוים וועט איר זעהן א גרוב פאר א מקוה, דארט זאלט איר זיך טובל'ן. און אפשר וועט, אין זכות פון כלל ישראל, זיך עפענען פאר אייך דאס קליינע טירל פון בוים, און איר וועט קענען אריינגיין אין דער אלטער שטאט לוז. געדענקט אבער, אייער וועג איז פול מיט די גרעסטע סכנות! איר זאלט זיך שטארקן און זיך מוסר נפש זיין פאר כלל ישראל.

דער רב האט זיי באגלייט א תחום שבת, געוויזן זיי דער וועג פון דערווייטענס. די שלוחים האבן זיך געדרייט צווישן די בערג און געקלעטערט דארט מיט די גרעסטע סכנות. פיהל מאהל האבן זיך שטיינער אויסגעגליטשט פון אונטער זייער פיס, זיי זענען געשטרויכלט געווארן, ביז בלוט. זיי האבן שוין מער קיין כח נישט געהאט צו גיין ווייטער און צו קלעטערן, זיי האבן אויפגעהויבן זייערע אויגן, זיך ארומגעקוקט און געזעהן, ווי עס עפענען זיך אינטער זיי טיפע תהומות, טאלן פון שאדענס פון טויט, גלייכע פעלזן ווענט, פון אונטען רוישט דאס שמאלע טייכל, ווערט גרעסער, ברייטער, ווארפט זיך מיט כח אויף די פעלזן. עס רוישט און ברויזט דער טייך אונטען, אין דעם פעלזנשפאלט, און זייערע הערצער קלאפן. זיי שטארקען זיך און קלעטערן דארט מיט זייער לעצטע כוחות, ביז זיי קומען צו דער בוים. דארט האבן זיי זיך אנידערגעזעצט אויף א מינוט, זיך אפצורוהען און כאפען דאס אטעם, זיי האבן זיך גלייך אויפגעהויבן און גענומען זוכן די מקוה, זיך טובל'ן אין איר.

זיי קומען צו דער מקוה, און קוקן אריין אין איר, און זייערע הערצער איז כמעט געשטארבן פאר פחד, פול איז געווען דער גרוב מיט שלאנגען און עגדיסן, און גרויסע גרינע קראקאדילן האבן ארויסגעשטעקט זייערע ברייט צועפענטע מיילער, מיט ציין ווי זעגן, א שרעק איז געפאלען אויף זיי, זיי האבן געציטערט און אוועק געשפרינגען פון דארט. זייער הארץ איז ווי אפגעשטארבן אין זיי, און זיי האבן זיך געוואקלט אויף די פיס. עטליכע מינוט זענען זיי אזוי געבליבן, פלוצלונג האט זיך איינער פון זיי צעשריגן מיט כוח, "איך וועל זיך מוסר נפש זיין פאר דעם כלל, און זאל דער באשעפער טאן מיט מיר וואס ער וויל"?

מיט גרויס התלהבות האט ער אראפגעווארפן פון זיך די צעריסענע קליידער, און ער איז אריינגעשפרינגען אין דער מקוה פון שלאנגען און עגדיסן מיט גרויס שמחה. דער צווייטער שליח איז געבליבן שטיין... אבער דער באשעפער האט פארשלאסן די מיילער פון די שלאנגען און עגדיסן און אלע אנדערע מזיקים, זיי האבן זיך געריקט אין א זייט צו דיוועגט פון דער גרוב. ער האט יעצט געהאט א פריי ארט און זיך גע'טובל'ט דארט און איז ארויס מיט גרויס שמחה. אלע זיינע איברים האבן ממש געזינגען שירה צום באשעפער. ער האט געשטארקט זיין חבר זאל איהם נאך טאן. אבער דער חבר וואס איז אריינגעפאלן אין א טרויערקייט האט דאס נישט געקענט טאן. דערנאך האבןביידע זיך גענומען זאגן תהלים מט גרויס כונה, עס זאל זיך עפענן דאס טירל אין דער בוים.

עס נעמט נישט לאנג, און א קליין טירל האט זיך פלוצלונג געעפענט אין דעם בוים, און א קול איז ארויסגעקומען פון דארט און האט אויסגערופן: זאל אריינגיין נאר דער וואס האט זיך גע'טובל'ט און דער צווייטער זאל בלייבן זיצן אוןווארטן ביים בוים.

דער שליח וואס האט זיך מוסר נפש געווען, האט זיך געאיילט מיט גענומען מיט זיך אלע כתבים פון די רבנים און צדיקים און זיך געזעגנט פון זיין חבר און איז אריין אין בוים.

ג. אין דער שטאט לוז

דאס טירל האט זיך גלייך פארהאקט, און עס איז נישט געבליבן קיין זכר פון דעם. דער שליח איז געבליבן שטיין אין א טויער שטילקייט, נישט געוואוסט וואו זיך צו רירן. א שווערער וואלקען, האט זיך ארפגעלאזט אויף איהם, ער האט נישט געקענט זעהן אדער הערן עפעס. ס'איז געווען א שווארץ שטילקייט דארט. פלוצלונג האט א בליץ איבערגעריסן די פינסטערניש און באגאסן די הייל מיט ליכט. פון דער ליכט האט זיך דערהערט א קול וואס האט אויסגערופן: "פיל נסיונות ביזטו אויסגעשטאנען אין דיין לאנגן וועג, האסט זיך מוסר נפש געווען אין דער מקוה פון שלאנגען און עגדיסן, געלייטערט דיין נשמה, יעצט האסטו די זכיה אריינצוקומען אין דער שטאט לוז, פריי און אפן איז אפר דיר די גאנצע שטאט. גיי צו דער גרויסער ישיבה און פון דארט וועט קומען דיין הילף"!

ער גייט ווייטער אין דער הייל, פון דער הייל איז ער אריין אין א וועלדל פון לוז-ביימער, ביז ער איז געקומען צו אן אויסגעטראטענע וועג, צו א גרויסער שטאט. ער זעהט אלטע הייזער מיט הויכע טורמעס, ענגע און שמאלע גאסן, פיל מיט מענטשן. ער נעמט זיך גיין וואס שנעלער צו דער ישיבה. קומט דארט אריין און זעהט ווי אלט און יונג זיצן דארט און לערנען תורה מיט א קול. ער דערציילט זיי וואס האט איהם געברענגט צו דער ארט, און בעט זיי זאלן איהם פירן צו זייערע רב.

די זקנים און תלמידי חכמים האבן געזיפצט און געזאגט, אונזער רב שלאפט א גאנץ יאר, נאר איין טאג כאפט ער זיך אויף, דעמאלט ברענגען מיר צו איהם אלע שווערע דין תורות און הארבע שאלות. און עס זענען שוין אריבער דריי חדשים פון דער לעצטע מאהל וואס ער איז איינגעשלאפן.

דער שליח האט זיך שטארק צעוויינט און ער האט געזאגט: ווי איז צו מיר, נאך אזוי פיל סכנות וואס וועט ווערן מיט די אידן אין טערקיי? זיי האבן איהם גענומען טרייסטן און האבן איהם געזאגט, אפשר אין דער זכות פון כלל ישראל וועט דער רב זיך אויפכאפן פריער, און ער וועט דיר קענען העלפן. און מיר וועלן תיכף גיין מתפלל זיין אז דער באשעפער זאל אייך פירן ווייטער אין דער ריכטיגע וועג...

ד. אין דוד המלך'ס הייל

נאך די תפילות פון די זקנים, האט זיך דער רב פלוצלונג אויפגעכאפט, געהערט דאס דאוונען און געוויין, און ער געט א געשריי "שמש!" דער שמש האט זיך שנעל געאיילט און איז אריין צום רב און דערציילט וואס די געוויינען זענען. דער רב הייסט אז דער שליח זאל אריינקומען. ער קומט אריין און האט גענומען שלום ביים רב. און דערציילט וועגן די שלעכטע גזירה אין טערקיי. און ווי פון הימל האט מען מודיע געווען פאר דעם אר"י הקדוש אז פון דא וועט קומען זיין ישועה.

דער רב טרייסט איהם מיט ווערטער און זאגט איהם אז ער וועט מיט איהם מיט שיקן א שליח צו דוד המלך, או ער וועט זיכער נישט צולאזן אז עס זאל געשעהן שלעכטס צו די אידן וועגן איהם. דער שליח פרעגט דעם רב ווער ער איז, ווייל אויב דוד המלך וועט איהם פרעגן ווער עס האט איהם געשיקט דא זאל ער וויסן וואס צו ענטפערן. זאגט דער רב אז מיין נאמען איז עירה היאירי, דוד'ס פריינד.

דער שליח גייט מיט דעם שמש ביז דוד המלך'ס הייל, זיי גייען איבער בערג און טאלען, איבער שטעכעדיגע דערנער און שפיציגע פעלזען, ביז זיי קומען צו דער הייל. דא האט דער שמש געזאגט, אז ער האט מער נישט קיין רשות צו גיין ווייטער. און דער שליח מוז אליין גיין. דער שליח קלאפט אויף דער הייל מיט א תפילה צום באשעפער אין זיין מויל און דער טויער פון הייל האט זיך געעפענט, ער גייט דארט אריין מיט

גרויס פחד און מורא. דער הייל איז באלאכטן מיט א באזונדערע ליכט, דער שליח האט מורא צו קוקן אין די שטארקע ליכט. און פארמאכט זיינע אויגן. דערווייל הערט ער א קול וואס רופט אויס: "עפן דיינע אויגן און קוק זיך ארום! וואיל איז דיר וואס האסט זוכה געווען צו זעהן דוד המלך. אט ליגט ער דא און דרימלט באלד וועט ער זיך אויפכאפען און אנהויבן צו זינגען שירות ותשבחות פאר דעם באשעפער. איבער זיין בעט הענגט א פידעלע, וואס דארף אנהויבן צו זיננגען ווען דער צפון ווינדט בלאזט אויף איר, גיי אריין אין דעם צימער וואו דוד המלך געפונט זיך און גיס אויס דיין הארץ און האב נישט קיין שום מורא פון גארנישט"!

דער שליח טוט אלעס וואס דער קול האט איהם באפוילן, מיר קענען אפילו נישט פארשטעלן ווי שיין און פראכטיג עס איז געווען דער צימער וואו דוד המלך איז געווען. דוד המלך איז געלעגן אויף א גאלדענעם בעטל, נעבן איהם א גאלדענע מנורה. ער קומט נענטער און בוקט זיך צו דוד המלך און דערציילט איהם אלעס וועגן די ביטערע גזירה. רופט זיך אן דוד המלך און זאגט "וויין נישט מיין קינד, דער באשעפער וועט העלפען!" ער נעמט ארויס אן עפל, דאס צושניטן אין פיר חלקים, געגעבן דעם שליח און געזאגט, די דאזיגע פיר שטיקלעך עפל זאלסטו מיטנעמען מיט זיך, איין פערטל זאלסטו האלטן פאר זיך, דאס צווייטע זאלסטו געבן פאר מיין חבר עירה היאירי, דאס דריטע זאלסטו געבן דיין חבר, וואס שטייט אינדרויסן פון דער שטאט, און דאס פערטע זאלסט ברענגען דעם סולטאן, און גיי און האב נישט קיין שום מורא.

דער שליח איז ארויס מיט גרויס שמחה, ביז ער איז אנגעקומען מיט גרויס שמחה צוריק אין דער שטאט איסטאמבול אין טערקיי.

אין דער צייט איז דער סולטאן זייער שטארק שלאף און קראנק געווארן, די גרויסע דאקטוירים האבן גארנישט געקענט טאן איהם צו העלפען. מ'האט אויסגרופן אין די גאנצע לאנד, ווער עס איז א דאקטאר זאל קומען און היילן דעם סולטאן. א פחד איז געפאלן אויף דער גאנצער שטאט, עס האט זיך נישט געפונען איינער וואס זאל זיך אונטער נעמען צו היילן דעם סולטאן. אן עס איז געווארן א גרויס מהומה אין שטאט.

פונקטלעך דעמאלט זענען צוריק געקומען די צוויי שלוחים ווי זיי האבן געהערט וואס עס טוט זיך דארט אין שטאט, האבן זיי געמאלדן פאר דעם גרויס-וויזיר און געזאגט, מיר זענען באוואוסטע דאקטוירים, פון א ווייטער מדינה, לאז אונז אריין צום סולטאן און מיר וועלן איהם געזונט מאכן. זאגט אבער דער גרויס-ווייזיר צו זיי, איר ווייסט אז א דאקטאר וואס גייט היילן דעם סולטאן שטעלט איין זיין קאפ אויב ער איילט איהם נישט? האט דער שליח וואס איז געווען ביי דוד המלך געזאגט, איך בין גרייט אויף דעם!

מ'פירט איהם צו דעם סולטאן, דער סולטאן ליגט פארשלאפט מיט פארמאכטע אויגן, און אטעמט זייער שווער, ער נעמט שנעל ארויס דעם פערטן שטיקל עפל, און לייגט דאס נעבן דעם נאז פון דעם סולטאן. דער סולטאן עפנט זיינע אויגן, און כאפט זיך אויף ווי פון א שווערע חלום. זייער א דערשראקענער, און גענומען בעטן דאס מ'זאל איהם שענקען זיין לעבן. און ער האט געזאגט "גרויסער מלך, וואס לעבט אייביג, זיי מיר מוחל! נאריש בין איך געווען און האב נישט געוואוסט פון דיין גרויסקייט, זיי מיר מוחל און שיק מיר א צייכן פון לעבן, און איך וועל שוין וויסן ווי אזוי זיך צו פירן.

דער שליח זאגט צום סולטאן , זאל אונזער מלך לעבן און נישט האבן קיין מורא, א מתנה פון מחילה האב איך געבראכט פון דוד המלך. ער האט איהם געגעבן דאס פערטל חלק עפל, דער סולטאן האט עס אויפגעגעסן, דערכאפט זיך דאס הארץ און איז געזונט געווארן.

דער סולטאן האט געהייסן, מ'זאל אריינברענגען פאר איהם, מיט גרויס כבוד, די ראשי הקהל און אלע אידישע חשובים. מ'האט זיי געברענגט מיט גרויס כבוד. דער סולטאן האט זיי איבערגעבעטן, און צו זיי געזאגט "זייט מיר מוחל קינדער פון דעם הייליגן פאלק, וואס איך האב אייך פארשאפט צער. בעט רחמים פאר מיר ביי אייער מלך דוד, ער זאל מיר מוחל זיין אויף מיין נארישקייטט און זינד, און איך וועל עדות זאגן פאר די גאנצער וועלט אז ער לעבט אייביג.

ער האט דערציילט די אידן וועגן דעם חלום וואס ער האט געהאט ווי מ'האט גע'פסק'נט פאר איהם חייב מיתה אין בית

דין של מעלה ווייל ער האט מורד במלכות געווען אין דוד המלך. די ראשי הקהל האבן דאס געהערט האבן זיי געלויבט דעם באשעפער פאר דעם גרויסן חסד וואס ער האט געטאן מיט זיי. דער סולטאן האט פארשטייט זיך גלייך מבטל געווען די גזירה און האט דאס צעריסן בעפאר די אויגן פון אלע חשובי הקהל, און זיי נאך באשאנקען פיל מיט מתנות. און פאר די אידן אין טערקיי איז געווארן ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר כן תהיה לנו אמן.

---

## דאקטאר גארדאן ווערט א בעל תשובה

עס איז אמאל אריינגעקומען צום הייליגן מגיד פון מעזריטש זי"ע א איד פון ווילנא וואס איז געווען א מתנגד, ער האט נישט געגלייבט אין די חסידישע רביים. ער איז אריין צום מגיד פראוון זעהן ווער דער מגיד איז. ווי ער איז אריינגעקומען האט איהם דער מגיד געזאגט: מיין קינד זאלסט וויסן אז נישט קיין רפואות היילן דעם קראנקן מענטש, נאר די דאקטוירים, ווייל מיט יעדן דאקטאר גייט מיט א מלאך, און מיט דעם גרעסטן דאקטאר גייט דער מלאך רפאל אליין. דער מתנגד האט גארנישט פארשטאנען וואס דער מגיד וויל מיט די ווערטער. ער קלערט ביי זיך, געלויבט השי"ת איך בין געזונט און דארף בכלל נישט קיין דאקטאר!

בקיצור ער איז אוועק פון דארט און איז צוריק אהיים געפארן, ער האט זיך געזוימט אין וועג א דריי חדשים ביז ער איז אהיים געקומען קיין ווילנא. ווי נאר ער איז אהיים געקומען, איז ער געווארן קראנק, קיינער האט נישט געוואוסט פון וואנען די קראנקהייט נעמט זיך. מען האט גענוצט אלע דאקטוירים, און קיינער האט איהם נישט געקענט העלפן. אזוי ווייט אז ער האט שוין געהאלטען ביים שטארבן.

דער איד איז אבער געווען א גרויסער חשוב אין דער שטאט ווילנא, די גאנצע שטאט האט זיך געזארגט פאר זיין לעבן, אז מען האט געהערט אז ער איז שוין א גוסס איז דער גאנצע שטאט זיך צוזאמגעקומען און מ'איז געשטאנען נעבן זיין בעט. ווי זיי שטייען דארט הערן זיי, אז דער פרייסישער קעניג איז געקומען קיין ווילנא. האבן די מענטשן זיך באראטן צו בעטן דעם קעניג אז ער זאל זיי ערלויבן צו שיקן זיין לייב דאקטאר צו באזוכן דעם חולה, אפשר וועט דער דאקטאר קענען איהם ראטעווען! פון די חשובי העיר זענען געגאנגען צום קעניג און בעטן רשות פאר דעם קעניג'ס דאקטאר, דאקטער גארדאן זאל קומען באזוכן דעם חולה.

דער קעניג האט זיי געגעבן די ערלויבעניש, זיי האבן געבעטן דעם דאקטאר אליין און ער איז מיט זיי געגאנגען אין שטוב פון דעם חולה. ער האט א קוק געגעבן אויף דעם חולה, איז ער בייז געווארן פאר וואס מען האט איהם געבראכט צו א מענטש וואס האלט שוין ביים שטארבן. ער האט געזאגט: בין איך דען א ג-ט וואס קען מחיה מתים זיין? ער האט געוואלט ארויס גיין, אבער ער האט זיך נישט געקענט אדורך שטיפן דורך דעם גרויסן עולם וואס איז געווען דארט. עס גייט אריבער א פערטל שעה און דער דאקטאר גוט א קוק אויף דעם חולה זעהט ער אז ער איז בעסער געווארן, זאגט ער אז עס קען מעגליך זיין אז א געוויסע רעצעפט וועט איהם העלפן. האט ער געהייסן דער גאנצער עולם ארויס גיין, ער האט זיך געזעצט און האט אים נאכאמאל באטראכט, און האט אויף געשריבן איין רעצעפט און האט אוועק געשיקט אין דער אפטייק צו נעמען דעם רעצעפט. ער פארזוימט זיך נאך מער ביים חולה און ער זעהט ווייטער אז דער חולה איז פיל בעסער

געוואר׳ן, און דארף שוין יעצט א אנדערע רעצעפט. האט ער שנעל געשיקט א שליח אומקערן דעם ערשטן שליח, און האט אנגעשריבן א צווייטער רעצעפט.

ווי דער צווייטער שליח איז אוועק פון דארט, האט ער ווייטער געזעהן אז דער חולה ווערט נאך בעסער, האט ער געשריבן א אנדערע רעצעפט. בקיצור עס איז אזוי געווען עטליכע מאהל, דער דאקטאר האט גאר נישט פארשטאנען וואס דאס איז, ער האט קיינמאל אזוינס נישט געזעהן. ווי ער שטייט און וואונדערט זיך אזוי, זעצט זיך אויף דער חולה און זאגט איך בעט אייך בלייבט דא מיט מיר נאך אביסל ווייל איר אליין היילט מיר און נישט די רעצעפטן. ווייל דער רבי האט מיר געזאגט אז מיט דעם גרעסטן דאקטאר גייט מיט דער מלאך רפאל אליין, קען מען געזונד ווערן אן רפואות. איך האב דעמאלט נישט געוואוסט וואס דער מגיד האט געמיינט מיט די ווערטער, און היינט זעה איך אז עס איז טאקע אזוי.

דער דאקטער איז געווען א איד, אבער ווייט פון אידישקייט, ווי ער האט דאס געהערט האט ער איהם געפרעגט ווער איז דער רבי? האט ער אים געזאגט אז דאס איז דער מעזריטשער מגיד. האט דער דאקטאר געזאגט אז ער קען דאס פארשטיין מוז ער זיין איין גרויסער צדיק. דער נאך איז דער דאקטאר אליין געפארן צום הייליגן מגיד. ווי ער איז אריינגעקומען צום מגיד, און באוואוסט איז אז דער מגיד איז געווען א קראנקער אויף די פיס. האט איהם דער מגיד געזאגט, איר זאלט מיר אויסהיילן דעם גוף און איך וועל אייך אויסהיילן די נשמה. אזוי איז דער דאקטאר געווארן א בעל תשובה, און שפעטער פון די חשוב׳סטע תלמידים פונעם הייליגן מגיד זי״ע.

---

# נאר איין פאטש

א.

דער פאטש

מיט בערך דריי הונדערט יאר צוריק האט אין שאריגראד געלעבט א רב מיט׳ן נאמען רבי דוד צבי אויערבאך. ער איז געווען א גרויסער למדן, אבער אויך א גרויסער קפדן – א נוח לכעוס. די הנהגה פונ׳ם רב איז געווען אויפצושטיין יעדן טאג בעלות, אפצודאווענען ביחידות ביז ״ברוך שאמר״. דערנאך זיך זעצן לערנען און ווארטן ביז משה שמש זאל קומען, אנקלאפן אין פענצטער און זאגן: ״רבי, דער עולם ווארט!״ דעמאלט האט דער רב ר׳ דוד צבי מפסיק געווען דאס לערנען, אויף גיך זיך אנגעטאן זיין קאפאטע אויף איין ארבל און זיך געאיילט אין בית-המדרש, וואו דער עולם האט אויף אים געווארט ביי ״ברוך שאמר.״

אט אזוי איז עס אנגעגאנגען פיהל יארן. ר׳ דוד צבי, דער רב, איז געווען א גרויסער זהיר אין תפילה בציבור און קיינמאל נישט געדאוונט ביחידות. שבת פרשת שמות, האט זיך דער פרנס-חודש געגרייט אויפצורופן, צו דער חתונה פון זיין זון, דעם חתן עולה לתורה זיין, ווי דער מנהג איז פון קדמונים אן. האט ער געשיקט משה שמש צו פערבעטן אלע שענסטע בעלי-בתים פון שטאט. איז דער שמש געווען שטארק טרוד און האט פארגעסן צו רופן אין צייט דעם רב צום דאוונען. קהל האט, ווי שטענדיק, געווארט א שטיקל צייט, און אז מ׳האט געזען, אז דער רב קומט נישט, האט מען געמיינט, אז ער איז, חלילה, נישט אינגאנצן געזונד ,האט מען מער נישט געווארט און ממשיך געווען דאס דאוונען. ווען מ׳האט שוין געהאלטן ביי ״ברכו״, האט זיך דער שמש געכאפט אויף זיין זכרון, וואס ער האט פארגעסן צו רופן דעם רב, איז ער, מיט גרויס פחד און

מורא פארן אלטן רב, געלאפן צו אים און אויפן געוויינטליכן אויפן אנגעקלאפט אין פענצטער: "רבי, דער עולם ווארט!". רבי דוד צבי האט ווי זיין שטייגער שנעל ארויפגעכאפט זיין קאפאטע און זיך געאיילט צום דאווענען. דער שמש איז אים נאכגעגאנגען. ווען דער רב איז צוגעקומען נאנט צום בית-המדרש אין דערהערט, אז קהל זאגט שוין "ברכו", איז ער געווארן מלא חימה אויפן שמש, אים שטארק גערזידלט, און ווען דער שמש האט זיך געוואלט פארענטפערן, איז דער רב אריין נאך אין א גרעסערע הקפדה, דערלאנגט דעם שמש א פראסק אין באק, אויף שנעל אריין אין בית המדרש, געשטעלט זיך אויף זיין מקום קבוע, נעבן ארון-הקודש, אייגעהילט זיך אין טלית און אנגעהויבן דאווענען. אבער זיין תפילה, וואס איז שטענדיג געווען מיט התלהבות און גרויס דביקות, איז דאסמאל געווען קאלט און אן א טעם.

ב.

די עלי' פון שלישי

אין יענע צייטן איז געווען דער מנהג אויפצורופן דעם רב יעדן שבת אין אים געבן "שלישי". אויך דעם שבת איז דער רב עולה לתורה געווען צו "שלישי". געמאכט די ברכות מיט גרויס כוונה און זיך מרכז געווען צו הערן און נאכזאגן יעדעס ווארט פונ'ם בעל-קורא. מ'האט געליינט די סדרה "שמות". און פלוצים איז דער רב שטארק דערשראקען געווארן ווען ער האט דערהערט ווי דער בעל קורא ליינט: "ויצא ביום השני והנה שני אנשים עברים נצים, ויאמר לרשע למה תכה רעך" א דערשראקענער איז ער געשטאנען, נאכגעזאגט דעם בעל-קורא ווארט ביי ווארט: "רשע למה תכה רעך", און פאר זיינע אויגן זענען מיטאמאל אויפגעשווימען אלע צוווארפענע מימרא'ס פון תלמוד און מדרשים וואס האבן א שייכות צו דעם פסוק. "ר' חנינא זאגט דאס וואס פאטשט די באק פון זיין חבר איז גלייך ווי ער וואלט געפאטשט די באק פון די שכינה" (סנהדרין נח) "ריש לקיש זאגט דער וואס הייבט אויף זיין האנט אויף זיין חבר, אפילו ווען ער האט אים נישט געשלאגן, ווערט אנגערופן רשע" [מדרש רבה, טו] און נאך אזעלכע מאמרים חז"ל.

איז אים בשעת'ן ליינען קלאר געווארן, אז ער איז באגאנגען א גרויסע עוולה און אז מן השמים איז מען אים מרמז, אז ער איז א זינדיקער... איז ווי אזוי וועט ער קענען קוקן דעם שמש אין פנים אריין? ווי אזוי וועט ער, דער רב, קענען ווייטער זיין דער מורה-הוראה, און מורה-דרך פון זיין עדה אידן? די גמרא זאגט דאך בפירוש: "אויב א רב איז נישט געגליכן צו א מלאך, טאר מען נישט פארנעמען קיין תורה פון זיין מויל" [מועד קטן יז]. ער האט זיך אבער באלד געשטארקט, געטראכט, עס איז שבת היינט, טאר מען זיך נישט מצער זיין – דער באשעפער וועט זיך דערבארעמען. דער בעל-קורא האט געענדיקט די פרשה, דער רב האט געמאכט די צווייטע ברכה, אראפ פון דעם באלעמער, פארענדיקט דאס דאווענען, אהיימגעגאנגען און אנגעהאלטן דעם שבתדיקן געמיט צושטאנד ביז נאך הבדלה.

ג.

דער רב גייט אין גלות

יעדן מוצאי-שבת פלעגט דער שמש קומען צום רב זיך נאכצופרעגן וועמען מ'דארף מזמין זיין צו א דין תורה, אדער טאן א אנדער שליחות בית-דין. איז אויך דעם מוצאי שבת דער שמש, ווי אלעמאל, געקומען צום רב אין הויז. דאס הארץ האט אים געקלאפט, ער האט זיך געריכט אויף א עונש פונ'ם רב, דער קפדן, פאר דעם מכשול, וואס ער האט אים גורם געווען עובר צו זיין דעם זמן-התפילה. באלד אבער ווי דער רב האט אים דערזען, האט ער אים אריינגערופן אין זיין חדר מיוחד, אנגעהויבן זיך בעטן ביי אים מיט טרערן אין די אויגן, אז ער זאל אים מוחל זיין פאר דעם וואס ער האט אויף אים געהויבן די האנט. ער וועט נישט קענען ווייזן זיין פנים פאר קהל, אויב ער וועט אים נישט מוחל זיין פאר זיין רשעות, - האט דער רב זיך געבעטן מיט טרערן.

וואס מער אבער דער רב האט זיך ביי אים געבעטן, אלץ מער איז דער שמש מבולבל געווארן, ער האט בשום אופן נישט געקענט באגרייפן ווי אזוי איז דאס מעגליך, אז דער רב, דער למדן, דער קפדן, וואס די גאנצע שטאט איז אונטערטעניק צו אים און ציטערט פאר זיינעם א ווארט, אז ער דער רב זאל גאר שטיין און זיך בעטן מיט טרערן און תחנונים, אז ער, דער שמש, דער פראסטאק, זאל גאר אים מוחל זיין. אדרבא, דער שולדיקער איז דאך ער און נישט דער רב!

עפענט זיך ביים שמש א קוואל פון טרערן און ער צוווינט זיך און בעט ביים רב רחמים אויף זיך און אויף זיינע בני-בית, ער זאל אים נישט מעביר זיין פון זיין שמשות. ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך יעדן עונש, וואס דער רב וועט אויף אים ארויפלייגן, אבי נישט צו פארלירן זיין מקור פון פרנסה.

״ -רבי! כ׳האב חלילה קיין בייז נישט געמיינט! בלויז צוליב גרויסער טירדה פון די שמחה האב איך זיך מסיח-דעת געווען! רבי, האט רחמנות.״!

און בשתע מעשה האט ער זיך באגאסן מיט זודיקע טרערן און געכליפעט אויפן קול ווי א קליין קינד.

אט אזוי זענען זיי געשטאנען איינער אנטקעגן צווייטן איבער א שעה. דער רב בעט מחילה ביים שמש און דער שמש בעט א תשובה ביים רב. עס האט זיך דעם רב בשום-אופן נישט איינגעגעבן ארויס צו קריגן פונ׳ם שמש, אז ער איז אים מוחל.

אויף מארגן, זונטיק, אזי די גאנצע שטאט שאריגראד געגאנגען אויף רעדלעך: דער אלטער רב איז נישטא! מ׳האט אים שוין געהאט געזוכט אין בית-מדרש, אין מקוה, אויפן הייליקן ארט, אינ׳ם ביקור חולים, אינ׳ם הקדש, און אין אנדערע קהל׳ישע ערטער, אבער אין ערגעץ אים נישט געפונען.

האט מען פארשטאנען, אז נישט אומזוסט איז דער רב פארשוואונדן, מסתמא איז ער אוועק אפצוריכטען גלות. האבן אלע באדויערט, וואס זייער מורה-דרך האט זיי פארלאזן, און מ׳האט געהאפט, אז עס וועט לאנג נישט דויערן ביז דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זיין אויף די פאריתומטע קהילה, און צוריק ברענגען זייער רב, דעם צדיק.

ד.

דער אורח ביים פרנס

און ר׳ דוד צבי איז טאקע אוועק אפריכטן גלות. ווי געאגט – נישט געוכטיקט, און וואו גענעכטיקט – נישט געטאגט. געוואנדערט מעיר לעיר ומכפר לכפר. אין א קורצער צייט איז זיין שיינער גרויער קאפ און זיין הדרת-פנימדיקע בארד געוואָרן ווילד פארוואקסן, זיין ליכטיקער איידעלער צורה – געוואָרן פיל מיט קנייטשן און אפגעצערט. זיינע קליידער צעריסן אויף פיצלעך, קרוע ובלוי – דאך האט מען דערקענט אין אים דעם תלמיד-חכם און אים אומעטום נוהג כבוד געווען.

אזוי זענען אריבער דריי יאר.

נאכדעם ווי די דריי יאר זענען אריבער, האט דער רב געזאגט צו זיך אליין: ״שוין דריי יאר ווי איך בין נע-ונד און עס איז מיט מיר נישט געשען אזעלכעס, וואס כ׳זאל קענען באטראכטען ווי א עונש אויף מיין גרויסן חטא, איז דאך מסתמא דער רצון פון דעם באשעפער, אז כ׳זאל מקבל זיין מיין עונש, דווקא אויפן ארט פונ׳ם חטא, וועל איך זיך דעריבער אומקערן אהיים, און ווארטן אין דערהיים אויף מיין עונש. און דער, וואס עפענט דעם טויער פאר די וואס קלאפן אן מיט תשובה, וועט איינזען מיין פיין און וועט מיך נישט פארלאזן אין דער צייט פון מיין זקנה.

ערב שבת, פרשת שמות, פאר ליכט-בענטשן, איז ער אנגעקומען צוריק קיין שאריגראד, אריינגעגאנגען אינ׳ם גרויסן בית-המדרש. וואו ער האט געדאוונט אלע יארן פון זיין רבנות. אוועקגעלייגט דאס פעקעל אין פאליש און א באהויגטער זיך געשטעלט דאוונען אין א ווינקעל, פיל מיט האפענונגען, אז די טעג פון זיין פיין וועלן לאנג נישט דויערן.

קיינער האט אים נישט דערקענט, מ׳האט אים אנגענומען ווי א געוויינטליכן ארעמאן, א חוזר על הפתחים. נאך קבלת שבת האט דער שמש, ווי דער מנהג איז געווען אין יענע צייטן, צושטעלט די אנגעקומענע ארעמעלייט, די פרעמדע אורחים צווישן די בעלי-בתים מתפללים. חשובע ארעמעלייט האט ער געשיקט צו חשוב׳ע בעלי בתים, און די פראסטע ארעמעלייט צו פשוט׳ע בעלי בתים. איז דער שמש צוגעגאנגען צום רב און געזאגט: ״ר׳ איד, די היינטיקע סעודה וועט איר עסן ביים פרנס, אט דארטן גייט ער, גייט אים נאך.״

איז ר׳ דוד צבי נאכגעגאנגען דעם פרנס. אריינגעקומען גלייך מיט אים אין הויז, געזאגט ״גוט-שבת״ און נאכן ״שלום עליכם״ האט מען, כנהוג, געמאכט קידוש, געזונגען זמירות און צווישן

איין געריכט און צווייטן גערעדט דברי-תורה. האט דער פרנס געזען, אז זיין אורח איז א בר-אוריין, א איד א תלמיד חכם, האט ער נאכן עסן צו אים אזוי געזאגט: "ווי וועט איר אין אזא קאלטער, פראסטיקער נאכט ארומזוכן דעם "הכנסת אורחים" צום שלאפן. עס איז גאנץ ווייט פון דאנען, נעכטיקט-זשע איבער שוין דא ביי מיר און אים ירצה השם, מארגן אין דערפרי, וועלן מיר צוזאמען גיין אין בית המדרש דאוונען און איר וועט שוין אויך עסן ביי מיר די אנדערע צוויי שבת'דיקע סעודות."

מ'האט אויסגעבעט א געלעגער, טאקע אינ'ם עס צימער, און ר' דוד צבי האט זיך א מידער געלייגט שלאפן.

ה.

א פאטש פאר א פאטש

דער שבת פרשת שמות, איז אויך דער שמש אינדערפרי געקומען צו פארבעטן די פרוי פונ'ם פרנס מיט איר יונגער שנור, וואס האט חתונה געהאט מיט איר זון מיט דריי יאר צוריק צו א שמחת שבע ברכות ביי איינעם פון די גאר חשוב'ע בעלי בתים. דער שמש האט זיי געזאגט זיך נישט צו זוימען לאנג, ווייל מ'וועט ווארטן אויף זיי צו פירן די כלה אין שול אריין. האט מען אויף שנעל אפגעטרונקען די שבת'דיגע קאווע און זיך גענומען אנטאן אין די בגדי שבת. ווען די יונגע שנור האט געהאלטן אין אנטאן איר צירונג, האט זי זיך געכאפט, אז דאס שנירל פערל, די מתנה פון איר שווער, - פעלט. זי געדענקט קלאר, אז נעכטן אוונט האט זי אנידערגעלייגט דאס שנירל אונטערן טישטאך, נעבן די זילבערנע לייכטער און איצט איז עס נישטא.

מורמלט מען – אפשר האט די דינסט געגנבעט. זאגט די באלעבאסטע, די פרוי פון פרנס, ניין! דאס איז נישט מעגליך. צוואנציק יאר, אז זי באדינט אונז, זי האט מיינע קינדער דערצויגן, מיר פארלאזן זיך אויף איר ווי אויף א כשרער אידישער טאכטער. ניין, זי האט דאס נישט געטאן, זי וועט ביי אונז נישט גנבענען.

"אפשר דער שמייסער, דער פערד טרייבער?" – האט מען געפרעגט, "ניין! עס איז דאך היינט שבת, און שבת קומט ער נישט!" – האט דער בעל הבית אינפאמירט. "אפשר דער אלטער שומר, דער גוי וואס איז געקומען איינהייצן דעם אויוון?". "דאס קען אויך נישט זיין" – טענה'ט דער פרנס – "ער איז מיין באליבסטער דינער שוין פון כמה יארן, פאר אים קען איך גאראנטירן."!

בקיצור דער טומל איז גרויס. די שנור וויינט, די שוויגער טרייסט איר. די דינסטן און משרתים זוכן אין אלע פארבארגענע ווינקעלעך. דער פרנס, ר' דן, בארוהיגט אלעמען און זאגט צו דער שנור, צו קויפן איר א אנדער שנירל פערל און בעט זיך: "הערט אויף צו וויינען און האבן צער, עס איז שבת היינט, טאר מען זיך נישט מצער זיין, און נאך מער טאר מען נישט חושד זיין בכשרים!". דערוויל זיצט ר' דוד צבי דער רב אין א זייט און זאגט תהלים, דערוויל איז איינער פון די אנגעשטעלטע צוגעגאנגען צו ר' דוד צבי'ן און גיט ביי אים א פרעג: "פעטער, אפשר ווייסט איר וואו די פערל זענען אהינגעקומען? אפשר האט איר באמערקט ווער עס איז גאנץ פרי דא געווען? איר זענט דאך די גאנצע צייט נישט ארויס געגאנגען און געזעסן זענט איר דא אליין."!

ר' דוד צבי האט געענטפערט מיט עניוות און מיט א געבראכן הארץ, אז ער האט די פערל נישט געזען. עס איז טאקע אמת, אז ער איז פון ארט נישט אפגעטראטן, אבער ער האט נישט געזען, אז אימיצער זאל זיי האבן גענומען. האבן די משרתים אנגעהויבן צו מורמלען: "אפשר טאקע דער אורח."...?

אינמיטן פון דעם אלעמען לויפט גיך אריין דער שמש און הויבט אן שרייען אויפן קול: "איילט זיך, איילט זיך! די כלה און אלע ווייבער ווארטן אויף אייך מיט פירן זי אין שול אריין. אויך קהל ווארט מיטן דאוונען. איילט-זשע זיך, זייט מוחל, און קומט שנעל."!

אז מ'האט אים געזאגט, אז דאס שנירל איז פארלארן געווארן, האט ער זיך צובייזערט מיט א געשריי: "נו, איז וואס! וועט זיין גוט אן די פערל. די שנור פונ'ם פרנס וועט מען אויפנעמען מיט גרויס כבוד אויך אן דעם שנירל פערל. קומט! קהל ווארט! מ'טאר נישט מעכב זיין."!

דערוויל האט ער דערהערט ווי מ'שושקעט זיך וועגן אלטן ארעמאן. די משרתים ווארפן א חשד אויף אים. האט ער זיך אריינגעמישט און א זאג געטאן: "ס'לייגט זיך אויפן שכל, אז עס איז זיין ארבעט, ווייל ווער דען האט דאס געקענט צונעמען אויב נישט ער? לאזט נאר מיך רעדן מיט דעם תמעוואטען אידן, איך קען זיי, די חברה. זיי קענען מאכן דעם אנשטעל פון אומשולדיגע רחמניות'דיגע מענטשן."!

און משה שמש איז מיט א כעס צוגעגאנגען צו ר' דוד צבי'ן, אים אנגעכאפט ביי דער בארד און געזאגט מיט א רוגזה: "ר' איד, איך קען אייער גלייכן און איך וויס אלע אייערע גנבישע שטיק. פאלגט מיך בעסער און גיט אפ ברצון דאס שנירל פערל, און טאקע באלד, תיכף ומיד, ווייל אויב נישט, וועל איך אייך דערלאנגען ווי עס בעדארף צו זיין."!

און נאך איידער ר' דוד צבי האט ארויס גערעדט אווארט האט דער שמש אויפגעהויבן די האנט, אים דערלאנגט א פראסק אין באק און זיך געגרייט צו דערלאנגען אויך א צווייטן. דא האט זיך ר' דוד צבי געגעבן א שטעל אויף אין זיין פולער הויך, אנגעכאפט דעם שמש ביי דער האנט און אויסגעשריגן: "האלט, משה שמש! מער ווי איין פאטש קומט מיר נישט..."!

אלע זענען געבליבן דערשטוינט, מ'האט געקוקט מיט שרעק אויפן אורח. ר' דוד צבי האט געקוקט אויף אלעמען מיט אפענע ליכטיקע אויגן. זיין פנים האט געלויכטן מיט קדושה. ער האט אנגענומען משה שמש ביים אקסל און געזאגט מיט גרויס הקפדה: "משה שמש! זאלסט וויסן זיין, אז דוד צבי, דער רב פון שאריגראד און אומגעגנט, לעבט נאך! איך בין נאך אלץ שאריגראדער רב, לכן בין אויף דיר גוזר בגזירת הרב, זאלסט תיכף ומיד אומקערן די גנבה, דאס שנירל פערל, וואס דו האסט געגנבעט היינט אינדערפרי ווען דו ביסט געקומען פארבעטן די נשים צו פירן די כלה אין שול אריין"...!

משה שמש איז געבליבן שטיין ווי א דונער וואלט אים געטראפן. ער האט באלד אויסגעבראכן אין א יאמערלעכן געוויין. זיך מודה געווען, אז ווען ער איז געקומען אין דער פרי און קיינער איז נישט געווען אין דער גרויסער שטוב, און דאס שנירל פערל האט ארויסגעשטעקט פון אונטערן טישטעך, האט ער געמיינט, אז דער אורח שלאפט, האט ער נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און די פערל צוגענומען. ער האט נישט אויפגעהערט צו וויינען און גיסן טרערן. האט אים דער רב ארומגענומען, באפוילן אויפצוהערן וויינען: "מ'טאר נישט פארשטערן דעם שבת". ער האט אלעמען געהייסן זיך צושיילן, כדי נישט צו מעכב זיין קהל פון תפילה, ער אליין אין זיינע צעריסענע בגדים איז געגאנגען אין בית מדרש אריין. פארנומען זיין בכבודיק ארט, וואס איז די גאנצע דריי יאר געשטאנען ליידיג, מ'האט אים ווידער גערופן עולה לתורה צו זיין שלישי, און די גאנצע שטאט האט זיך געפרייט מיט זייער צוריק געקומענעם רב.

ו.

איינער נעבן דעם אנדערן

אויף מארגן האט רבי דוד צבי גערופן צו זיך די פרנסים מיט די חשוב'ע פירער פון קהל, זיי דערציילט צוליב וואס ער האט אפגעריכט גלות און וואס עס איז מיט אים אין משך די דריי יאר געשען. ער האט מפציר געווען נישט מרחיק צו זיין משה שמש פון זיין חזקה אויף שמשות, און אויך געבעטן נישט צו באשטראפן אים פאר די גניבה.

ר' דוד צבי האט צוליב דעם מכשול מער נישט געוואלט טראגן די קרוין פון רבנות. האט ער איבערגעגעבן זיין חזקה צום איידעם זיינעם, א מוסמך להוראה, זיך מער נישט געמישט אין קהלישע ענינים, אינגאנצן זיך איבערגעגעבן צו תורה ועבודה, ער האט זוכה געווען צו אריכת ימים און זיין משמש איז כל ימיו געווען טאקע דער זעלבער משה שמש.

ווען ער האט דערפילט, אז בא קצו, זיין סוף איז נאנט, האט ער גערופן צו זיך די ראשי הקהל און אנגעזאגט, אז מיט זיין קבורה זאל זיך מטפל זיין – משה שמש און אז לאחר מאה ועשרים שנה זאל משה שמש געפינען זיין אייביקע רו נישט ווייט פון זיין קבר.

האבן זיך געפונען טאקע די ביידע קברים איינער נעבן צווייטן. די מצבות שוין האלב איינגעזונקען. די אויפשריפטן אפגעריבן

און אפגעשוועגט פון די שטורעמס און רעגנס, וואס זענען אייבער זיי אריבער אין משך פון אזויפיל יארן. אבער די מעשה וועגן רב און זיין משמש זענען געווען נאך פריש אין זכרון פון די זקני-שאריגראד, פון וועמענס מיילער די מעשה איז פארשריבן געווארן אויף א אייביגע זכרון.

--------------------------------------------

# מעשה נורא פון מהר״מ גאלאנטי

די מעשה איז געשעהן אין שטאט דמשק פון מוה״ר רבי משה גאלאנטי זצוקלה״ה, ער איז געווען דער רבי פון דעם הייליגן פרי חדש און פון מוהר״א יצחקי זצ״ל. ער האט מחבר געווען די ספרים: אלף המגן שו״ת וענינים, הגהות על הרמב״ם, קרבן חגיגה, וזבח שלמים. געווען אן איידעם פון מוהר״ם חביב זצ״ל.

דער הייליגער רבי משה גאלאנטי זצ״ל איז געווען אן אמת׳ער איש צדיק וחסיד. ער איז געווען א חכם אין אלע זיבן חכמות פון דער וועלט וואס איז נאך נישט געווען אזא איינער וואס האט דאס אלעס געקענט אין זיין דור, חוץ פון א געוויסער גוי אן אראבער וואס איז געווען אויך א חכם אין אלע זיבן חכמות פון דער וועלט, אבער דער גוי האט געהאט איין מעלה מער ווי ווי מהר״ם גאלאנטי, יעדער איינער וואס האט געהאט א חולה באזיך אין שטוב, און איז געקומען צו דעם גוי וואס איז געווען א ״שעי״ך״ און געבעטן ער זאל מתפלל זיין אויף דעם חולה, האט דער שעי״ך זיך אפגעזונדערט פון מענטשן פאר א האלבע שעה און מתפלל געווען אויף דעם חולה און פלעגט ארויס קומען זאגען גלייך אויב דער חולה וועט בלייבן לעבן אדער ער וועט שטארבן, ממש להבדיל ווי עס פלעגט זיין ביי רבי חנינא בן דוסא, און זיינע ווערטער איז אייביג מקויים געווארן. די זאך איז אנגעקומען צו די אויערן פון ר׳ משה גאלאנטי, און ער האט זיך זייער געוואונדערט אויף דעם, ער טראכט ביי זיך אין הארץ, איז דען דער גוי מער הייליגער און ריינער ווי מיר וואס מ׳טוט איהם פון הימל מגלה זיין די ספרי חיים און ספרי מתים? איך דין דאך דעם באשעפער טאג און נאכט און לערן די הייליגע תורה און טו זיינע מצוות יעדן טאג, פארוואס זאל איך נישט האבן דעם זעלבען כוח ווי דער שעי״ך האט? אזוי איז דער ווייטאג פון ר׳ משה כסדר געווארן שטערקער און שטערקער, היתכן אז דער גוי האט אזא הויכע כח פון הימל. ר׳ משה האט געזוכט א וועג ווי אזוי ער זאל קענען באזוכן דעם גוי און ווערן נענטער מיט איהם, און אפשר דורך א גוטן שמועס וועט ער געוואויר ווערן און דער שעי״ך וועט איהם אנטפלעקן דעם סוד פארוואס ער האט זוכה געווען צו אט די מעלה.

ר׳ משה האט געלאזט רופן דעם אידישן פרנס פון שטאט און באפעלט איהם אזוי, גיי צום אראבישן שעי״ך און זאג צו איהם די ווערטער: דער רבי פון די אידן האט געהערט דיין גוטע נאמען און ער האט זייער שטארק זיך געוואלט טרעפען און מקבל זיין דיין פנים אויב ער וועט געבן רשות צו דעם. ווייל דער שעי״ך איז געווען זייער גרויס העכער ווי אלע אנדערע הארן אין דער לאנד, אלע גרויסע הארן האבן געמוזט איהם ברענגען מתנות כדי צו קענען זוכה זיין צו זעהן זיין פנים, זיי פלעגן קומען זיך בוקן פאר איהם צו באקומען פון איהם א ברכה. ער פלעגט קיינמאל נישט ארויס גיין פון זיין הויז און האט זיך נישט באוויזן צו דער המון עם אינדרויסן.

דער פרנס פון שטאט איז געגאנגען צום שעי״ך און איהם איבער געגעבן די אלע ווערטער פון דעם רב. האט דער שעי״ך איהם צוריק געענטפערט, איך האב אויך געהערט פון אייערע רב אז ער איז א גרויסער חכם און איך וויל איהם אויך זייער גערן זעהן, דעריבער גיי זאג דעם רב אז ער זאל שוין קומען און זיך נישט פארשפעטיגן. דער פרנס איז צוריק צום רב און איבער געגעבן די רייד פון דעם שעי״ך.

דער רב ר' משה האט זיך אויפגעשטעלט און איז געגאנגען אהין צו דעם שעי"ך. ווי דער שעי"ך האט געזעהן דעם רב, האט ער באקומען ליבשאפט אין זיינע אויגן, ער האט איהם מקבל געווען מיט גרויס כבוד און מיט א סבר פנים יפות. ער האט איהם געזעצט פאר זיך, געפרעגט אין זיין פרידן. אינצווישן די ווערטער האט דער שעי"ך געפרעגט דעם רב און אזוי געזאגט: איך האב געהערט אז דו ביזט א גרויסער חכם, און דו האסט אויך א ידיעה אין יענע געוויסע חכמה. ענטפערט דער רב, מיין האר, דער באשעפער האט מיך באשאנקען אביסל פון אט די חכמה. דער שעי"ך האט אנגעפאנגען צו פריוון דעם רב זעהן אויב דער רב קען טאקע יענע חכמה, און דער רב האט כסדר צוריק געענטפערט אלע תירוצים מיט גרויס חכמה. דער שעי"ך האט געזעהן אז דער רב איז מלא וגדוש אין די חכמה, און דא האט דאך דער שעי"ך געטראכט ביי זיך אז עס איז נישט דא אזא איינער ווי ער אליין, און דא זעהט ער די חכמה פון דעם רב, האט דאס איהם זייער שטארק געפאלען, אז ער האט געטראפען א מענטש וואס איז פיל מיט חכמה ווי ער אליין, האט ער זיך פארבינדן מיט דעם רב מיט גרויס ליבשאפט, און געזאגט צום רב די ווערטער: מיין ברודער מיין פריינד, וויסן זאלסטו אז דו האסט מיר זייער דערפרייט היינט מיט דיין גרויס חכמה, דעריבער וויל איך בעטן פון דיר אז דו זאלסט זיך נישט צוריק האלטען פון קומען צו מיר לכל הפחות איינמאל א וואך מיר זאלן קענען ווייטער פארברענגען אין פארשידענע חכמות. דער שעי"ך האט אוועקגעשיקט און באגלייט דעם רב מיט גרויס כבוד.

ווי עס איז אריבער געגאנגען צוויי טעג, האט דער שעי"ך זיך נישט געקענט איינהאלטן פון זיך צו טרעפען נאכאמאל מיט דעם רב, האט ער געשיקט צוויי חשוב'ע מענטשן, צוזאמען מיט א שיינעם פערד, צו ברענגען דעם רב צו איהם מיט גרויס כבוד. דער רב האט זיך אויפגעשטעלט און איז געגאנגען מיט די צוויי הארן צום שעי"ך. דער שעי"ך האט איהם ווייטער מקבל געווען מיט גרויס כבוד, איהם ארומגענומען און געקושט, און געזאגט צו איהם: זאלסט וויסן מיין פריינד אז פון ווען מיר האבן זיך געשיידט, איז מיין זעהל אנגעבינדן געווארן אין דיין זעהל און איך האב זיך מער נישט געקענט איינהאלטען און ווארטען, דעריבער האב איך געשיקט צו דיר אז דו זאלסט קומען צו מיר, צו איינשטילען מיין גרויסע תשוקה וואס ברענט אין מיר. דער שעי"ך פרעגט ווייטער דעם רב אויב אין יענע [א אנדערע] חכמה איז דער רב אויך באקאנט? האט דער רב געענטפערט מיט גרויס עניוות, אז דער באשעפער האט איהם געשאנקען אויך צו וויסן יענע חכמה, זיי האבן אנגעפאנגען צו רעדן זייערע טיפע ענינים אין יענע חכמה, און דער שעי"ך האט ווייטער געזעהן אז דער רב איז מלא וגדוש, ער האט זיך זייער שטארק געפרייט, און געזאגט צום רב, אויב איך האב געפונען ליבשאפט אין דיינע אויגן בעט איך פון דיר זאלסט קומען צו מיר יעדע צוויי טאג.

אזוי האט דער רב טאקע געטאן, ווייל דער רב האט דאך געוואלט צוקומען צו דעם תכלית וואס ער וויל פון דעם שיע"ך ווי מיר האבן פריער געשריבן צו וויסן די חכמה ווי אזוי דער שעי"ך ווייסט וועגן קראנקע אויב זיי בלייבן לעבן אדער נישט. אזוי פלעגט דער רב קומען צום שעי"ך יעדע צוויי טאג, ביז דער שעי"ך האט געזעהן אז דער רב איז א בקי אין אלע זיבן חכמות פון דער וועלט. נאר איין זאך האט דער שעי"ך געזעהן אז אין די הקדמה פון די זיבעטע חכמה פעלט איהם עפעס, וואס אן די הקדמה וועט ער נישט קענען גרונטליך די זיבעטע חכמה, האט דער שעי"ך געפרעגט דעם רב אויב ער קען גוט די זיבעטע חכמה? ענטפערט דער רב, געלויבט השם יתברך אז די חכמה קען איך אויך אינגאנצען. דעמאלט איז דער שעי"ך געפאלען צו די פיס פון דעם רב און געזאגט צו איהם, אויב איך האב געפונען ליבשאפט אין דיינע אויגן לערן מיר אויס די חכמה, ווייל זי איז נאך פארהוילען פון מיר. האט דער רב געענטפערט, מיין האר ווען איך האב געלערנט די אלע חכמות, איז דאס מיר אנגעקומען זייער טייער און איך האב דאס נישט געלערנט אומזוסט, דעריבער וועל איך דיר אויך נישט לערנען די חכמה אומזוסט!

זאגט דער שעי"ך אדרבא זאל דער רב זאגען א פרייז וואס ער וויל צו לערנען מיט מיר די חכמה וועל איך איהם דאס געבן, ווייל אין אנדערע חכמות בין איך גאנץ, און אויב איך וועל אוועק געבן פיהל געלד און זילבער צו אויך קענען די חכמה וועט מיר דעמאלט גארנישט פעלען. זאגט איהם דער רב, חס ושלום אז איך זאל דיר אוועק געבן די חכמה פאר געלד און זילבער, נאר מיר קענען מאכן א בייט איין חכמה פאר א

אנדערע חכמה. זאגט דער שעי״ך איז דען דא א חכמה וואס דער רב ווייסט נישט? איך זעה דאך אז דער רב ווייסט אלעס און איז נאך א גרעסערע בקי ווי מיר, וועלכע חכמה איז דאס וואס דער רב ווייסט נישט!? זאגט דער רב, דו האסט א געוויסע חכמה וואס איז ווייט פון מיר צו פארשטיין. וועלכע חכמה איז דאס? פרעגט דער שעי״ך. זאגט דער רב, דאס וואס דו טוסט כסדר מתפלל זיין אויף די קראנקע און ווייסט צו זאגען אויב זיי וועלן בלייבן לעבן אדער נישט, די חכמה איז פארהוילן פון מיר. אויב דו וועסט מיר איבער געבן די חכמה וועל איך דיר צוריק געבן די חכמה וואס פעלט דיר. ענטפערט דער שעי״ך: האסט געבעטען זייער א שווערע זאך פון מיר, די סוד קען איך נישט אנטפלעקען פאר קיין שום נברא אין דער וועלט. זאגט איהם דער רב, אויב אזוי וועל איך דיר אויך נישט אנטפלעקען די חכמה וואס דו ווילסט, נאר אויב דו ווילסט זיך בייטען אין די חכמות.

האט דער שעי״ך צוריק געזאגט, וויסן זאלסטו מיין חבר אז איך בין באשוואוירן פון מיינע עלטערן נישט צו אנטפלעקן די חכמה פאר קיין שום מענטש נישט אין דער וועלט. זאגט דער רב – איך בין אויך באשוואוירן נישט צו אנטפלעקן די חכמה פאר קיין שום מענטש נישט, אבער איך זאג, וויבאלד ס׳איז דאך פאר מיין טובה וועגן צו לערנען א אנדערע חכמה וואס איך האב נישט, איז זיכער מותר דאס צו טאן און די שבועה איז נישט חל. דאס זעלבע איז מיט דיר, מעגסט איבער געבן די חכמה, ווי באלד דו טוסט דאך נישט פארקויפן די חכמה פאר געלט, נאר מיט א צווייטע חכמה וואס דו ברויכסט זאלסט זיין א מושלם אין אלע חכמות. ענטפערט דער שעי״ך, יא ביזט גערעכט, אבער איך האב מורא וועסט נישט קענען דערגייין מיין חכמה, וועסטו נישט קענען טאן אלעס וואס מ׳דארף טאן דאס צו וויסן דעם גרויסן סוד. האט דער רב געענטפערט, איך בין גרייט אויף אלעמען אויף די שווערסטע זאך, איך זאל נאר וויסן לערנען די חכמה. אויב אזוי זאגט דער שעי״ך הער מיר צו וואס איך טו דיר באפעעלן צו טאן, יעצט שטיי אויף און גיי אהיים גרייט זיך צו היינט ביינאכט און עס גענוג זאלסט קענען פאסטען צוויי גאנצע טעג, ביי די סעודה זאלסטו נישט עסן קיין פלייש אדער טרונקען וויין, נאך די סעודה זאלסט דו גיין אין מקוה און זיך אנטאן ווייסע לינענע קליידער. די קומענדיגע צוויי טעג ווען דו וועסט פאסטען זאלסטו גיין אין מקוה אינדערפרי און אין אווענט, זאלסט מפשפש זיין אין דיינע מעשים ווייל ס׳איז דאך נישט דא קיין צדיק אויף דער ערד וואס האט נישט געזינדיגט.

ווי דער רב האט געהערט די ווערטער פון דעם שעי״ך, האט זיין הארץ אנגעפאנגען צו פלאמען, און טראכט ביי זיך אז ער וועט אזוי טאן ווי דער שעי״ך האט איהם באפוילן. זיי געזעגענען זיך און דער שעי״ך זאגט איהם אז אין דעם דריטן טאג זאל ער קומען צו איהם וועט ער איהם דעמאלט אנטפלעקען דעם גרויסן סוד. דער רב שטייט אויף און גייט אהיים מיט א צובראכן הארץ און טוט אלעס וואס דער שעי״ך האט איהם באפוילן, ער טובל׳ט זיך און טוט זיך אן ווייסע קליידער, ער האט געפאסט די קומענדיגע צוויי טעג, און אפילו דער דריטער נאכט און אזוי אינדערפריא גלייך נאך דעם דאווענען איז ער געגאנגען צום שעי״ך. דער שעי״ך הייבט אויף זיינע אויגן און זעהט ווי דער רב קומט צו גיין אן קיין כוחות, ער איז איהם שנעל אקעגן געלאפן און געזאגט בא ברוך ה׳ פון דיין פנים זעה איך אז דו האסט אלעס געטאן וואס איך האב דיר געהייסן. דער רב לייגט צו און זאגט אז ער האט נאך נישט אויסגעפאסט. זאגט דער שעי״ך זייער גוט יעצט קום מיט מיר וועל איך דיר ווייזן דעם גרויסן סוד.

ער גייט נאך איהם אריין אין א צימער וואס דער שליסל פון דעם צימער איז נאר ביים שעי״ך. דער שעי״ך עפענט דעם טיר, ביידע גייען אריין, דעם טיר האט מען פארשפארט פון אונטער זיך א פרעמדער זאל נישט קענען אריין קומען. פון דעם צימער גייען זיי אריין אין א שיינעם גארטען, אינמיטן דעם גארטען איז געווען א גרוב פון פרישע קוואל וואסער, נעבן דעם גרוב איז געווען א באנק, אויף דער באנק איז געווען צוויי פאר פון ווייסע פרישע קליידער, איינס פאר דעם רב און איינס פאר דעם שעי״ך. דער שעי״ך זאגט פאר דעם רב לאמיר קודם זיך טובל׳ן בעפאר מיר גייען אריין אין דעם גאר הייליגן ארט. ביידע טובל׳ן זיך און טוען אן די פארישע ווייסע קליידער, ביידע גייען ביז צום עק פון דעם גארטען. דער רב וואונדערט זיך וואס גייט דא זיין דער סוף! דער רב הויבט אויף זיינע אויגן און זעהט ווי ביים סוף גארטען אזי געבויט גאר א שיינע הויז די טירן זענען פון ריין זילבער באפוצט מיט שיינע געשניצטע בילדער וואס מ׳טרעפט נישט אין א קעניגליכע פאלאץ אזוינס.

ווי דער שעי"ך דערנענטערט זיך צו עפענען דעם טיר, זאגט ער פאר דעם רב זיי געווארענט אריין צו גיין אין דעם הויז מיט א גרויס מורא און פחד, זאלסט טאן אלעס וואס איך טאן. מ'עפענט דעם טיר און מ'זעהט ווייטער פון דארט א גרויסע שיינער היכל, ביי דער ענד פון דעם היכל איז געווען א קלענערע גאר שיינעם היכל, אויף דעם היכל האט געהאנגען א פרוכת געוועבט מיט די טייערסטע שטיינער און פערלשטיינער. דער שעי"ך גייט אריין אין צימער מיט א גרויס פחד, און בוקט זיך אקעגן דעם פרוכת זיבן מאהל.

דער רב האט זייער געציטערט, ווער ווייסט אויב ח"ו אינטער דעם פרוכת איז דא דארט א צלם, וואס זאל ער טאן! ער מוז זיך אויך בוקן ווי דער שעי"ך האט איהם באפוילן. דער רב האט פארמאכט זיינע אויגן און געטראכט די ווערטער פון "שויתי ה' לנגדי תמיד" און זיך געבוקט זיבן מאהל, און א גרויס פחד איז געפאלען אויף דעם רב. דער שעי"ך זאגט איהם גיי נענטער צו דעם היכל עפען דעם פרוכת ועסטו וויסן דיין באגער, דאס האט דער שעי"ך געזאגט מיט א נידריגע קול און א צובראכן הארץ. דער רב האט זיך דערנענטערט צום היכל, געעפענט דעם פרוכת און דעם טיר וואס איז געווען פון ריין גאלד. ער זעהט אינעווייניג א גרויסע גאר שיינע טאוועל, אין דעם טאוועל איז געווען איפגעקריצט א צורה פון די מנורה, און העכער דעם איז געשטאנען געשריבן "שויתי ה' לנגדי תמיד", און די אותיות פון ה' זענען געווען גאר גרויס. ווי דער רב האט דאס געזעהן האט ער זיך זייער געפרייט אז זיין בוקן איז טאקע אינגאנצען געווען לשם שמים, דער רב טרעט אויף צוריק ער בוקט זיך נאכאמאל אוןביידע גייען צוזאמען ארויס.

אינדרויסן רופט זיך אן דער רב צום שעי"ך און זאגט, דו האסט דאך מיר געזאגט אז איך וועל געוואויר ווערן די חכמה, ס'איז גאר קיין נייעס נישט אנטפלעקט געווארן צו מיר, נאר וואס איך האב געזעהן! זאגט דער שעי"ך זאלסט וויסן מיין ברודער אז די גא גרויסע אותיות וואס דו האסט געזעהן, איז דער נאמען פון דער באשעפער פון די גאנצע וועלט, ער איז דער בורא פון אלעמען. דער שעי"ך האט געמיינט אז קיינער אין דער וועלט ווייסט נישט דעם נאמען פון דעם באשעפער. און דער שעי"ך לייגט צו און זאגט זאלסט וויסן מיין ברודער ווען א מענטש קומט איך זאל בעטן פאר א חולה, גיי איך זיך טובל'ן, און קום אריין אין דער שטוב מיט א גרויס פחד און איך דאווען דארט, נאכ'ן דאווענען עפען איך דעם פרוכת, אויב איך זעה אז דער שם הוי"ה דער הייליגער נאמען פון דעם באשעפער איז ליכטיג און שיינט שטארק ווייס איך אז יענע וועט בלייבן לעבן, אבער אויב איך זעה א וואלקען ארום דעם נאמען דעמאלט ווייס איך אז יענער וועט שטארבן. זעה איך האב דיר מגלה געווען אזא זאך וואס קיין באשעפעניש אין דער וועלט ווייסט נישט...

דער רב איז צוריק אהיים געגאנגען, און גענומען לאזן גיסן פון זיך טייכן טרערן און געזאגט, אוי ווי איז צו אונז פון דעם יום הדין, מאדאך דער גוי וואס ווייסט אז דאס איז דער נאמען פון דעם באשעפער טוט אוזיפיהל כבוד אפגעבן פאר איהם, און נאך דערצו מיט אזא פחד ואימה ווען ער גייט דארט אריין, און דעריבער איז דער גוי צוגעקומען צו זיין כבוד, וואס זאלן מיר אידן ענטפערן אויף דעם, וויפיל דארפן מיר זיך צוגרייטען ווען מיר דערמאנען דעם שם ה'.

פון די מעשה קען מען זיך ארויס לערנען גאר א גרויסע מוסר השכל ווי געהיטען א מענטש דארף זיין יעדער מאל ווען ער זאגט ארויס דעם הייליגן נאמען פון דעם באשעפער.

---

## מעשה נורא פון דעם בעל "מקדש מלך"

דער בעל "מקדש מלך" הרב שלום באזגלאו האט געוואוינט אין לאנדאן. בסוף ימיו האט ער מחליט געווען צו פארן קיין ארץ ישראל און דארט פארברענגען זיינע לעצטע יארן על התורה ועל העבודה. זיין פלאן איז געווען צו גיין וואוינען אין דער הייליגער שטאט צפת וואו עס האבן זיך געפונען דארט די גרויסע בעלי מקובלים און גדולי הפוסקים פון יענע דור.

ער האט געקויפט א קארטע אויף א געוויסע שיף וואס האט זיך ארויס געלאזט פון לאנדאן פארענדיג קיין ארץ ישראל. ס'איז געווען ערב שבת האבן די מאטראזן דערזעהן א אינזעל נישט ווייט, האבן זיי מחליט געווען צו אנקערן די שיף פאר א קליינע ווייל'ע זיך אפצורוהען און דערנאך צו פארן ווייטער. אלע מענטשן זענען אראפ פון דער שיף און אזוי אויך דער בעל "מקדש מלך". פארשטייט זיך אז די אלע גויים האבן זיך נישט דערווייטערט פון די האפן און דער שיף, זיי האבן דארט אנגעצינדן א פייער און פארברענגט און געהוליעט ווי די שטייגער פון גויים איז. אבער אונזערע הייליגער צדיק וואס איז געווען זייער פארטיפט אין זיינע הייליגע און ריינע מחשבות האט שפאצירט אויף דעם אינזעל ווייטער אוועק פון די גאנצע עולם. ער האט אזוי שפאצירט קודם אין דעם אפענעם פעלד, און נישט זעהענדיג איז ער אריין אין א וואלד און האט אזוי ווייטער שפאצירט. און וואס ווייטער האט ער שפאצירט, האט ער זיך אלץ מער דערווייטערט פון די מענטשן פון דער שיף.

אבער ווי ער כאפט זיך אויף פון זיינע הייליגע מחשבות, זעהט ער אז ער געפונט זיך אינמיטן א וואלד, ער נעמט זיך שנעל צוריק גיין אויף צוריק צו די האפן וואו דער שיף האט געאנקערט, עס נעמט נישט קיין לאנגע צייט און ער איז אנגעקומען צו יענע ארט וואו דער שיף האט געאנקערט פון פריער. אבער צו זיין גרויס עשטונונג זעהט ער אז די שיף איז מער נישט דא און אזוי אויך די אלע גויים זענען מער נישטא. דער שיף האט פארלאזט דעם אינזעל צוזאמען מיט אלע מענטשן און יא ווילענדיג אדער נישט ווילנדיג האבן זיי איבער געלאזט דעם הייליגן "מקדש מלך" איינער אליין אויף דעם אינזעל און יעצט איז ערב שבת.

ער קוקט זיך ארום און וואונדערט זיך וואו ער וועט יעצט פארברענגען דעם הייליגן שבת. ער זעהט נישט קיין שום צייכן פון א באוואוינטען ארט פון מענטשן. אבער האט ער מחליט געווען ווייטער צוריק אריינגיין אין דעם וואלד וואו ער האט שפאצירט פריער און דארט אינמיטן וואלד וועט ער מקבל שבת זיין איינער אליין.

ער קומט אן אין וואלד, דער זון שטייט שוין העכער די ביימער, אט אט קומט שוין שבת קודש. ער קוקט זיך ארום און צום באוואנדערן זעהט ער אין וואלד פון דערווייטענס א גרויסע בנין מיט א מויער ארום גענומען ארום און ארום. ער ווייסט קודם כל נישט אויב ער זאל דארט גיין אדער נישט, ווער ווייסט וואספארא מענטשן עס געפונען זיך דארט, קען דאך זיין אז גאר רויבערס און באנדיטן זענען דארט. ווי די שטייגער איז אז באנדע רוצחים געפונען זיך כסדר אין די פארווארפענע ערטער און אינזלען. ווי ער טראכט וואס ער זאל טאן, כאפט איהם אן א גרויס שרעק און ציטערניש, און אט זעהט ער ווי גאר א גרויסער אדלער קומט איהם אנקעגן צו פליען און דערנענטערט זיך צו איהם, און די אדלער האט זיך אראפ געזעצט נעבן איהם אויף דער ערד, מיט אויסגעשפרייטע פליגלען, ווי די אדלער וואלט זיך געבעטן ביי איהם ער זאל ארויף גיין און רייטען אויף איר.

ער האט פארשטאנען דעם וואונק, און האט זיך ארויף געזעצט אויף דעם אדלער, די אדלער האט זיך געהויבן אין דער לופט און זיך גענומען פליען צוזאמען מיט דעם בעל "מקדש מלך" אויף איר, הויך אין די ליפטן, ביז די אדלער האט זיך אפגעשטעלט אוף דער ערד גלייך ביים טויער פון דעם גרויסען בנין וואס ער האט געזעהן פריער פון דערווייטענס. דער בעל "מקדש מלך" אזוי אראפ פון דעם אדלער, און די אדלער איז באלד צוריק אוועק געפלויגן ווייטער. ער שטייט אין פארענט פון דעם גרויסן פאלאץ און באוואונדערט איר שיינקייט זייער שטארק. מיט גרויס ציטער גייט ער צו דעם טויער און פראבירט איר צו עפענען, און צום באוואונדערן האט זיך דער טויער געעפענט. ער גייט אריין, נעמט זיך גיין פון איין צימער צו די צווייטע און זעהט נישט קיין איין מענטש. אלעס איז געבויט פון די שענסטע און די בעסטע, די ווענט געבויט פון עלעפאנט ביין, באצירט מיט די שענסטע בריליאנטען און פערל-שטיינער. אלע שטאנגען זענען באדעקט מיט ריין גאלד,

פארשידענע כלים פון גאלד און זילבער זענען געלעגען אויף די טישן, וואס אזוינס האט ער אין זיין לעבן נאך נישט געזעהן. ער האט גלייך פארשטאנען אז ער געפונט זיך יעצט נישט מער ווי אין "גן עדן התחתון" וואס געפונט זיך אויף דער וועלט. און ער דארף גארנישט מער טאן נאר בעטן פון דעם באשעפער ער זאל קענען דא פארברענגען דעם הייליגן שבת.

ער טראכט ביי זיך אז יעדן ערב שבת איז ער דאך צוגעוואוינט צו גיין אימקוה און דא זעהט ער נישט קיין מקוה, אבער ווי ער טראכט נאר די ווערטער, זעהט ער בעפאר זיינע אויגן א צימער מיט א מקוה וואס האט גערינען פון א שמעקעוודיגע קוואל וואסער. ער טובל'ט זיך אין די מקוה לכבוד שבת, ער קומט ארויס פון וואסער און ווישט זיך אפ, ווייטער טראכט ער ביי זיך אז יעדן שבת איז ער געוואוינט צו גיין מיט בגדי לבן... ווי ער טראכט אזוי זעהט ער פאר זיינע אויגן די 4 בגדי לבן וואס ער איז געוואוינט צו גיין אלע שבת. ער טוט אן די קליידער און גייט ארויס פון די מקוה צימער אין דעם גרויסן זאל.

ער זאגט אז ער האט א מנהג יעדע ערב שבת צו לערנען מסכת שבת נאך די מקוה. ווי ער זאגט די ווערטער זעהט ער א גמרא מסכת שבת מיט גאר א שיינעם באנד פון לעדער מיט גאלד באצירט. ער זעצט זיך לערנען אין די גמרא און שפירט ממש א טעם גן עדן בשעת'ן לערנען. נאכ'ן לערנען זאגט ער ווייטער צו זיך אז ער איז געוואוינט יעדן ערב שבת צו מאכן א "טועמיה" טועם זיין פון די מאכלי שבת קדוש. ווי ער זאגט די ווערטער זעהט ער אין פראנט פון זיך א גאלדענעם טאץ מיט די בעסטע און גרעסטע פיש. ער האט טועם געווען פון די פיש, און ווייטער געלערנט אין די גמרא. ער האט אויסגעזעהן מיט די ד' בגדי לבן ממש ווי א מלאך. ער האט געלרנט אין די גמרא און מחדש געווען חידושים נפלאים בשעת'ן לערנען.

נאכ'ן לערנען זעהט ער אויפן טיש לעכט צום אנצינדן לכבוד שבת. ער צינדט אן די לעכט און איז גרייט צו מקבל שבת זיין. ווי נאר ער איז געווען גרייט צו מקבל שבת זיין, הערט ער פון דעם אנדערן צימער ווי מענטשן קומען אריין און גרייטן זיך צו מקבל שבת זיין. ער גייט צום טיהר פון יענעם זאל און וויל דאס עפענען דארט אריינגיין, אבער ער קען נישט עפענען יענע טיר. האט ער פארשטאנען אז ער האט נישט קיין רשות דארט אריינצוגיין. האט ער זיך צוריק געקערט צו זיין ארט צום טיש וואו ער האט געצינדן די לעכט.

אבער ער הערט פון דעם אנדערן זאל ווי מ'האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה, ער האט זיך איינגעהילט מיט א טלית לבן וואס ער האט דארט געטראפן און מיטגעדאוונט מנחה מיט זיי. נאך מנחה האט ער מיטגעדאוונט מיט זיי קבלת שבת צוזאמען מיט מעריב ביז מ'האט געענדיגט דאווענען. ווי מ'האט געענדיגט דאווענען, הערט ער ווי אלע מענטשן זענען ארויס פון דארט. ער קוקט זיך ארום זעהט ער ווי אויפן טיש איז געדעקט די שענסטע און בעסטע מאכלים חלות פלייש מיט פיש וכל מיני מטעמים. ער עסט די שבת'דיגע סעודה מיט גרויס קדושה און חשק, און שפירט כאילו ער וואלט געגעסן פון דעם שור הבור און דעם לויתן און געטרונקען וויין פון דעם יין המשומר. ער זינגט זמירות שבת, און שפירט ווי ער איז ממש אין גן עדן.

נאכ'ן עסן האט ער ווייטער געלערנט, ווען ער איז געווארן מיעד, האט ער געזעהן א געדעקטע בעט מיט קישענעס און קאלדרעס ווי עס דארף צו זיין. ער לייגט זיך שלאפן, ער שלאפט זייער געשמאק און זיס, און שטייט אויף גאנץ פריה און נעמט זיך גרייטן צו דאווענען שחרית צוזאמען מיט מוסף. ווייטער הערט ער א רעש ווי מענטשן קומען אריין צום דאווענען. מ'דאווענט בקול נעימה מיט א זיסקייט און א געשמאקייט, ער דאוונט מיט, אבער ער האט אבער נישט געקענט אריינגיין אין דער זאל וואו דער מנין איז געווען.

ביי קריאת התורה הערט ער ווי מ'רופט אויף די אלע שבעה רועים, אנגעפאנגען מיט אהרן הכהן דערנאך מיט משה פאר לוי און אזוי ווייטער ביז דוד המלך איז געווען דער לעצטער. א גרויס ציטער כאפט איהם אן און זאגט "מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים". נאכ'ן דאווענען איז ווייטער דער טיש געווען גרייט מיט אלע שבת'דיגע מאכלים צו די צווייטע סעודה. ער עסט און לערנט, און לייגט זיך צו אפרוהען לכבוד שבת. ווען ס'קומט מנחה זענען ווייטער געקומען די מענטשן אין דעם אנדערן צימער און ער האט מיט געדאוונט מיט זיי פון זיין צימער. נאכ'ן דאווענען איז דער טיש געווען געדעקט מיט שלוש סעודות. ער פראוועט די שלוש סעודות מיט גאר

פיהל התרגשות, ער שפירט ממש וואו ער געפונט זיך אין גן עדן ממש.

ווי עס קומט מוצאי שבת שפירט ער ווי א שטארקע שלאף פאלט אויף זיינע אויגן, ער פראבירט מיט אלע כוחות נישט איינשלאפן, אבער עס העלפט נישט און ער איז איינגעשלאפן זיצענדיג ביים טיש נאכ'ן פראווען די שלוש סעודות.

ער שלאפט און חלומ'ט ווי ער געפונט זיך יעצט אויף דעם עולם העליון דארט וואו עס געפונט זיך דער בית דין של מעלה און מ'איז דן אלע נשמות וואס זענען געקומען פון עולם הזה די וואך בעפאר שבת. ער זעהט ווי די נשמות גייען אריבער בעפאר דעם בית דין של מעלה און מ'איז יעדען איינעם דן, ווען ס'איז דא א צדיק ווערט א גרויס שמחה און מ'רופט אויס "פנו מקום בגן עדן" מ'זאל צוגרייטן אן ארט אין גן עדן. צווישן די אלע נשמות איז אריבער א נשמה פון א מענטש וואס איז אלט געווען אכציג יאר אויף דער וועלט וואס האט געהאט א שענק נעבן דער שטאט צפת עיר הקודש. ער פלעגט זיך פירן זייער ארנטליך און ערליך און איז נפטר געווארן דעם שבת. ווי מ'האט איהם דן געווען האט מען געזעהן אז ער איז א צדיק און מ'האט שוין אויסגערופן מ'זאל צוגרייטען אן ארט פאר איהם אין גן עדן. אבער פלוצלונג קומט צו פליען א געוויסע שלעכטע שווארצע מלאך מיט א שרעקוודיגע צורה או זאגט אז דער מענטש וואס מ'האט יעצט דן געווען האט אין זיך א געוויסע עבירה. ווייל איינמאל שבת איז געקומען צו זיין הויז אן אראבער און געבעטן פון איהם ער זאל איהם פארקויפן א געוויסע משקה וואס דער אראבער מעג טרונקען. פארשטייט זיך אז ס'איז געווען שבת און דער איד האט נישט געוואלט פארקויפן פאר דעם אראבער קיין שום משקה. אבער דער אראבער האט געזאגט אז אויב דער איד וועט איהם נישט געבן די משקה וואס ער וויל וועט ער איהם הרג'ענען. האט דער איד געזאגט צום אראבער אז ער קען אליין נעמען וויפיל משקה ער וויל, אבער ער פארקויפט דאס איהם נישט נאר ער געט דאס איהם אוועק בחנם. דער איד האט ארויס געברענגט צו דעם אראבער די משקה און דער אראבער האט דאס גענומען און איז זיך אוועק געגאנגען. רופט זיך אן דער מלאך און זאגט "א שטיקל חילול שבת איז דא יא געווען דעריבער קען דער איד נאך נישט אריינגיין אין גן עדן"

די בית דין של מעלה האט זיך גענומען ווייטער דן זיין וואס מ'טוט יעצט, ווייל דער איד האט דאך נישט גענומען קיין געלט אויף די משקהף אזוי אויך איז ער געווען געצווינקען מיט זיין לעבן צו געבן די משקה, אבער ווי באלד דער איד איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, איז דאס אויך א פגם פאר זיין נשמה דעריבער האט בית דין געפסק'נט אז די נשמה דארף זיך קודם וואלגערן זיבן יאר ביז זי וועט קענען אנקומען צו איר ריכטיגע מנוחה אין גן עדן.

דער הייליגער "מקדש מלך" הערט דעם פסק דין טוט ער זיך זייער וואונדערן, ווייל אפילו ביי רשעים שטייט איז זייער משפט נישט מער ווי 12 חדשים, און דא פאר אן אונס קומט 7 יאר? ער האט דאס נישט געקענט פארטשיין און אויסהאלטן. ער האט זייער רחמנות געהאט אויף די נשמה, און האט זיך אוועק געשטעלט בעפאר דעם בית דין של מעלה און געזאגט "נפשי תחת נפשו" איך בין גרייט צו נעמען אויף זיך דעם עונש פון זיין נע ונד פאר זיבן יאר אנשטאט די נשמה פון דעם אלטן איד. און די נשמה זאל קענען אריינגיין אין גן עדן. דער בית דין האט אנגענומען זיין הצעה, און מ'האט דעם אלטן אריינגעלאזט אין גן עדן.

יעצט האט בית דין זיך ווייטער געזעצט דן זיין וואס מ'טוט דא מיט דעם בעל "מקדש מלך" וואס האט זיך יעצט מוסר נפש געווען צו ליידן זיבן יאר גלות פאר א נשמה וואס ער האט אפילו נישט געקענט. בית דין טראכט אריין פארוואס זאל אזא הייליגע צדיק ווי דער מקדש מלך ליידן זיבן יאר גלות, פאר אן עבירה וואס ער האט נישט געטאן נאר א צווייטער. נאכ'ן דן זיין איז ארויס א פסק פון בית דין אז יום לשנה איין טאג וועט זיין ווי א יאר, און דער מקדש מלך דארף גיין אין גלות נישט מער ווי זיבן טעג וואס וועט ווערן גערעכנט ווי זיבן יאר. און ווי באלד דער אלטער איד וואס איז אריין אין גן עדן האט געהאט זיבן זוהן, דעריבער דארף דער בעל "מקדש מלך" נעכטיגן ביי יעדע זוהן איין נאכט און אזוי וועט זיין גלות זיין פארטיג. כאילו ער וואלט געווען אין גלות זיבן יאר. און דערנאך קען ער בלייבן וואוינען אין דער הייליגער שטאט צפת לאורך ימים.

נאך די אלע רייד האט זיך דער בעל "מקדש מלך" אויפגעכאפט פון זיין שלאף, ער זעהט ווי ער געפונט זיך אינמיטן א פעלד, נישטא קיין וואלד, קיין וואסער, קיין פלאץ אדער מויער. ער וואונדערט זיך וואו ער געפונט זיך. ער טראכט איבער אלעס וואס איז אריבער איהם דעם שבת און וועגן דעם מורא'דיגע חלום וואס ער האט געהאט. ווי ער נעמט זיך גיין, און ווייסט אליין נישט וואו ער גייט זעהט ער ווי א גרויסע גרופע מענטשן קומען צו גיין פון א פעלד מיט לאטערנעס אין די הענט צו באלייכטען די וועג. ער דערנענטערט זיך צו זיי און פרעגט זיי ווער זיי זענען און וואו זיי געפונען זיך יעצט? האבן זיי איהם דערציילט אז זיי געפונען זיך יעצט אינדרויסן פון דער בית החיים פון דער הייליגער שטאט צפת. זיי פרעגן איהם ווער ער איז? און פון וואו ער קומט? האט ער געזאגט זיי זאלן איהם נישט פרעגן קיין שאלות. אבער ער פרעגט זיי וואס זיי טוען דא אין פעלד אינדרויסן אינמיטן נאכט. האבן זי איהם דערציילט אז שבת נאכט איז נפטר געווארן א גרויסער צדיק וואס האט געהאט א שענק, און יעצט האבן זיי איהם געפירט למקום מנוחתו אויפ'ן פעלד אינדרויסן פון צפת. און יעצט קומען זיי צוריק פון די קבורה. דער בעל "מקדש מלך" ווערט זייער פארוואונדערט, ווי מ'האט איהם געפירט פון הימל ביז דא אזוי שנעל. ער דערציילט קיינעם נישט ווער ער איז, ער ווייסט נישט וואו צו גיין נעכטיגן די נאכט, אבער דער הייליגער צדיק, דער נפטר, האט איבער געלאזט 7 זוהן וואס זענען אויך געווען גרויסע צדיקים און בעלי הכנסת אורחים, ווי זיי האבן דערזעהן א פרעמדער גאסט ביי די לויה, האט

יענער איינער איהם געבעטען ער זאל קומען צו זיין שטוב דארט איינשטיין ביז ער וועט טרעפען א ארט צום וואוינען. די ברידער האבן זיך גענומען קריגן ווער עס זאל האבן די זכיה צו האבן דעם פרעמדן מענטש פאר א גאסט אין זיין הויז, ביז דער בעל "מקדש מלך" איז צוגעגאנגען צו זיי און זיי געזאגט, איר דארפט זיך נישט קריגן, איך וועל יעדע נאכט פון די קומענדיגע וואך איינשטיין ביי א צווייטען פון די אלל ברידער, אנפאנגענדיג ביים עלצטן און ענדיגן ביים יונגסטן, אזוי וועלן אלע האבן די זכיה מיר צו האבן פאר א גאסט.

דורך דעם וואס דער בעל "מקדש מלך" איז געשלאפן ביי אלע ברודער אין די ערשטע וואך, איז אראפ גענומען געווארן דער עונש פון איהם צו ליידן גלות פאר זיבן יאר.

מיט דער צייט איז מען געוואויר געווארן אין צפת אז דער גאסט איז א איש קדוש מאוד. ער האט געוואוינט אין צפת זיינע לעצטע יארן און איז דארט נסתלק געווארן, אבער "ולא נודע מקום קבורתו" ווי נאך אנדערע צדיקים. אין די הקדמה פון זיינע פירושים אויף מסכת שבת שרייבט ער אז רוב פון די חידושים האט ער מחדש געווען דעמאלט ווען ער האט זיך געפונען בגן עדן של מטה יענעם שבת אין דעם פארווארפענעם אינזעל. זי"ע.

-----------------------------------

# הגאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל
# ראש בית דין, ומגיד מישרים ד'בראד
# נפטר ל' סיון א' דר"ח תמוז תרכ"ט

הגאון המפורסם רבי שלמה קלוגער זצ"ל האט געשטאמט פון גרויס יחוס, זיין טאטע איז געווען הצדיק המקובל וואס האט שטענדיג געגעסן "חולין בטהרה" (הקדמת ספר החיים), רבי שלמה קלוגער איז געווען פארערכנט אלץ א "רבן של כל בני הגולה" בפרט סוף ימיו (משנת ת"ר) נאכדעם וואס עס זענען נסתלק געווארן די גאוני ופוסקי הדור דער "חתם סופר" דער

"ישועות יעקב" [לעמבערגער רב] דער "חמדת שלמה" [ווארשאווער רב].

)תולדות שלמה(

רבי שלמה קלוגער האט געהאט געוואלדיגע כשרונות, אלץ קינד פון זעקס יאהר האט ער שוין מחדש געווען חידושים בהלכה וואס מען האט זיי באוואונדערט! די גדולי ישראל פון זיין דור האבן באוואונדערט זיין גרויסקייט אין לערנען, ווען ער איז אנגעקומען קין "בראד" און ער האט גערעדט אין לערנען מיט דעם מאור הגולה הגאון הקדוש רבן של ישראל רבי אפרים זלמן מרגליות [בעמח"ס שו"ת בית אפרים "מטה אפרים" ועוד] איז ער אזוי נתפעל געווארן אז ער האט אויף אים געזאגט אז רבי שלמה קלוגער איז א "ספר תורה ממש" און ער שרייבט אויף אים "סיני ועוקר הרים, שלמה שמו ושלימה משנתו" דער צאנזער רב זי"ע שרייבט אויף אים (שו"ת ד"ח, אה"ע ח"ב סימן קל"ד) "גאון הדור המגיד" דער מופת הדור הגאון האמיתי הישועות יעקב, זצ"ל האט זייער שטארק געהאלטין פון אים, אויך הרה"ק רבי אליעזר'ל פון דזיקוב זי"ע וואס איז געווען אלץ יונגערמאן אין די שטאדט ראוואו, וואס אויך רש"ק איז געווען דארט, האט זיך אויסגעדרוקט אויף אים אז זיין (רש"ק) תורה שיינט אין הימעל, דער קדוש עליון רבי מאיר'ל מפרעמישלאן זי"ע האט אים זייער שטארק מחשיב געווען און געזאגט אז אין מתיבתא דרקיעא פסק'נט מען ווי רבי שלמה קלוגער... (אכמ"ל עוד בשבח כל גדולי ישראל עליו)

זיינע ספרים

עס איז געווען אנגענומען אין די וועלט אז רבי שלמה קלוגער האט מחבר געווען ספרים כמנין שלמ"ה 375 אבער די וועלט האט נישט געוואוסט וואס איז דער חשבון און ווי זענען די פילע ספרים אהינגעקומען כאטש רבי שלמה קלוגער האט אליין געשריבען (בשנת תר"ד) [פינף און צוואנציג יאר פאר זיין פטירה] אז ער לויבט השי"ת אז ער האט הונדערט פופצן!! (115) גרויסע חיבורים אויף תנ"ך אויף גאנץ ש"ס שולחן ערוך און שאלות ותשובות (ובחרת בחיים סי' כ"ט) אבער מען האט נישט געוויסט ווי זענען די אלע ספרים ווייל עס איז נישט געווען געדרוקט נאר בערך צוואנציג (20) ספרים. אבער לעצטענס האט מען געפונען א גאנצן אוצר פון רבי שלמה קלוגער'ס "כתבי ידות" אין אלע מקצועות התורה, ש"ס ופוסקים, הלכה ואגדה אויף תורה אליין איז ניין און זעכציג ספרים עס קומט ארויס אויף יעדע "פרשה" באזונדער א דיקע באנד ""חכמת התורה" וואס האט איבער זעקסט הונדערט עמודים! אויך אויף יעדען יום טוב קומט ארויס א גאנץ ספר מכתבי יד.

זיין איינקל שרייבט! אז יעדען טאג האט מען אים געברענגט פאסט צווישען דרייסיג און פערציג בריעף וואס מען האט אים געפרעגט שאלות פון די גאנצע וועלט.

זיין צדקות, ענוה, קדושה

ווען מען האט אים געברענגט געלט, ווייל ער האט געהאלפין "עגונות" דורך זיינע "פסקים" האט ער בשום אופן נישט גענומען, ער איז געווען אן אמת'דיגער "שונא בצע" ער האט געלעבט מיט גרויס דחקות, אבער ער האט געהאלפין אנדערע, און אוועק געגעבן כל אשר לו.

ער איז געווען א "גודר גדר ועומד בפרץ" טאמער האט ער זיך" דערוויסט אז מען וויל משנה זיין פון די פריערדיגע דורות האט ער לוחם געווען במסירת נפש ער איז געווען א גרויסער לוחם קעגן די משכילים,ווען עס איז געווען די שאלה צו מען מעג עסן "מאשין מצות" אין פסח, האט ער עס גע'אסר'ט און עס זענען צו געשטאנען מיט אים די גדולי וצדיקי הדור, דער "דברי חיים" און דער "חידושי הרי"ם" ועוד.

ער פלעגט נישט צו שלאפין אויף איינמאל, מער ווי א שעה ער פלעגט אויפשטיין און לערנען ער האט אויסגעזאגט יעדען טאג גאנץ תהלים ער האט געהייסן אז מען זאל אים באהלטין מיט זיין טלית וואס דער טלית קען מעיד זיין אויף אים אז ער האט קיינמאהל נישט געהאט קיין מחשבה זרה בשעת זיין דאווענען...

ועל כולם איז די ענוה פון רש"ק געווען העכער פון דעם "שכל אנושי" [מענטשליכען באגריף] ער האט זיך דערווייטערט פון יעדען טראפ כבוד, ער פלעגט נישט האבן קיין גבאים, אדער באגלייטערס.

ער האט באפוילן אז מען זאל אים נישט מספיד זיין מיט קיין שבחים, מען זאל נישט שרייבן אויף זיין מצבה קיין שבחים.

אריינגעכאפט א דאפעלטע ברכה

און וויען האט נאך די ערשטע וועלט קריג געוואוינט אן אלטער יוד וועלכער האט אלץ בחור משמש געווען בקודש אלץ הויז בחור ביי ר' שלמה קלוגער פלעגט דער יוד דערציילן די מעשה:

אין מיין יוגנד בין איך געוועהן א משמש ביים בראדער מגיד- ר׳ שלמה קלוגער, ר׳ שלמה קלוגער האט געהאט א מנהג אז ער אליין בכבודו ובעצמו פלעגט צוגרייטן און קאכן די פיש לכבוד שבת קודש מיט די אייגענע הענט פלעגט ער צושניידן די פיש אויסרייניגן זאלצען און אויפשטעלין קאכן אזוי ווי די גמרא דערציילט אין קידושין אויף רבא (רבא מלח שיבוטא) איינמאהל אין א פרייטאג- ערב שבת קודש איז געקומען צום בראדער מגיד זייער א שווערע שאלה וואס האט געפאדערט א באלדיגן ענטפער מ׳האט נישט געקענט אפשטופן האט דער מגיד צו מיר געזאגט "איך גיי אריין אין צימער מעיין זיין אין די שאלה איך האב נישט קיין צייט צו צוגרייטן די פיש אזוי ווי געווענטליך, דערפאר גיי דו צוגרייטען די פיש אנשטאט מיר, און איך האב מיך טאקע גענומען גרייטן די פיש.

ווען ר׳ שלמה קלוגער האט שפעטער געענדיגט מעיין זיין אין די שאלה האט ער שוין געטרפאן די פיש אין טאפ בשעת׳ן קאכן רופט ער זיך אן צו מיר "האסט זיכער אריינגעשניטן אין די גאל ביים אויפשניידען די פיש!(יענע פיש אז מ׳האט זיי אריינגעשטנצען אין די גאל זענען זיי געווארן ביטער און מ׳האט עס שוין נישט געקענט עסן) האב איך אים געענפערט "ניין רבי איך האב אכטונג געגבען נישט אריינצושניידען אין די גאל אבער פארוואס איז דער רבי מיך אומזיסט חושד? ווייל איך בין אן אלטער בחור און דערצו א פארלאזטער יתום קומט דער רבי מיט מיר טשעפען פארוואס קומט דאס מיר? אזוי האב איך אויסגעגאסען מיין ביטער הארץ אויף דעם ווערטל וואס ער האט מיט מיר געמאכט.

ווען ער האט דאס געהערט האט ער מיך גענומען איבערבעטן אויף אלע אופנים אבער ס׳האט גארנישט געהאלפען און איך האב מיך נישט געלאזט איבערבעטן, ביז ענדליך האט ער מיר געפרעגט וואס ווילסטו איך זאל פאר דיר טוהן כדי דו זאלסט מיך מוחל זיין? האב איך אים געענפערט "איך בין אן אלטער בחור, א יתום, און ס׳גייט מיר נישט קיין שידוך אויב דער רבי וועט מיך בענטשן אז איך זאל שנעל ווערן א חתן און אז איך זאל דערצו לעבען א גוט לעבן מיט נחת און אריכת ימים וועל איך אייך מוחל זיין, דער רבי האט מיך געבענטשט מיט אלע ברכות און איך האב אים מוחל געוועהן.

די ברכה איז באלד מקוים געווארן ס׳האט נישט לאנג געדויערט און איך בין געווארן א חתן איך האב ב״ה געלעבט א גוט לעבן מיט פרנסה בריוח און אלעס גוטס.

א צייט שפעטער בין איך געוועהן מיט א קוויטל ביי רבי מאיר׳ל פרעמישלאנער זי״ע און איך האב אים דערלאנגט דאס קוויטל אזוי ווי ער האט נאר אריינגעקוקט אין קוויטל האט ער זיך צו מיר אנגערופען "דו האסט דאך שוין א ברכה פונ׳ם בראדער מגיד! נאר מאיר וועט צולייגן: מיט די ווייב אינאיינעם!

די מעשה האט דער יוד דערציילט שנת תרע״ט ווען ער איז דעמאלט אלט געוועהן הונדערט און דריי יאהר און זיין ווייב האט נאך געלעבט!

זכותו יגן ועל כל ישראל, אמן!

---

## דער אוצר פון ר׳ אייזיק ב״ר יעקליש

געוועהן א איד וואס האט געוואוינט אין דער שטאט קראקא מיט דעם נאמען ר׳ אייזיק. ער איז געוועהן א איש תם וישר און א ירא אלקים, אכטונג געגעבן אויף יעדע מצוה קלה כבחמורה. זיינע ווערטער זענען געוועהן געמאסטען אזוי ווי זיינע טואינגען. ער האט מדקדק געוועהן אין יעדע זאך וואס איז געוועהן בין אדם לחבירו, ער האט עוסק געוועהן כסדר אין מסחר, אבער זיין פרנסה איז געוועהן זייער בדוחק. אבער ער האט נישט גערעדט קיין ווארט וועגן דעם צו קיינעם. ער האט אכטונג געגעבן אויף יענעמס פרוטה אזוי ווי זיין אייגענע געלט. א דין פון איין פרוטה איז ביי איהם געוועהן ווי 100 פרוטות. מענטשן האבן געזעהן זיינע גוטע מידות, האט מען איהם זייער שטארק מכבד געוועהן, אבער ער האט זיך דערווייטערט פון כבוד און אזעלכע זאכן. ער האט געמאכט א נדר נישט הנאה צו האבן פון מענטשן שלא בדרך מסחר. נאר

געוואלט אריינברענגען זיין פרנסה וואס איז אנגעשריבן געווארן פאר איהם ראש השנה אויף א גאנץ יאר אפילו זיין פרנסה איז געווען זייער מצומצם. אבער דער מדרש וואס זאגט "יהי מזונותי מרורין כזית בידו של הקדוש ברוך הוא ולא מתוקין כדבש בידי בשר ואדם" האט איהם כסדר באגלייט. אויך זיין פרוי איז געווען אן אשת חיל און זייער א קלוגע, זי האט געוואוסט ווי אזוי צו פירן די שטוב מיט א חשבון אויסגערעכנט יעדע פרוטה. זי איז געווען א טאכטער פון ר' יעקיל פון די גאר חשוב'ע אידן אין קראקא, פון איהם האט זי זיך געלערנט די אלע גוטע מידות צו לעבן א צופרידענע לעבן, און זיין צופרידן מיט וואס מ'האט. זיי האט קיינמאל נישט געזאגט קיין הויךווארט צו איר מאן, אזוי ווי איר מאמע פלעגט טאן נישט זיין גע'דאגה'ט עס וועט גארנישט העלפען אויב מ'דאגה'ט פלעגט איר מאמע כסדר זאגן. אין די טעג וואס עס איז נישט געווען קיין געלט אין שטוב פלעגט זי נעמען אויף בארג אין די געשעפטען, און דארט האט זי געוואוסט פונקטליך וואס יא צו נעמען און וואס נישט צו נעמען. נאר וואס איז געווען זייער נייטיג פאר'ן שטוב האט זי גענומען. אזוי האט ר' אייזיק און זיין ווייב געלעבט בשלום ושלוה אלע יארן.

עס איז געקומען שווערע צייטן שוין עטליכע חדשים וואס ר' אייזיק האט גארנישט פארדינט, מ'קען נישט באצאלען די בעלי חובות, מ'קען שוין נישט נעמען אויף בארג, אלע מאנען געלט. דער קלייטניק האט געלאזט וויסן אז אויב מ'צאלט נישט אפילו א חלק פון דעם חוב וועט מען ווייטער נישט קענען נעמען אויף בארג. וואס טוט מען?

ווי ר' אייזיק איז אהיים געקומען פון שוהל איין טאג פאר נאכטס ער זעהט זיין ווייב און קינדער ווי זיי שמאכטען פאר הונגער, איז זיין הארץ צוריסן געווארן אויף שטיקער און זיך אנגערופן "רבונו של עולם! שפייז מיר ווי דו שפייזט דעם הונט און דעם רויב-פויגל, איך זאל נישט דארפן אנקומען צו קיין מתנת בשר ודם, און אויב מיינע עבירות האבן דאס גורם געווען, וואס זענען שולדיג מיינע קינדער און ווייב האב רחמנות אויף זיי" ווי ער זאגט די ווערטער האט זיך ארויס געגאסען א טייך טרערן פון זיינע אויגן. ער זעצט זיך אוועק זייער שטיל, זיין ווייב שטייט נעבן איהם און רעדט נישט.ביידע וויינען שטילערהייט. ער זעהט נישט אירע טרערן און זי זעהט נישט זיינע טרערן. זיי האבן געליינט קריאת שמע שעל המטה און שטארק מכוון געווען אז דער באשעפער וואס אלעס געהערט צו איהם זאל זיי שיקן פרנסה פאר זייערע טייערע קליינע קינדער וואס האבן אזעלכע טייערע ריינע נשמות. פון הימל האט מען געזעהן זייערע טרערן וואס זענען ארויס געקומען מיט אן אמת, האט מען מחליט געווען אריין צו שיקן א ברכה צו זיי אין שטוב, וואס פון די ברכה זאל בלייבן פאר זיי און זייערע קינדער פאר עטליכע דורות.

אין יענע נאכט האט ר' אייזיק געהאט א חלום, ער זעהט ווי אן אלטער מאן שטייט נעבן איהם און זאגט איהם "איך קום צו דיר מיט א גוטע בשורה, דער באשעפער האט געשיקט צו דיר זיין הילף פון הימל". ר' אייזיק פרייד זיך זייער שטארק מיט דעם חלום און די בשורה, ער וועקט זיך אויף און זעהט אז עס איז נשט מער ווי א חלום. ער וויל גלייבן אין דעם חלום און האפט אז דער חלום זאל זיין אמת און די ישועה זאל טאקע שוין קומען וואס שנעלער. עס גייט אריבער עטליכע טעג און ר' אייזיק זעהט ווייטער אין חלום דעם אלטען איד, דער אלטער זאגט צו איהם "גיי קיין פראג, זאלסט קומען צו דעם גרויסן בריק, וואס איז נעבן דער פאלאץ פון דעם קעניג, און דארט וועסטו וויסן וואס דער חלום איז". ר' אייזיק וועקט זיך אויף און ווייסט ווייטער נישט וואס צו טאן ער גלייבט יא ... ער גלייבט נישט... אין דעם חלום. ער שטייט אויף אינדערפריא ער ווייסט נישט וואס צו טאן. ביז דער אלטער מאן איז געקומען צו איהם א דריטער מאהל אין חלום און זאגט צו איהם "גיי קיין פראג, גיי צו דעם בריק, וואס איז נעבן דער קעניגליכע פאלאץ, גיי אראפ אינטען, גראב אין דער ערד וועסטו דארט טרעפן א גרויסע אוצר". ווי ר' אייזיק האט זיך אויפגעוואכט האט ער יעצט פארשטאנען אז דער חלום איז א אמת'ע, ער האט געגלייבט באמונה שלימה אז פון הימל האט מען פאר איהם מגלה געווען א גרויסן אוצר. ווי נאר עס איז געווארן לעכטיג אינדרויסן האט ר' אייזיק זיך געאיילט געוואשן די הענט, געדאווענט שחרית, געפאקט זיין פעקעל און זיך ארויס געלאזט קיין פראג. קיינער האט נישט געוואוסט וואו ער גייט.

אזוי איז ער געגאנגען פון דארף צו דארף און פון שטאט צו שטאט. יעדן טאג איז ער געגאנגען ווייטער, חוץ פון די שבתים

און ימים טובים וואס ער איז געבליבן אין די שטעט וואו ער איז אנגעקומען. אזוי האט דאס געמומען גאנצע וואכן און חדשים ביז ער האט געענדיגט דעם לאנגען וועג און איז אנגעקומען צו דער הויפט שטאט פראג וואס איז געווען א קרית מלך רב.

ווי נאר ער קומט אין שטאט איז ער געווען זייער אויסגעמוטשעט און מיעד פון דער לאנגע וועג, אבער ער האט זיך נישט גערוהט, און איז גלייך געגאנגען צו דעם גרויסן בריק. אבער צו זיין מזל האט ער זיך נישט געקענט דערנענטערן צו דעם בריק, ווייל דארט זענען געשטאנען סאלדאטען און וועכטערס ביים עק פון דער בריק וואס האבן נישט געלאזט קיינעם אראפ גיין אינטען דער בריק. ער האט געשפירט א גרויס מידקייט אין אלע זיינע גלידער און מיט זיינע לעצטע כוחות איז ער אנגעקומען צו דער גאסט-הויז וואס האט געהערט צו די אידישע קהילה. ער האט דארט עפעס טועם געווען און זיך געלייגט שלאפן. א שטארקע שלאף איז ארויפגעפאלען אויף איהם, און איז אדורך געשלאפען דעם גאנצע נאכט ביז אינדערפרי. גלייך אינדערפרי האט ער זיך אויפגעוואכט, געדאווענט, געגעסן פת שחרית און זיך ווייטער ארויס געלאזט צו דער ריכטונג פון דעם גרויסן בריק וואס דער אלטער האט איהם געזאגט אין חלום. א גאנצע טאג דרייט ער זיך נעבן דעם בריק, זיינע אויגן קוקן אויף אראפ אינטען, ער זעהט דעם ארט וואו דער אוצר דארף זיין, אבער ער קען זיך נישט דערנענטערן צו דעם ארט. ווייל דער גאנצע ארט געהערט צו דער פאלאץ פון דעם קעניג און איז זייער באוואכט מיט שומרים. און אויב א פרעמדע גייט אריין אין דער ארט וואו מ'טאר נישט, וועט מען איהם גלייך איינזעסן אין תפיסה.

אין דעם דריטן טאג איז ער נאכאמאל אהין געגאנגען, ער דרייט זיך ווייטער דארט נעבן דעם בריק, ער פאנגט זיך אן נאכצופרעגן אויב מ'קען באקומען א ספעציעלע רשות צו קענען גיין כאפען א שפאציר אינטען פון דער בריק, און זעהן וואס טוט זיך דארט? אבער עס האט איהם גארנישט געהאלפען. ער האט פראבירט צו רעדן מיט דעם און מיט יענעם און קיינער האט איהם נישט געקענט געבן קיין עצה. אזוי איז ער סוף טאג צוריק געגאנגען צו דעם גאסט-הויז. ער האט געהאט פיעל צער און עגמת נפש פאר דעם אלעמען, ער פאנגט אן צו טראכטען, אפשר האט ער נישט געדארפט ארויס גיין פון זיין שטאט און גלייבן דעם חלום? נאך דערצו אזא ווייטע וועג, און אזא ארט וואו מ'קען נישט צוקומען. ער האט מחליט געווען נאך צו בלייבן דא עטליכע טעג און דערנאך צוריק אהיים גיין. אזוי האט ער יעדן טאג שפאצירט נעבן דעם בריק און געקוקט אויף אלע וועגן וואס פירן צו אינטער דער בריק. עס דאכט זיך איהם ווי דער אוצר שיינט ארויס צו איהם און רעדט צו איהם, קום נעם מיר, איך בין אנגעגרייט פאר דיר שוין פאר א לאנגע צייט. אבער ער קען דאס נישט טאן. אזוי איז אריבער עטליכע וואכן און קיינער האט איהם נישט באמערקט ווי ער שפאצירט דארט יעדן טאג. די וועכטערס האבן זיך נישט געמאכט וויסענדיג פון דעם פרעמדער מענטש וואס שפאצירט זיך אזוי יעדן טאג אויף דער בריק אהין און צוריק פארטראכט אין מחשבות, קיינער האט איהם נשט געפרעגט וואס ער זוכט דארט.

נאך א לענגערע צייט האט ער זיך צוביסלעך גענומען מער צו דערנענטערן צו דער ארט וואו ער האט געוואלט אנגענומען אינטער דער בריק. די וועכטערס וואס האבן איהם שוין געקענט און געזעהן זיך כסדר דרייען אויף דעם בריק האבן איהם גארנישט געזאגט, אזוי איז ער ידערע טאג געגאנגען אביסל ווייטער פון וואו די וועכטערס האבן געהיטען, און געהאפט אז דער טאג וועט קומען ביז ער וועט אינגאנצען קענען אנקומען ביז אינטען צו דעם אוצר וואס ווארט שוין אויף אים.

איין א שיינעם טאג איז ר' אייזיק געקומען גאנץ פרי און גענומען מאכן זיין שפאציר אהין און צוריק אויף דעם בריק, און כסדר געגאנגען אביסל ווייטער פון די וועכטערס. איינמאל ווי ער שפאצירט דארט אזוי, איז אנגעקומען א גרויסער האר וואס האט אכטונג געגעבן אויף אלע וועכטערס. ער זעהט ווי ר' אייזיק שפאצירט אזוי נאנט צו די וועכטערס, האט ער געמיינט אז ער וויל אפשר זעהן ווי עס בייטען זיך די וועכטערס דורכ'ן טאג. אבער דער האר האט געזעהן אז דער אידל שפאצירט ווייטער אויפ'ן בריק אפילו נאך דעם וואס די וועכטערס האבן זיך געביטן. איז אריין א חשד אין זיין הארץ אז אפשר איז דער איד גאר א שפיאן. האט ער מחליט געווען איהם צו כאפען וואס שנעלער. ער האט באפוילן צוויי

סאלדאטען צו שנעל גיין כאפען דעם אידן און ברענגען צו איהם. צוויי סאלדאטען האבן זיך דערנענטערט צו ר׳ אייזיק איהם אנגעכאפט און צוגעפירט צו דעם גרויסן שר און איהם איבער געגעבן אין זיינע הענט. ר׳ אייזיק ציטערט און ווייסט נישט וואס צו טאן ער איז זייער דערשראקען געווארן. ווי דער שר זעהט דאס פרעגט ער מיט א שטארקייט "וואס זוכסטו אויף דעם ארט? איך זעה אז דו שפאצירטס דא אהין און צוריק זייער פארטראכט, זאג מיר וואס דיין הארץ טראכט, אויב איך וועל זעהן אז דו זאגסט נישט קיין ליגענט וועל איך דיך באפרייען. האב נישט קיין מורא! איך קען דערקענען אויב דיינע רייד זענען אמת אדער נישט, און לפי די רייד וועל איך דיר משפט׳ן."

רופט זיך אן ר׳ אייזיק מיט א ציטערדיקע קול "אדוני הנכבד! איך וועל דיר דערציילן אלעס מיט דעם גאנצען אמת, דברים כהוויתן, ווי דער זאך איז געשעהן ווייל דו האסט מיר געפרעגט מוז איך דיר דערציילן, און אפשר וועסטו מיר קענען עפעס העלפען אין דער זאך. פאר א האלבע יאר צוריק האב איך געהאט א חלום אז אינטער דעם גרויסן בריק אין פראג וואס איז נאנט צו דעם קעניגליכן פאלאץ, געפונט זיך א גרויסע אוצר, וואס איז באהאלטען געווארן פאר מיר. צום ערשט האב איך געמיינט אז דער חלום איז א פוסטע חלום. אבער דער חלום האט זיך איבער גע׳חזר׳ט דריי מאל. בין איך געקומען קיין פראג זוכן דעם אוצר, און זוכה זיין אין די גרויסע מציאה וואס מ׳גוט צו מיר פון הימל. נאך פיהל מיה בין איך אנגעקומען צו דער ארט, אבער איך קען נישט אראפ גיין אינטער דער בריק, וויחל עס איז דא שומרים בייטאג און ביינאכט אויף דער ארט, דעריבער בעט איך דיר האב רחמנות אויף מיר, און געב מיר רשות איך זאל דארט קענען גיין און זעהן אויב דער חלום איז ריכטיג אדער נישט". ר׳ איזייק האט אפילו נישט געענדיגט זיינע ווערטער האט דער שר אנגעפאנגען צו לאכען מיט א הויך קול און געזאגט ":געט א קוק אויף דער מענטש וואס איז אזא תמים און א נער און גלייבט אלעס! איך מיין אז איך האב נאך נישט געטראפען א מענטש וואס זאל גיין אזא לאנגע וועג נאר וועגן עפעס א פיסטע חלום. ווער גלייבט היינט אין חלומות? אלע חלומות זענען דאך פאלש, חלומות טוען נאר פארדרייען די מחשבות פון א מענטש, און אויב דו ביזט אינטרעסירט וועל איך דיר דערציילען אויך א אינטרעסאנטע חלום וואס האט זיך מיר גע׳חלומ׳ט. לעצטע וואך איז דער בעל החלומות געקומען צו מיר אין חלום און געזאגט גיי קיין קראקא קויף דעם הויז פון א איד מיט דעם נאמען ר׳ אייזיק ר׳ יעקילס, ווייל דארט אינטער דעם אויוועו אזי באגראבען א גרויסער אוצר. און דורך דעם וועל איך ווערן זייער רייך. וואס מיינסטו וועגן דעם חלום זאל איך פארן קיין קראקא? ווייסט דאך אז אלע חלומות זענען נאריש און פוסט. און וואויל איז דער מענטש וואס גייט נישט נאך די אלע נארישע חלומות. און דו, וויסן זאלסטו איך וועל דיר קיינמאל נישט געבן קיין רשות צו קענען גין דארט אינטער דער בריק. גיי שוין אהיים פון וואו דו ביזט געקומען און מער וויל איך דיר נישט זעהן דא. און מאכט דיך נישט נאריש מיט די אלע חלומות."

ווי ר׳ אייזיק האט געהערט די אלע ווערטער פון דעם שר, האט ער זיך זייער געפרייט, און יעצט איז שוין אלעס קלאר געווארן פאר איהם, אז ער האט געדארפט קומען קיין פראג צו הערן דעם חלום פון דעם שר. ער קומט צו זיין אכסניא זייער פרייליך, ער עסט און טרונקט און בענטשט דעם באשפער מיט גרויס כוונה, ווייל זיין הארץ האט איהם אנגעזאגט גוטע בשורות.

דעם קומענדיגן טאג האט זיך ר׳ אייזיק ארויס געלאזט אין וועג פון פראג צוריק צו גיין קיין קראקא. ווי ער קומט אהיים, האט ער נשט גערעדט קיין ווארט, נאר גלייך גענומען א שאוועל און צו געגאנגען צו דער אויוועו און זיך גענומען גראבען דארט ווי דער שר האט איהם געזאגט. ער האט דארט געטראפען א גרויסען אוצר. און פון יענע טאג איז ר׳ אייזיק געווארן א גרויסער עושר וואס ווייניג עשירים אין קראקא האבן זיך געקענט פארמעסטען מיט זיין עשירות. פארשטייט זיך אז ער האט נישט געלאזט וויסן וועגן זיין עשירות אויף איינמאל, נאר צוביסלעך. ער האט ווייטער געהאנדלט אין זיינע זאכן, נאר עס האט אויס געזעהן פאר מענטשן אז די ברכה איז אריין אין זיינע געשעפטן און ער איז געווארן א עושר פון זיינע געשעפטן. זיינע געשעפטן זענען געוואקסן זייער גרויס, און פיהל אידן האבן הנאה געהאט פון זיינע געשעפטן, און פיהל ארבייטערס זענען געווען אידן וואס האבן געהאט פרנסה בשפע פון ר׳ אייזיק. זיין האנט איז געווארן אויס געשטרעקט פאר יעדן ארימאן און זייגעגעבן נדבות מיט א ברייט הארץ.

געטאן צדקה וואו נאר ער האט געקענט, ביז זיין נאמען איז ארויס אין גאנץ פולין פאר דער גרעסטער נדיב צווישן די פוילישע אידן. סוף ימיו האט ער מקדיש געווען א גרויס חלק פון זיין געלט צו בויען א שיינע שוהל אין דער שטאט קראקא, וואס דער שוהל טראגט דעם נאמען "ר'אייזיק ר' יעקלס שוהל". וואס געפונט זיך היינט נאך נעבן דער אלטע בית החיים אין קראקא.

---

# א חבר א קצב

געווען מיט יארן צוריק א גרויסער תלמיד חכם, וואס איז אויך געווען א חסיד און א גרויסע עניו. געזעסן און געלרנט טאג און נאכט, און כמעט נישט געהאט קיין שייכות מיט עולם הזה ענינים. ווען עס פלעגט איהם שווער זיין אין לערנען א געוויסע זאך פלעגט ער כסדר מאכן א שאלת חלום, און על פי רוב פלעגט מען איהם פון הימל ענטפערן אויף אלע זיינע שאלות.

איינמאל האט ער מחליט געווען צו פרעגן אין הימל נעבן וועמען ער וועט זיצן אין עולם הבא לאחר מאה ועשרים שנה. דאס צו פרעגן האט ער געמוזט פאסטן פיהל תעניתים ביז ער זאל געענטפערט ווערן פון הימל אויף דעם. ביז ס'איז געקומען די ריכטיגע צייט, און מ'האט איהם געענטפערט פון הימל אין חלום אינמיטן נאכט, אז פלוני הקצב וועט זיצן נעבן איהם אין גן עדן.

ער שטייט אויף אינדערפריא אן געדענקט דעם חלום, און ווערט זייער באזארגט, ווי קען דאס זיין אז ער זאל זיצן נעבן א פשוט'ע קצב אין גן עדן, ער קען דאך דעם קצב פאר גאר א פשוט'ע מענטש. ער האט געטראכט אפשר איז גאר געווען א געוויסע טעות אין דעם ענטפער, האט ער ווידער געפראוועט געוויסע תעניתים און ווייטער אנגעפרעגט בשאלת חלום אין הימל ווער עס וועט זיין זיין חבר נעבן וועמען ער וועט זיצן אין גן עדן? האט מען איהם געענטפערט, מ'האט דאך דיר שוין געזאגט איינמאל אז פלוני הקצב וועט זיין דיין חבר און זיצן נעבן דיר אין גן עדן!

ער שטייט ווייטער אויף אינדערפריא און נעמט זיך וויינען אויף דעם וואס זיין גן עדן וועט זיין נעבן א גאר פשוט'ע קצב. ער וויינט אזוי שטארק, ביז מ'האט איהם מודיע געווען פון הימל, "אויב דו וואלסט נישט געווען אזא גרויסער חסיד וואלט דיר געקומען מיתה אויף דעם וואס דו וויינסט וועגן דיין ארט אין גן עדן, פארוואס ווילסטו נישט זיצן נעבן דעם קצב, ווייסט דו דען ווער ער איז? ער האט געטאן אזעלכע מעשים טובים וואס קיין מענטש אין דער וועלט האט דאס נאך נישט געטאן, דעריבער איז זיין מעלה אין גן עדן גאר הויך, און דו האסט די זכיה צו קענען זיצן נעבן איהם.

ווי דער חסיד הערט די ווערטער איז ער בארוהיגט געווארן. אבער ער האט דאך געוואלט וויסן די גוטע זאכן וואס יענער קצב האט געטאן, וואס דעריבער האט ער זוכה געווען צו אזא הויכע ארט אין גן עדן. דער חסיד שטייט אויף אינדערפריא און לאזט זיך ארויס צו פלוני הקצב, ער וויל כאפען א שמועס מיט איהם און זעהן מיט וואס איז זיין גרויסקייט אזוי חשוב. ער טרעפט דעם קצב, וואס האט באמת אויסגעזעהן ווי א ריכטיגע קצב, מ'האט גארנישט געקענט באמערקען אויף איהם עקסטרע מער ווי אנדערע מענטשן. אבער דער חסיד גוט איהם שלום עליכם און זאגט צו איהם, איך וויל דו זאלסט מיר דערציילן אביסל וועגן דיין ארבייט און לעבן און דיינע מעשים טובים. דער קצב פארשטייט נישט וואס ער וויל פון איהם און זאגט, איך ארבעט זייער שווער א גאנצע טאג, און די געלט וואס איך לייז יעדן טאג, טוה איך האלב פון די געלט געבן פאר צדקה און די אנדערע האלב נעם איך פאר מיר און מיין פאמיליע אויף צו לעבן. רופט זיך אן דער חסיד און זאגט, עס קען נישט זיין אז וועגן דעם איז זיין מעלה אזוי גרויס, געווג

מענטשן געבן מער צדקה ווי איהם, נאר עס מוז זיין אז ער האט אמאהל געטאן א געוויסע זאך וואס פון הימל איז מען זייער צופרידן געווען וועגן דעם. און וועגן דעם האט ער אזא חשוב'ע ארט אין גן עדן.

דער קצב איז שטיל געבליבן פאר א צייט און נעמט זיך טראכטן וועגן א געוויסע גוטע זאך וואס ער האט געטאן. ער טראכט אזוי א לענגערע צייט ביז עס איז ארויף געקומען אויף זיין געדאנג א געוויסע מעשה וואס איז געשעהן מיט יארן צוריק. ער רופט זיך אן צום חסיד און זאגט, איך טו זיך דערמאנען א געוויסע זאך וואס איז געשעהן מיט מיר יארן צוריק, קען אפשר זיין אז דאס איז וואס איר מיינט. זאגט דער חסיד אדרבא דערציילט אונז דער זאך וועלן מיר זעהן אויב דאס איז דאס וואס מיר האבן געוואלט הערן.

דער קצב נעמט זיך דערציילן, אז מיט יארן לאנג צוריק, ווי איך בין געווען זייער פארנומען מיט מיין ארבעט, איז אנגעקומען אין מארק א גרופע גויים מיט געפאנגענע מענטשן צום פארקויפן אדער אויסגעלייזט ווערן. צווישן די געפאנגענע האב איך באמערקט א מיידל וואס וויינט זייער שטארק. איך האב זיך דערנענטערט צו איר און איר געפרעגט "מיין טאכטער! פארוואס וויינסטו און שרייסט אזוי שטארק"? האט זי מיר געענטפערט אז זי איז א אידישע מיידל, און האט זייער מורא אז זי זאל נישט אנקומען צו די גויים און זיי וועלן ח"ו איר שמד'ן איר מטמא זיין און איר ארויס נעמען פון כלל ישראל. איך וואלט זייער געוואלט אנקומען אין אידישע הענט וואס זענען רחמנים בני רחמנים איך זאל ווייטער קענען לעבן ווי א איד און נישט דארפן בייזשטיין די שווערע נסיונות צווישן די טמא'נע גויים. ווי איך האב געהערט די ווערטער, האב איך איר געזאגט אז זי זאלווארטן א ווייל ביז איך וועל איר אויסלייזן. איך בין גלייך געגאנגען צו איר געפאנגענער איר האר, און זיך געדינגען אויפן פרייז, ביז מ'איז אדורך געקומען אויף גאר א הויכע פרייז פאר מער געלט וואס איך האב פארמאגט, די איבריגע געלט האב איך צוזאם געבארגט און עס האט גענומען יארן לאנג ביז איך האב דאס אפגעצאלט פאר די בעלי חובות. אזוי האב איך איר אויסגעלייזט פון די גויים.

דעמאלט איז די מיידל אלט געווען 12 יאר, איך האב איר אריין געברענגט צו מיר אין שטוב, און זי האט געוואוינט ביי מיר, איך האב איר געקליידעט פון די בעסטע און די שענסטע, אזוי אויך איר געגעבן צום עסן פון די בעסטע און די געשמאקסטע, ביז זי האט זיך געשפירט ווי מיינ'ס א אייגענע קינד. ווען זי איז אונטערגעוואקסן, האב איך געהאט א זוהן וואס איז אלט געווען 21 יאר, האב איך מיין זוהן צוגערופן צו א זייט און גערעדט מיט איהם ווייכע רייד, ער זאל אננעמען מיין באגער וואס איך וויל רעדן מיט איהם. איך זאג איהם, מיין קינד איך בעט דיר נעם אן מיין עצה און טוה מיין באפעל און באגער וועט דיר זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. זאגט מיין זוהן "טאטע! וואס דו ווילסט איך זאל טאן וועל איך טאן, און איך וועל זיך נישט קערן פון דעם אויף רעכטס אדער אויף לינקס". זאג איך פאר מיין זוהן, הער צו מיין געטרייע זוהן, איך וויל אז דו זאלסט חתונה האבן מיט די אידישע מיידל וואס איך האב אויסגעלייזט פון די גויים, און איר נעמען פאר א ווייב, [לאמיר נישט פארגעסן אז א עלענדע מיידל וואס קיינער ווייסט נישט פון וואו זי שטאמט, און נאך דערצו געווען געפאנגען ביי גויים, איז נישט אזוי גרינג צו טרעפן א שידוך] און איך וועל פאר אייך געבן די שענסטע און בעסטע קליידער און צירונגען פון די טייערסטע. מיין זוהן האט גלייך מסכים געווען און געזאגט אז ער איז גרייט אויף דעם. מיין הארץ האט זיך זייער געפרייט מיט זיין ענטפער, איך האב שנעל געלאזט רופן די בעסטע שניידערס פון שטאט, איך האב זיי אנגעזאגט זיי זאלן צוגרייטען די שענסטע קליידער פאר די חתן און כלה, אזוי האב איך צוגעגרייט אלצדונג וואס מ'דארף צוגרייטען פאר א יונג פאר פאלק וואס האבן חתונה, א שטוב צו וואוינען מיט מעיבעל, א.ד.ג.

שוין א וואך פאר די חתונה האט מען גענומען פראווען די סעודת עניים, יעדן נאכט סעודות פאר די ארעמעלייט פון נאנט און ווייט, ווי דער מנהג איז געווען אמאל. מ'האט געמאכט סעודות פאר די רייכע מענטשן אויך, און מ'האט געזעצט די ארעמע מענטשן צווישן די רייכע זיי זאלן נישט ווערן פארשעמט, און יעדער איינער זאל זיך פירן ווי א מחותן ביי די סעודות. מ'האט געשטעלט די בעסטע און געשמאקסטע עסן, מ'האט געגעבן צו טרונקען די געשמאקסטע גאר אלטע וויין, יעדער איינער וואס איז געווען ביי די סעודות האט זיך אנגעגעסן און געטרונקען און איז ארויס פון דארט מיט א גוט

הארץ און געבענטשט אלעמען פאר דעם.

ביי איינע פון די סעודות א נאכט בעפאר די חופה, ווי אלע מענטשן ארעמע און רייכע האבן געגעסן און געטרונקען און זיך געלאזט וואויל גיין, איז אבער געווען איין טיש וואס מ'האט דארט גארנישט געגעסן, אלע וואס זענען געזעסן ביי יענעם טיש האבן נישט צוגערירט צו די עסן און וויין וואס זענען געלעגן אויף יענעם טיש. איך גיי צו נענטער צו יענעם טיש זעהן פארוואס מ'עסט גארנישט פון די עסן וואס ליגן אויפן טיש. איך פרעג די מענטשן פאר וואס עסט איר נישט, אפשר האט איר געטראפן עפעס א פעלער אין די עסן אדער אין די וויין? זאגן זיי חס ושלום, מיר האבן נישט געזעהן קיין בעסערע עסן ווי די עסן אין אונזערע לעבן און געשמאקע . נאר וואס? דא ביים טיש - ווייזן זיי מיט דעם פינגער - זיצט א געוויסע אפגעריסענע ארעמאן און וויינט די גאנצע צייט, און נעמט אוועק פון אונז דעם אפעטיט פון צו עסן און טרונקען. ער קרעכצט און זיפצט די גאנצע צייט, מיר פראבירן רעדן צו איהם, אבער ער ענטפערט גארנישט.

דערציילט ווייטער דער קצב - האב איך צוגערופן דעם ארעמאן אין א זייט און איהם ארויסגערופן אינדרויסן פון דעם זאל ער זאל מיר דערציילן פאר וואס ער וויינט אזוי שטארק און זיפצט אן א אויפהער. אפשר קען איך איהם העלפען מיט דעם. ער איז מיר נאכגעגאנגען. און אינדרויסן האט ער אויפגעהערט פאר א ווייל׳ע צו וויינען. איך זאג צו איהם, מיין ברודער! פארוואס טוסט דו דאס פאר מיר און דו טוסט שטערן מיין שמחה דורך דיין געוויין און זיפצן ביים עסן? איך בעט דיר לאז מיר וויסן וואס עס קרענקט דיר אויפן הארץ, און טוה גארנישט פארהוילן פון מיר, אויב דו האסטו עפעס א חוב אויף מיר בין איך גרייט דאס אפצוצאלן, אויב דו ווילסט גאר אן הלואה בין איך אויך גרייט אויף דעם, דער עיקר זאלסט מיר אנטפלעקען וואס עס קרענקט דיר אזוי שטארק אויפן הארץ.

ענטפערט דער ארעמען און זאגט, נישט וואס דו ביזט מיר שולדיג אדער פארקערט, נישט וואס איך דארף אן הלואה ווייַן איך, נאר איך וויין וועגן די מיידל די כלה וואס גייט מארגן חתונה האבן מיט דיין זוהן. פרעג איך וואס האסטו צו וויינען וועגן די מיידל, דו קענסט דען די מיידל? ענטפערט ער מיר און זאגט ווייטער מיט א געוויין, די מיידל איז פון יענע און יענע שטאט, זי איז געווען מיין כלה און איך האב איר געהאלטן ביים חתונה האבן, אבער בעפאר די חתונה איז זי געפאנגען געווארן דורך רויבערס, ביז זי איז אנגעקומען דא צו דיר אין שטוב. און אויב דו גלייבסט נישט דא האסטו די תנאים וואס איז געשריבן געווארן צווישן מיר און איר. פרעגט איך ווייטער דעם ארעמאן אויב ער ווייסט פון א געוויסע סימן אין די כלה וואס אנדערע וויסן נישט, האט ער מיר געגעבן א געוויסע סימן. איך האב גלייך געלאזט מ'זאל נאכקוקן אויב ס'איז אמת די סימנים וואס ער האט געזאגט.

ווי איך האב געזעהן אז זיינע ווערטער זיינען באמת ריכטיגע און אז ער איז באמת געווען איר חתן מיט עטליכע יאר צוריק, און וועגן דעם האט ער געוויינט צוקענדיג ווי זי האט חתונה מיט מיינעם א זוהן. האב איך איהם געזאגט אז ער זאל זיין בארואיגט און זאל צוווארטען ביז איך וועל איבער רעדן די זאך מיט מיין זוהן. דער ארעמאן איז געגאנגען אויף א זייט און געווארט ביז איך וועל זיך צוריקקערן צו איהם.

דערווייל האב איך צוגערופן מיין זוהן צו א זייט און איהם געזאגט, מיין טייערע זוהן! דו האסט געטאן מיין ווילן דורך נעמען די מיידל פאר א כלה, אן צו וויסן ווער זי איז, ווייל דו האסט געוואלט טאן מיין רצון! יעצט וויל איך מיין זוהן זאלסט ווייטער טאן מיין רצון, ביזטו גרייט אויף דעם?! מיין זוהן ענטפערט מייט א שטאלץ אז ער איז גרייט אויף אלצדונג. אזוי ווי ער האט געהערט צו מיינע ווערטער ביז יעצט וועט ער צוהערן צו מיינע ווערטער ווייטער. און גארנישט טאן אקעגן מיין ווילן. ווי איך הער זיינע ווערטער, ווערט מיין הארץ פיל מיט פרייד, און איך זיך די פאסיגע ווערטער וואס ארויס צו זאגן פון מויל, איהם לאזן וויסן אז ער וועט זיך מוזן שיידן פון זיין כלה, ווייל זי איז שוין א כלה צו א צווייטן בעפאר זי איז אריינגעקומען אין אונזערע שטוב.

און נעם זיך זאגן פאר מיין זוהן "וויסן זאלסט מיין געטרייע זוהן, אז אלעס ווערט געפירט פון הימל, דיין כלה וואס האט געוואוינט ביי מיר אין שטוב איז נישט דיין באשערטע פון הימל, זי איז שוין געווען א כלה בעפאר זי איז אריינגעקומען אין אונזערע שטוב, און דא זענען אירע תנאים מיט וועמען זי

איז געווען א כלה מיט עטליכע יאר צוריק בעפאר מ'האט איר געפאנגען. זי איז טאקע געפאנגען געווארן און איך האב איר אויסגעלייזט, אויב מיט דעם אלעמען איז זי נאך אלץ געבינדן צו איר ערשטן חתן דורך די תנאים. דעריבער מיין זוהן בעט איך דיר אז דו זאלסט מיט דיין גאנצן הארצן זיין באוויליגט אפלאזן די כלה כדי זי זאל קענען פרייערהייט צוריק גיין צו איר ערשטע חתן וואס מיר האבן יעצט געטראפן ווער דאס איז. און נישט נאר דאס, נאר אויך די אלע קליידער און צירונגען וואס מ'האט פאר איר צוגעגרייט זאל בלייבן ביי איר און איר מאן, און מיט דעם באשעפער'ס הילף וועל איך טרעפן פאר דיר א כלה וואס איז דיין באשערטע פון הימל.

מיין זוהן האט געהערט די ווערטער, האט ער זיך ווייטער אנגערופן און געזאגט, טייערע פאטער! איך האב געהערט דיינע רייד ביז יעצט וועל איך ווייטער הערן דיינע רייד, און נאך דערצו אז דער שידוך איז נישט מיינע באשערטע ווי קען איך אזא זאך צוריק האלטען, פארקערט ווי באלד די מיידל האט דאך נישט קיין עלטערן אזוי אויך דער חתן, לאמיר דא אויפן ארט זיי חתונה מאכן און שטעלן חופה, און נוצן די אלע קליידער און צירונגען וואס איז געווען צוגעגרייט פאר מיר, אזוי אויך די הויז מיט די מעיבל און אלע אנדערע זאכן וואס מ'האט צוגעגרייט פאר מיר זאל זיין פאר די פאר פאלק, דו ביזט דאך געווען ווי א פאטער צו איר, וועסטו ווייטער זיין א פאטער צו איר, און פאר מיר וועט שוין דער באשעפער זארגן.

ווי איך האב געהערט די ווערטער פון מיין זוהן האט דאס זייער דערפרייט מיין הארץ, און איך האב גלייך געלאזט רופן די כלה, און איר געלאזט וויסן אז איר ערשטע חתן געפונט זיך דא, דערווייל האבן מיר גענומען דעם ערשטן חתן און איהם ארומגעוואשן אנגעטאן שיינע נייע קליידער ווי א חתן דארף גיין אנגעטאן, און ווי זי האט איהם געזעהן האט זי גע'חלש'ט, מ'האט איר גלייך דערמינטערט, און זי האט זיך שטארק געפרייט זיך צו טרעפען מיט איהם. עס האט נישט גענומען קיין לאנגע צייט און ביז צוויי וואכן האט מען געשטעלט חופה וקידושין פאר די חתן און כלה, און זיי זענען געזעסן ביי מיר און שטוב און געוואוינט דארט פאר עטליכע יאר ווי אייגענע קינדער. מיט די צייט זענען זיי אוועק פון דאנען וואוינען אין א אנדערע שטאט, און מיר האבן שוין פאר א לענגערע צייט נישט געהערט פון זיי. אזוי אויך מיין זוהן האט גלייך נאך די מעשה געטראפן זיין באשערטע א כלה א מושלמת במעלות ובמידות טובות, און נאך דערצו א שווער א רייכער וואס האט זיך געלאזט קאסטן א שיינעם נדן פאר זיין טאכטער, און ב"ה איך זעה פיהל נחת פון מיין געטרייע זוהן. און זיינע קינדער.

ווי דער חסיד האט געהערט די גאנצע מעשה האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט, ברוך אתה ה' גלויבט, ביסטו באשעפער וואס דו האסטו מיר געגעבן אן ארט אין גן עדן נעבן אזא טייערע חשוב'ע איד.

---

**מענטשן פארגעסן אז די וועלט איז נישט דער עיקר, אז דער מענטש קומט דא ערפילן א שליחות. דערפון שטאמען אלע קושיות. אבער ווען מען וואלט געדענקט אז עס איז דא א עולם הבא, און דער מענטש קומט אויף די וועלט בלויז צו מתקן זיין, וואלטן נתבטל געווארן אלע קשיות.**

דער גלויבן אין עולם הבא איז דער גרונד פון די ריכטיגע אמונה. פיל לעבנס רעטענישן באקומען גאר אן אנדער זין, ווען מען פארשטייט אז דער עקזיסטענץ פון א מענטש אין די וועלט איז בלויז א טייל פון א גאנצער מהלך, וואס פאנגט זיך אן אסאך איידער זיין געבוירן, און דארף נאך ווייטער פארזעצן פיל נאך זיין טויט.

## נעמט'ס אראפ אפאר מינוט אין ליינט די מעשה נורא עס וועט אייך געבן א אנדערע בליק אין לעבן

אין כתבי הרב חיים ויטאל זצ"ל, ווערט געברענגט א מעשה וואס ער האט געהערט פון זיין רבי דער אריז"ל, וועלכע קאנקרעטיזירט עס אין א קלארן אופן:

אין איינע פון די הייליגע אידישע קהילות איז געשען א צופאל וואם האט אויפגעשוידערט די גאנצע שטאט און ערוועקט שווערע קושיות איבער די וועגן פון השי"ת - ביי גרויס און קליין.

א יונגע פרוי, א טאכטער צו איינע פון די חשוב'ע משפחות אין שטאט, האט חתונה געהאט צו א סוחר א ירא שמים, רודף צדקה וחסד, פון די צענטער-זיילן אין די קהילה. די ערשטע יארן האט זיך געפירט דער לעבן פון פארפאלק רואיג און שיין, און זיי האבן געבוירן עטליכע זין און טעכטער. די פרוי האט זיך געפירט מיט גרויס צניעות, זיך שטארק אפגעגעבן מיט ערציען אירע קינדער, געזאגט תהילים און געטון חסד מיט ארעמעלייט. דער מאן איז ארויסגעפארן האנדלען איבערן לאנד, און צוגאב צו קביעת עתים לתורה. זיינע צדקה טאטן זענען פארשפרייט געוועהן איבער עטליכע שטעטעלעך ארום, און טויזענטער ארימעלייט האבן געניאסן פון זיין ברייטע האנט.

פלוצלונג, האט אן אומגליק געטראפן די שטאט. אוואו? דווקא אין די הויז פון דעם באשיידענעם פאר! די שטוב פון וואו עס איז ארויס בלויז צדקה וחסד! פונקט זיי האט פאסירט א שוידערליכער אומגליק! זייער דריי יעריג קינד איז אומגעקומען מיט א מיתה משונה דורך א גוי א שיכור גוי רחמנא ליצלן די גאנצע שטאט איז אויפציטערט געווארן פון דעם שרעקליכן פאל. טויזנטער מענטשן צווישן זיי חשוב'ע רבנים זענען געקומען דורך די 'שבעה' טעג טרייסטן די פארווייטאגטע עלטערן. פיל האבן געפרעגט צו זיך, ווייניגער האבן עס ארויסגעדריקט הויך: איז דאס דער שכר פון דעם באשיידענעם פארפאלק אזיף זייערע פיל גוטע מעשים? פארוואס האט זיי השי"ת עס געמאכט? און פארוואס דורך אזא מיתה משונה? אויך טענות און פארדרוס אויף די וועגן פון השי"ת האט זיך אריינגעכאפט אין די הערצער פון א טייל איינוואוינער, וועלכע האבן אפגעשוואכט און צעטומלט זייער אמונה און זיי דערווייטערט פון דרך התורה.

דער פארפאלק האבן רעאגירט אויף דעם פאל מיט אמונה און הכנעה, און אנגענומען די גזירה מיט ליבשאפט. זיי האבן ווייטער פארגעזעצט זייער לעבן ווי פריער, אבער עס איז נישט אדורך פיל צייט, און ווידער האט זיי געטראפן אן אומגליק: א קלאנג איז אריבער אין שטאט: דער סוחר - דער באשיידענער צדיק איז קראנק געווארן, און די דאקטוירים פארזאגן אים פון לעבן. גלייך האבן זיך פארזאמלט אין די שולן מניינים פון תפילות. דער סוחר איז געווען באליבט ביי אלעמען, און פיל האבן נהנה געווען פון זיין ברייטע האנט. נאך מער, ער איז געווען איינער פון די ראשי הקהילה וועלכער האט אנגעפירט פיל אנשטאלטן פון תורה, צדקה וחסד. דעריבער, זענען די תפילות ארויסגעקומען פון טיפסטן הארץ און די געשרייען האבן געשפאלטן הימלען.

די שולן זענען נאך פולער געווארן און דער שטורעם האט זיך פארשטארקט, ווען מען האט זיך דערוואוסט אז די דאקטוירים גיבן אים נישט מער פון א וואך לעבן... דער רב פון שטאט, וואס איז געווען א צדיק און למדן האט דאן גע'פסק'נט: "אזוינס וועט נישט פאסירן! עס וועט נישט געשען קיין שלעכטס פארן צדיק"!

ווי גרויס איז געווען ווייער אנטוישונג, און ווי שרעקליך איז געווען דער ווייטאג און בראך פון די שטאטסלייט ווען נאך אפאר טעג איז דער יונגער סוחר געשטארבן. אך טוב וחסד

האט ער געטון זיין גאנצן לעבן. ארום פינף און דרייסיג יאר איז ער אלט געווען ביים שטארבן און די יונגע אלמנה, וועלכע האט פארלוירן איר מוט און איר לעבנס קוואל האט נישט געוואוסט ווי צו אנטהאלטן איר געוואלדיגער טרויער. אלע האבן באקלאגט די גרויסע אבידה, און פיל קושיות האבן אנגעפילט די הערצער: פארוואס איז אוועקגענומען געווארן פון די וועלט דער גוטער מאן, דער צדיק? פארוואס האבן נישט געהאלפן די פיל תפילות? און ווי איז מעגליך אז דער רב פון שטאט האט באפוילן ער זאל לעבן, און דאך איז ער געשטארבן?

צוויי יאר זענען אדורכגעגאנגען פון זיין פטירה. ערב שבת. דער געהייראטער זון פון די אלמנה איז געקומען איר אנוואונטשן א 'גוט שבת. די יונגע אלמנה פרובירט שמייכלען, אבער נישט ווילנדיג רייסן זיך ארויס די טרערן פון אירע אויגן. "מאמע" - טענה'ט צו איר דער זון - "עס זענען שוין אדורך גאנצע צוויי יאר! גענוג שוין מיט די טרערן! חז"ל האבן באשטימט וויפל צייט מען מעג טרויערן. און ווער עס ציט זיך מיט זיין צער צופיל - גייט זיין טרויער אן ווייטער! מיר זענען דאך מאמינים בני מאמינים, און וואס ווייסן מיר איבער הימלישע חשבונות? וואס השי"ת טוט איז געוויס לטובה! דו ברענגסט אונו אלעמען צו פיל צער, און אויך פאר די נשמה פון דעם טאטן ברענגסטו צער. געוויס באגערט ער זאלסט פארזעצן ווייטער דיין לעבן. שוין זייט עטליכע מאנאט האט מען דיר פארגעשלאגן אן אויסגעצייכנטער שידוך, און דו האלסט זיך אפ. טייערע מאמע! דו מוזט דיר שטארקן אין אמונה, וואס דאס מיינט זיין צופרידן מיט דיין טייל, און פארזעצן ווייטער."!

די יונגע אלמנה האט טיף איינגעאטעמט. גענוג! האט זי באשלאסן. גענוג מיטן טרויער. גענוג מיט די כפירה! צו בין איך דען מער דערבארעמדיג ווי דער באשעפער? השי"ת טוט אלעס לטובה פון יעצט וועל איך מיר מחזק זיין מיט שמחה! אזוי האט די אלמנה פארגענומען זיך. אוןווירקליך יענעם שבת נאכט איז זי געווען פרייליך און שמייכלדיג. אירע יונגע זין האבן אפגעאטעמט.

ענדליך ווייזט שוין די מאמע ארויס אן אמת'ע שמחה, אן טרערן וואס גלאנצן אין די אויגן. די מאמע קערט זיך אום צו זיך. זי שטארקט און מוטיגט ווייטער. זיי האבן שוין אויסגעוואוארט אויף דעם ענדערונג ווי לופט צום אטעמען; נאך איין אזא שבת פון טרויער און טרערן וואלט זי שוין איינגעבראכן גייסטיש.

יענע נאכט, צום ערשטן מאל נאך צוויי יאר, האט זיך די אלמנה געלייגט שלאפן מיט א לייכטע הארץ. צום ערשטן מאל נאך פיל צייט איז זי איינגעשלאפן מיט א שמייכל אויף אירע ליפן. צום ערשטן מאל נאך פיל נעכט איז זי געלעגן רואיג אן זיך דרייען אויפן בעט, אן צו דערמאנען זיך אין איר געשטארבענעם מאן. א זאך וואס איז אויסגעריסן געווען פון איר הארץ, א זאך וואס האט געפעלט אין איר נשמה, האט זיך אומגעקערט צו איר - די אמונה!

און אט חלום'ט זי. אין חלום שטייט זי אין א פראכטיגן גארטן, העל באלויכטן. א ריח גן עדן איז אנגעקומען צו איר, און זי האט פארשטאנען אז זי געפינט זיך אין עולם העליון. צווישן די בוימער אין גארטן האט זי באמערקט אן אלטן מאן מיט אן הדרת פנים, וועלכער שטראלט און לייכט. ער איז צוגעגאנגען צו איר און איר געפרעגט, צו וויל זי באגעגענען איר מאן וואס איז געשטארבן. זי האט צוגעשאקלט מיט איר קאפ, און ער האט איר געפירט צו א גרויסן זאל פול מיט צדיקים וועלכע זיצן און הערן א שיעור תורה פון א יונגן רב. צום ענדע פון שיעור גייט צו צו איר דער יונגער, און אט זעט זי אז עס איז נישט קיין צווייטער נאר איר מאן

"מיין טייערער מאן!" האט זי אויסגערופן גערירט. "פארוואס האסטו מיר אפגעלאזט יונגערהייט? און ווי קומסטו צו אויסלערנען תורה אין גן עדן? ביזט דאך נישט געווען א תלמיד חכם, וויאזוי האסטו דערגרייכט דערצו.?

דער מאן האט זיך צושמייכלט און איר געזאגט: "זיי וויסן, אז איך בין ביים פריערדיגן גלגול געווען א געוואלדיגער גאון, נאר איך האב נישט חתונה געהאט. און ווען איך בין ארויף צו מיין ארט אין גן עדן האט מען גע'טענה'ט קעגן מיר, אז איך קען נישט זיצן אין גן עדן איידער איך וועל מקיים זיין די ערשטע מצווה וואס שטייט אין די תורה - "פרו ורבו". דעריבער, בין איך מגולגל געווארן כדי צו חתונה האבן, ברענגען קינדער אויף די וועלט, ערציען בדרך התורה און מפרנס זיין. און אזוי ווי איך האב חתונה געהאט מיט דיר און מיר האבן געברענגט קינדער אויף די וועלט, ממילא דערמיט וואס איך האב מקיים געווען די מצוה, און ערפילט מיין תיקון איז שוין נישט געבליבן קיין סיבה צו בלייבן אין עולם השפל, און איך בין נפטר געווארן. יעצט געניס איך פון דעם שכר פון מיינע מעשים

טובים, און פון די תורה וואס איך האב געלערנט. "אזוי פיל תפילות האט מען פארלייגט איבער דיר, דער רב פון שטאט האט גוזר געווען זאלסט נישט שטארבן, פארוואס האט דאס אלעס נישט געהאלפן?" האט זי געפרעגט. האט ער איר געענטפערט: "אלע תפילות וואס איר האט געדאווינט – זענען, אנגענומען געווארן. טייל האבן מיר ארויסגעהאלפן אין דעם פלאץ וואו איך געפין זיך טייל האט מען געניצט כדי צו העלפן כלל ישראל און ראטעווען פון גזירות. אבער, וויבאלד איך האב מער קיין פליכט נישט געהאט אויפצוטון אין די וועלט איז נישט געבליבן קיין מעגליכקייט איך זאלט דארט בלייבן, און דעריבער האט אויך נישט געהאלפן די גזירה פון דעם רב. אבער דו, וואס דו האסט נאך וואס צו טון אויף די וועלט - חתונה האבן מיט א צווייטן זיווג, ברענגען נאך קינדער, און אויך אויפהאדעווען ווייטער אונזערע קינדער - דו האסט נישט געענדיגט דיין אויפגאבע און דו דארפסט דיר מחזק זיין און פארזעצן ווייטער ערפילן דיין שליחות."

"און פארוואס איז געשטארבן אונזער קליין קינד"? האט ער איר געענטפערט: "אונזער קינד איז געווען א הויכע נשמה פון א הייליגן צדיק. אין פריערדיגן גלגול איז ער פארכאפט געווארן פון זיין וויגל דורך גויים, און זיך געשפייזט דורך א פרעמדע פרוי. דערנאך איז ער אויסגעלייזט געווארן דורך אידן און אויפגעוואקסן אלץ געהויבענער צדיק. ווען ער איז נפטר געווארן האט מען אים געוואלט ארויפברענגען צו א הויכן פלאץ אין גן עדן, אבער די צייט וואס ער האט זיך געשפייזט דורך א גוי האט געלאזט א פלעק אויף זיין לויטערע נשמה. דעריבער, האט מען אים אראפגעברענגט אויף די וועלט, ער זאל זיך שפייזן פון א כשר'ע פרוי, און דו ביזט אויסגעוועלט געווארן צו דעם זכות צוליב דיין צניעות און צדקות."

"אבער פארוואס האט ער געדארפט שטארבן אין אזא שוידערליכע וועג?" האט זי אויסגעשריגן דערמאנענדיג זיך אין דעם שרעקליכן אויסזען פון איר קינד אין די הענט פון דעם שיכור.

האט ער איר געזאגט: "אונזער טייער קינד האט געדארפט שטארבן אזוי צו אזוי, וויבאלד ער האט געענדיגט זיין שליחות אויף די וועלט. נאר אין די צייט, ווען ער האט געהאלטן ביים שטארבן, איז געהאנגען איבער אונזער שטאט א שרעקליכע גזירה פון שמד און פארניכטונג, וואס איז נגזר געווארן צוליב פארזינדיגן זיך בין אדם לחבירו צווישן די שטאסטלייט. און וויבאלד אלענפאלס איז געקומען זיין צייט צו נפטר ווערן, האט זיין נשמה איינגעשטימט צו שטארבן דורך א מיתה משונה כדי צו מכפר זיין אויף די גאנצע שטאט און ראטעווען פיל קינדער און ערוואקסענע פון מיתות משונות און יסורים. און דאס איז זיכער א גרויסע זכות פאר אזא טייערע נשמה, וואס דורך דעם איז אויפגעשטיגן אין אזא הויכן ארט אין גן עדן, וואו קיין באשעפעניש איז נישט ערלויבט אים צו זען, אויסער איך -זיין טאטע. און אויך דו, ווען עס וועט קומען די צייט וועסטו האבן די זכיה צו זיין מיט אים צוזאמען צוליב'ן פיין וואס דו האסט געליטן."

דערנאך האט ער צוגעלייגט: "זיי וויסן נאר נאכדעם וואס דו האסט זיך מחזק געווען מיט שמחה, האט מען מיד ערלויבט זיך צו אנטפלעקן פאר דיר. דורך די גאנצע צייט וואס דו ביזט געווען בצער, האט געהערשט איבער דיר א גרויסער קטרוג, אז דו האסט שיעור נישט פארלוירן נאך א קינד! און אלע מיינע בקשות זיך צו באווייזן פאר דיר זענען נישט געענטפערט געווארן."

ער האט אביסל געשוויגן, און דאן צוגעגעבן מיט א ווייכן טאן: "איך האב שוין געענדיגט מיין תיקון, אבער דו האסט נאך פיל אויפצוטון אין לעבן. גיי האב חתונה מיט דעם וואס מען האט דיר אנגעטראגן און זעץ פאר דיין לעבן בשמחה. א שאד אויף די טייערע צייט, זעץ פאר ווייטער מיט דיין תיקון... גיי... לעב וואויל,..

ער איז פארשוואונדן פון אירע אויגן און זי האט זיך ערוועקט פון איר שלאף. די וועלט האט איר יעצט אויסגעזען ניי און שיין. יעצט האט זי געוואוסט וואס זי האט צו טון. און דער עיקר האט זי איינגעזען, אז אלע קשיות וואס זי און די שטאטלייט האבן געפרעגט, זענען געווען איבעריג און באדייטלאז. אז די תורה האט באשטימט אז השי"ת איז א צדיק וישר איז עס דער אמת און מען טאר נישט אפעלירן דערויף. נישט אלעמאל קען מען באקומען ענטפערס דורך א חלום, און די איינציגע עצה איז זיך צו שטארקן באמונה פשוטה אז אלעס איז מיטן אנפירונג פון באשעפער, און אלעס וואס ער טוט - איז פאר די אייביגע טובה פון יעדן איינעם. ווען יעדער וועט זיך פרייען מיט זיין טייל, וואס דאס איז דער אויסדרוק פון די אמונה אין די השגחה פון באשעפער אויף אים, אז ער, גלויבט

אז אלעס איז מיט די אנפירונג פון בורא פאר זיין טובה, נאר דאן וועט ער קענען וויסן זיין וועג און תפקיד אין לעבן. א מענטש ווייסט נישט, וואס איז ער געקומען מתקן זיין און ערגענצן אין די וועלט - ער ווייסט נישט ווען וועט ער ערפילן זיין תיקון - און ער ווייסט נישט וויאזוי ער וועט אוועקגענומען ווערן פון דער וועלט.

-------------------------------------------

## די מעשה איז געשטאנען די וואך אין די עונג שבת אויסגאבע אזוי ווי עס איז נוגע צו אונזער געשעעניש לייג איך דאס ארויף אהער

אין ספר ילקוט סיפורים, ווערט געברענגט פון ספר המעשיות פון רבינו נסים גאון פון א מדרש דער פאלגענדער סיפור: רבי יהושע בן לוי האט אמאל געבעטן פון אויבערשטן ער זאל אים ערקלערן, פארוואס זעט מען צומאל אויף דער וועלט א צדיק ורע לו, א צדיק וואס גייט אים שלעכט, און ווידער פארקערט, א רשע וטוב לו, א רשע וואס ס'גייט אים גוט? אין א שיינעם טאג האט זיך אנטפלעקט פאר אים אליהו הנביא. האט אים רבי יהושע בן לוי געבעטן רשות אז ער זאל אים לאזן מיטגיין מיט אים און אפשר וועט ער דורך אים קענען פארשטיין די וועגן פון באשעפער. האט אליהו הנביא מסכים געווען אבער מיט איין תנאי, אז אויב ער וועט זען ביי אים אומפארשטענדליכע זאכן זאל ער אים נישט בעטן קיין ערקלערונג דערויף, ווייל אויב ער וועט אים בעטן אן ערקלערונג אויף די מאדנע זאכן וואס ער וועט זען ביי אים, וועט ער זיך מוזן צושיידן פון אים.

רבי יהושע בן לוי האט איינגעשטימט אוןביידע האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. פארנאכטס זענען זיי אנגעקומען צו אן ארימע הייזקע, נעבן די הייזקע האט געפאשעט א קוה. אן אלטער מענטש מיט זיין אלטע ווייב זענען ארויס פון די הייזקע, און געבעטן אז זיי זאלן דארט נעכטיגן. אליהו האט מסכים געווען, די צוויי האבן זיך באמיט, טראץ זייער גרויס ארימקייט, צו מכבד זיין די געסט מיט אלעם וואס זיי האבן געקענט.

איידער זיי האבן פארלאזט די ארימע הייזקע, האט זיך אליהו געשטעלט דאווענען. ווי פארוואונדערט איז רבי יהושע בן לוי געווארן, ווען ער האט געהערט ווי אליהו בעט אין זיין תפילה אז דער באשעפער זאל הרג'ענען די איינציגע קוה וואס די צוויי האבן פארמאגט.

זיי האבן זיך קוים דערוווייטערט עטליכע טריט פון הויז, און רבי יהושע בן לוי האט נאך אספעיעט צו הערן דעם ווי געשריי פון די אלטיטשקע: אוי ווי, אונזער איינציגע קוה איז געשטארבן!

רבי יהושע בן לוי האט געדענקט דעם תנאי וואס אליהו האט מיט אים געמאכט, און האט זיך איינגעהאלטן פון בעטן אן ערקלערונג צו זיין מאדנע תפילה.

פון דארט זענען זיי געגאנגען צו א הערליכע הויז פון א גרויסן גביר. זיי האבן געקלאפט אויף די טיר, אבער קיינער האט נישט געעפנט. האט אליהו געזאגט: אפשר האט מען נישט געהערט אונזער קלאפן, לאמיר אריינגיין. זיי זענען אריין אין הויז, און דערזען דעם בעל הבית מיט זיין ווייב זיצן ביי א רייכן טיש, באצירט מיט הערליכע טייערע כלים, און ארום זיי זענען געשטאנען באדינער זיי צו באדינען. ווען דער בעל הבית האט דערזען די צוויי פרעמדע מענטשן אין זיין הויז, האט ער זיי נישט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט. ער האט זיי נישט אנטפאנגען מיט א א ברוכים הבאים און האט זיי נישט פארבעטן צו קומען צום טיש. ער האט זיך מיט כעס אויסגעדרייט צו זיין ווייב און געפרעגט: ווער האט אריינגעלאזט די צוויי קבצנים?! מ'דארף זען אז די טיר זאל זיין גוט פארשפארט.

דער בעל הבית, וועלכער איז געווען א גרויסער קמצן, איז געווען יענעם טאג זייער שטארק גערעגט, ווייל א וואנט אין זיין טייערע הויז איז איינגעפאלן, און די בעלי מלאכה וואס ער האט גערופן צו פארריכטן די וואנט זענען נישט געקומען. ווען די געסט האבן אים געבעטן ער ואל זיי לאזן איבערנעכטיגן אין

הויז, האט ער זיי קוים ערלויבט צו בלייבן אויף א באנק אין הויף, און האט זיי נישט געגעבן גארנישט צו עסן און טרינקען. צומארגנס האט רבי יהושע בן לוי געבעטן אליהו'ן אז זיי זאלן שנעל פארלאזן דאס הויז, ווייל ער האט שוין נישט געקענט אויסהאלטן דאס רשעות פון דעם בעל הבית. אליהו האט מסכים געווען, אבער האט פארגעשלאגן אז מ'זאל דאווענען איידער מ'לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג, ווידער האט רבי יהושע געהערט א מאדנע תפילה. אליהו האט געבעטן אז דאס וואנט וואס איז איינגעפאלן, זאל ווערן צוריק אויפגעבויט דורך א נס פון הימל. און אט האט רבי יהושע דערזען, ווי דער וואנט ווערט טאקע צוריק אויפגעבויט דורך א נס. רבי יהושע פארשטייט נישט פארוואס קומט זיך פאר דעם שלעכטן מענטש אזא נס, ער האלט זיך אבער ווידער איין פון פרעגן, און שווייגט.

זיי לאזן זיך ווידער ארויס אויפ'ן וועג, און קומען אן פארנאכטס צו א גרויסע שטאט. לאמיר גיין אין שוהל - שלאגט פאר אליהו.

זיי גייען אריין אין שוהל, און זעען פאר זיך א גרויסע פרעכטיגע שוהל. עס איז געווען קענטיג, אז די איינוואוינער פון שטאט זענען גאר רייכע מענטשן. יעדער איינער איז געזעסן אויף זיין באשטימטע ארט, און האט אכטונג געגעבן אז קיינער זאל זיך נישט זעצן אויף זיין פלאץ, קיינער פון די מתפללים איז נישט צוגעקומען צו די צוויי געסט, מכבד צו זיין צו זיצן. זיי האבן קוים געטראפן א ווינקל וואו צו זיצן, און פון זייער ווינקל האבן זיי דערהערט ווי איינער זאגט פאר'ן צווייטן: ווידער זענען דא געקומען צוויי שנאררערס, ווער וועט זיי געבן צו עסן? און דער צווייטער האט געענטפערט: מ'דארף זיי נישט איינלאדענען אין שטוב, עס איז גענוג מ'זאל זיי ברענגען אהער אין שוהל אביסל ברויט מיט וואסער. די אנדערע מתפללים האבן אויך נישט באמערקט די צוויי געסט, און יעדער איז זיך געגאנגען זיין וועג. זיי האבן זיך באגנוגענט מיט עטליכע פרוטות וואס זיי האבן געגעבן פאר'ן שמש, אז ער זאל זיי קויפן אביסעל ברויט.

די צוויי זענען געבליבן בלית ברירה נעכטיגן אין שוהל, און צופרי האבן זיי נאכ'ן דאווענען שחרית, זיך געזעגענט פון די מתפללים. אליהו האט זיי געבענטשט: יהי רצון אז איר זאלט אלע זיין פירער און חשוב.

ווידער האט זיך רבי יהושע געוואונדערט, פארוואס קומט זיך פאך אזועלכע שלעכטע מענטשן אז אליהו זאל זיי בענטשן. אבער ער האט געדענקט דעם תנאי, זיך פארביסן די ליפן און נישט געפרעגט קיין קשיות.

פארנאכטס זענען זיי ווידער אנגעקומען אין א שטאט, וואו זיי האבן באקומען גרויסארטיגע קבלת פנים. מ'האט זיי איינקוואטירט אין א הערליך הויז און מ'האט זיי געברענגט די שענסטע און בעסטע מאכלים. זיי האבן זיך אויך צוגעזעצט נעבן זיי, און זיי פרובירט משמח צו זיין מיט וואס זיי האבן געקענט. פאר'ן געזעגענען זיך, האט זיי אליהו געבענטשט: יהי רצון אז איר זאלט האבן איין פירער.

ווידער האט רבי יהושע נישט פארשטאנען אליהו הנביא'ס מאדנע ברכה, עס האט אים אויסגעזען אז די שלעכטע מענטשן פון דו פריערדיגע שטאט האבן באקומען א פיל בעסערע ברכה ווי די פיינע מענטשן. ער האט זיך שוין נישט געקענט מער איינהאלטן, און ארויסגייענדיג פון שטאט האט ער געבעטן פון אליהו אז ער זאל אים ערקלערן זיין מאדנע אויפפירונג. איך קען מער נישט צוקוקן אזא מאדנע אויפפירונג, פאר די שלעכטע מענטשן גיסטו ברכות אוז פאר די גוטע - קללות, איז א יושר, איך וויל באקומען אן ערקלערונג אויף אלעם.

האט אים אליהו הנביא געזאגט: וויבאלד דו האסט נישט איינגעהאלטן דעם תנאי וואס איך האב מיט דיר געמאכט, וועלן מיר זיך מוזן צעשיידן, אבער איידער מיר וועלן זיך צעשיידן, וועל איך דיר ערקלערן אלעס וואס דו האסט געזען: איך האב געוואוסט אז ס'איז נגזר געווארן אויף די אלטע ארימע פרוי אז זי זאל שטארבן, האב איך געבעטן אז זייעך קוה זאל זיין א כפרה פאך איר, און זי זאל בלייבן לעבן. ריכטיג, אז דאס שטארבן פון זייער איינציגע קוה האט זיי פארשאפט פיל צער,

אבער זאג דו אליין, וואלט ער נישט מוותר געווען מיט'ן גאנצן הארץ אויף זיין קוה כדי צו ראטעווען זיין ווייב? זיין ווייב מיט איר אריכות ימים וועט אים ברענגען פיל מער נוצן ווי די קוה; דער קארגער גביר האט נישט געוואוסט אז אונטער די וואנט וואס איז איינגעפאלן ליגט באגראבן א גרויסער אוצר, און אויב ער וואלט דאס אליין אויפגעבויט וואלט ער געטראפן דעם אוצר, האב איך געבעטן אז די וואנט זאל ווערן אליין אויפגעבויט, אז ער זאל נישט טרעפן דעם אוצר. צו דערצו וועט די וואנט בקרוב ווידער איינפאלן, און דאן וועט דער גביר שוין האבן אנדערע דאגות, און נישט קענען אינזינען האבן

דעם וואנט;
די שלעכטע מענטשן פון די ערשטע שטאט האב איך געבענטשט אז אלע זאלן זיין פירער, ווייל דורך דעם וועלן זיי זיך שטענדיג קריגן, יעדער פון זיי וועט וועלן זיין א פירער. ווידער די גוטע מענטשן פון די אנדערע שטאט האב איך געבענטשט אז זיי זאלן האבן נאר איין פירער, ממילא וועלן זיי לעבן בשלום ובאחדות.
די מעשה איז א מוסר השכל פאר אונז, אז נישט אלעס וואס מיר זעען אויף דער וועלט אלס גוטס, איז טאקע גוט, און אזוי אויך פארקערט, נישט אלעס וואס קוקט אויס צו זיין שלעכט איז טאקע שלעכט. צומאל דורך א שלעכטע זאך ווערט מען ניצול פון פיל א גרעסערן אומגליק, און ווידער א זאך וואס קוקט אויס פאר אונז ווי גוט, שטערט דעם מענטש פון באקומען א פיל גרעסערע טובה.

----------------------------------

# א מעשה פון אן עגונה

געווען אמאל אין דער שטאט ארם צובה וואס געפונט זיך אין סיריען ווען די טערקען האבן דארט געוועלטיגט. האט דארט געוואוינט א איד א גרויסער ירא שמים, אלע מענטשן האבן איהם זייער ליעב געהאט פאר זיין תמימות און ישרות. דער פאחע וואס האט דעמאלט געוועלטיגט אין סיריען האט איהם באשטימט צו זיין דער שומר פון זיין אוצר. אין יענע צייט זענען אלע געלטער נאך געווען אין גאלד און זילבער און אזוי אויך אין קופער, און קיין פאפירנע געלט איז דעמאלט נאך נישט געווען. אין איינע פון די צימערן פון דער רעגירונג איז געווען א פארפאנצערטע צימער, מיט אן אייזערנע טיר, און פענצטער באדעקט מיט אייזערנע גראטעס אזוי אז קיין גנבים זאלן זיך נישט קענען אריינברעכן אין דעם אוצר. די אלע געלט וואס איז אריינגעקומען האט מען אריין געלייגט אין אזעלכע טעפ, יעדער געלט צו זיין מין. באזונדערע טעפ פאר די גאלדענע מטבעות, פאר די זילברענע מטבעות און אזוי ווייטער. אזוי אויך באזונדערע טעפ פאר יעדער גרויסקייט פון מטבע. ווען מ'האט געדארפט ארויס נעמען פון דארט געלט פאר געוויסע אומשטענדן וואס דער רעגירונג האט געדארפט האבן, זענען געקומען געוויסע פארוואלטער פון דער רעגירונג און געמאסטען און גענומען די געלטער.

אונזער איד וואס איז געווען דער שומר, האט געהאט געוויסע שעות אין טאג וואס דעמאלט איז דער חדר פון דעם אוצר געווען אפען, וואס דעמאלט האט מען געברענגט אדער גענומען פון דארט געלט. זיין הויפט תפקיד איז געווען צו היטן אויף דעם שליסל, און קיין צווייטע ארבייט האט ער נישט געהאט דארט. אזוי פלעגט ער ארבייטען בנאמנות יעדן טאג עפענען און פארמאכן דעם אוצר, און צוריק גיין צו זיין פריוואטע ארבעט וואס ער האט געהאט. דער איד האט אנגעהאלטן אין דער ארבעט צו זיין א שומר ביז סוף ימיו, אפילו עס האבן זיך געביטן כסדר די פאחעס און מושלים, איז ער נאך אלץ געבליבן דער באגלייבטער און שומר פאר אלעמען. ויהי היום דער איד אז געגאנגען לבית עולמו. האט דער פאחע באשטימט זיין זוהן אויף זיין ארט. דער זוהן איז געווען ווי דער טאטע א ירא שמים און א באגלייבטער פאר אלעמען. ער האט שטארק מצליח געווען אין זיינע פריוואטע געשעפטן אויך, און איז געווארן א גרויסער עושר.

די נאנטע מענטשן פון דעם פאחע האבן שטארק מקנא געווען אין זיין הצלחה, און האבן אנגעפאנגען צו רעדן לשון הרע אויף איהם, אז זיין הצלחה קומט דאס וואס ער גנב'עט כסדר געלט פון דעם אוצר. דער פאחע לאזט איהם רופן, און פרעגט איהם

וויפיל געלט ליגט אין דיינע געשעפטן? ענטפערט דער איד, אז ער פירט נישט זיינע חשבונות נאר ער ארבעט כסדר און דער באשעפער שיקט אריין כסדר הצלחה אין זיין ארבעט, דעריבער ווייס איך נישט קיינמאל וויפיל געלט אין האב. פרעגט ווייטער דער פאחע, אויב ער ווייסט וויפיל געלט עס ליגט אין דער קעניגליכן אוצר? ענטפערט דער איד, אז ער האט קיינמאל נישט געמאכט קיין חשבון פון דעם, ווייל דאס איז בכלל נישט זיין ארבעט, ער דארף נאר היטן אויף די צייט ווען די טויערן פון דעם אוצר זענען אפען און נישט מער. פרעגט ווייטער דער פאחע, וויפיל געלט האסטו געגומען פון דעם אוצר? – אפילו נישט איין פרוטה – ענטפערט דער איד מיט א שטארקייט. דער פאחע ווערט שוין אביסל נערוועז, און זאגט - דאס קען נישט זיין, ווי אזוי ביסטו אנגעקומען צו אזא גרויס עשירות אויב נישט וואס דו האסט געגנבעט פון דעם אוצר!. – אנטשולדיג – ענטפערט דער איד, ס'איז א טעות צו זאגן אזוי, אין האב קיינמאל נשט געגנבעט און איך זאג נאר דעם אמת. דער קעניג האט אבער נישט געוואלט גלייבן זיינע ווערטער, האט ער געהייסן מ'זאל איהם בינדן אין קייטן די הענט און פיס און אריינלייגן אין געפענגעניש וואו די נדונים למות געפונען זיך. דער קעניג האט נאך צוגעשריבן א בריוו צו דעם היטער פון דער געפענגעניש אז ער זאל זייער שטארק אכטונג געבן אויף דעם געפאנגענעם ווייל ער איז זייער מסוכן, און מארגן וועט דער קעניג לאזן וויסן וואס מ'זאל טאן מיט איהם.

דער שומר האסירים האט באקומען דעם בריוו, האט ער אריינגעלייגט דעם איד אין א באזונדערע צימער. אבער ווי דער שומר האסורים קוקט אויף דעם איד, זעהט ער אז פאר איהם שטייט א נארמאלע מענטש וואס איז נישט קיין פארברעכער. פרעגט דער שומר דעם איד וואס איז זיין זונד וואס ער איז געברענגט געווארן אין געפענגעניש? דער איד האט איהם דערציילט אלעס אויף וואס מ'איז איהם חושד. דער שומר האט גלייך פארשטאנען אז דער איד איז גערעכט, און דא איז דא עפעס א טעות אדער ביים קעניג אדער ס'איז א פאלשע מסירה. על כל פנים דער איד האט געפונען ליבשאפט אין די אויגן פון דער שומר בית האסורים.

דעם קומענדיגן טאג האט דער שומר פון תפיסה באקומען א בריוו פון דעם פאחע, אז ער מוז שוין דער נאכט ארויס נעמען דעם איד פון תפיסה און איהם הענגען, און נישט ווארטן ביז אינדערפרי, ווי מ'ווארט פאר אנדערע נידונים למיתה. כדי דער איז זאל נישט האבן קיין צייט צו בעטן חנינה ביים פאשע. און דאס מוז געטאן ווערן אינמיטן נאכט בחצות הלילה.

דער שומר האט זיך דערשראקן פון דעם בריוו. ער דערציילט דאס דעם איד. דער איד איז דערציטערט געווארן פון דעם, אבער ער האט מקבל געווען די גזירה מיט א רוהיקייט. ער זאגט צום שומר: "וויסן זאלסט דו, אז אומשילדיגע בלוט טוט מען דא פארגיסן פאר קיין שום זינד נישט" ער פרעגט איהם אויב ער קען איהם עפעס העלפן זיך צו ראטעווען און ער איז גרייט איהם צו צאלן פיהל געלט פאר דעם, ווייל ער האט אין זיין קעשענע א גרויס סכום געלט. דעיר שומר ווערט פארטראכט און ענטפערט נישט. פלוצלונג לייכט אויף די אויגן פון דעם שומר און זאגט צום איד. איך האב א גוטע עצה, דיך צו ראטעווען אבער בתנאי אז דו טארסט זיך נישט באווייזן אין דער לאנד ווי לאנג דער פאחע אדער איך לעבן. דעמאלט קען איך דיר פארזיכערן אז איך וועל דיר ראטעווען. ווייל גלייך מארגן אינדערפרי דארף איך ארויס נעמען א צווייטן צו די תליה, וואס איך וועל טאן, איך וועל יענעם אנטאן דיינע קליידער, און יענעם הרג'ענען אינמיטן נאכט, און אין זיין צימער וועל איך אויפברעכן די פענסטער, אזוי אז מ'זאל מיינען אז יענער איז אנטלאפן, און דיך וועל איך ארויס נעמען צו א זיכערן ארט, אבער דו מוזט מיר שווערן ביי אלעס וואס איז הייליג ביי דיר אז דו וועסט פאלגען וואס איך האב אויסגענומען מיט דיר. דער איד האט צוגעזאגט און געשוואוירן אויף דעם און איבער געגעבן דעם שומר זיין בייטל מיט געלט, דער שומר האט זיך נישט געזוימט און גלייך איבער געביטן די קליידער פון דעם אנדערן גוי מיט דעם איד'ס קליידער. און דעם איד האט ער אריינגענומען אין דעם גוי'ס צימער וואו די פענצטער זענען שוין געווען אויפגעבראכן, און דער שומר זאגט צום איד, אז אינדערפרי ווען די שומרים טוען זיך בייטען, געפונען זיך אלע שומרים אין א געוויסע צימער און טרונקען קאווע, דעמאלט וועל איך דיר געבן א סימן זאלסט קענען אנטלויפן דורך דעם פענצטער.

דער איד האט גדאנקט דעם שומר, זיי האבן זיך געזעגענט און דער איד האט געוואוירט בכליון עינים ביז עס וועט טאגן,

יעדע מינוט האט אויסגעזעהן ווי א שעה און יעדע שעה ווי א טאג. אבער סוף סוף איז געקומען דער מארגן שטערן, און די שומרים האבן זיך געביטן, ווען דער איד האט געהערט דעם צייכן פון דעם שומר, איז ער שנעל ארויס דורך דעם פענצטער און אנטלאפען פון דער שטאט, ווייט ווייט.... אין מדבר אריין.

אינמיטן טאג האט דער שומר מודיע געווען דעם פאחע, אז דעם איד האט ער גע'הרגע'ט אינמיטן נאכט, אבער דער צווייטער וואס מ'האט געדארפט הרגע'נען איז אנטלאפן דורך א אויפגעבראכענע פענצטער אין זיין צימער. דער פאחע האט דערוייל געשיקט צו די חברא קדישא זיי זאלן קומען צו איהם. ער זאגט צו זיי אז זיי זאלן גייען אין די תפיסה און נעמען די קערפער פון דעם איד וואס מ'האט געהרגעט און איהם באגראבן אין דעם אידישן בית החיים. זאגט דער ראש החברא קדישא צום פאחע, אז לפי די אידישע געזעצען קען מען נישט באגראבן א געהרגעטען פון א קעניג צוזאמען מיט די מענטשן וואס זענען געשטארבן נארמאל. דער קעניג האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט. זיי זענען געגאנגען צוזאמען מיט דעם שומר צו דער תפיסה, דארט האט ער זיי איבער געגעבן א קאסטן וואס א טויטע קערפער איז דארט געלעגען. זיי האבן גענומען דעם קאסטען, אפילו נישט געעפענט און דאס באגראבן אזוי ווי עס גייט און שטייט אין דעם אידישן בית החיים. (ווייל א נידון למלכות איז דא שיטות אז מען מאכט נישט קיין טהרה). אבער מ'האט דאס באגראבן נעבן גדר און נשט צווישן אלע אנדערע מתים.

די ווייב פון דעם איד האט געטרויערט אויף איר מאן א גאנץ יאר, נאכ'ן יאר איז זי געגאנגען צום בית דין מ'זאל איר ארויס געבן א היתר צו קענען חתונה האבן נאכאמאל. די אלע דיינים נאך דעם וואס זיי האבן חוקר ודורש געווען ביי די חברא-קדישא ווי אזוי זיי האבן באקומען דעם נפטר, און ווי זיי האבן איהם באגראבן, און אזוי אויך דאס זיי האבן אלע געקענט דעם איד האבן זיי געוואלט ארויס געבן א היתר פאר די פרוי זי זאל קענען חתונה האבן. אבער דער ראב"ד דער הויפט רב הרב מרדכי לבטון ז"ל האט אבער נישט געוואלט חתמ'ענען אויף דעם היתר ביז ווי לאנג ער וועט פארזענליך חוקר ודורש זיין די מענטשן פון די חברא קדישא.

דער רב האט געלאזט רופן צו זיך אינדערהיים די חברא קדישא, ער האט יעדעם איינעם באזונדער אויסגעפרעגט אלע פרטים ווי אזוי זיי האבן באקומען דעם נפטר און ווי אזוי זיי האבן איהם באגראבן. דער רב פרעגט אויב איינער פון זיי איז געווען בעת די תליה? ניין – האבן זיי געענטפערט. האט איר געזעהן זיים פנים? האט מען געקענט דערקענען זיין פנים נאכ'ן תליה? פרעגט דער רב. ווייטער ענטפערן זיי ניין, נאר ווי אזוי זיי האבן באקומען דעם קאסטן אזוי האבן זיי דאס באגראבן נישט צו עפענען. האט דער רב זיך געווענדעט צו די פרוי און איר געזאגט, איך פיהל זיך זייער שלעכט אז איך קען דיר נישט מתיר זיין צו חתונה האבן נאכאמאל, ווייל קיינער איז נישט געווען דארט בשעת די תליה. אויב איך וועל האבן נאך ראיות צו קענען מתיר זיין וועל איך דיר לאזן ויסן.

די פרוי איז ארויס פון דעם רב מיט זייער א צובראכן הארץ, זי האט פארשטאנען אז יעצט וועט זי בלייבן אן עגונה פאר אייביג. אזוי איז אריבער פון די תליה איבער צוויי מיט א האלב יאר, איז זי געקומען ווייטער צום רב מיט א געוויין און געזאגט: "אלע דיינים האבן שוין גע'חתמ'עט אויף דעם היתר, חוץ פון דער רב אליין, ווי לאנג נאך וועל איך דארפן ליידען. די מעשה איז געווען גלייך נאך פסח. האט דער רב געענטפערט צו איר, ווייסט וואס קום צו מיר נאך סוכות וועל איך זעהן אויב איך וועל דעמאלט חתמ'ענען, און מתיר זיין צו חתונה האבן נאכאמאל.

די פרוי איז אהיים געגאנגען מיט א הפענונג אז אין א האלב יאר וועט זי זיכער באקומען א היתר פון דעם רב. די צייט איז גאנץ שנעל אדורך געלאפן, ס'איז שוין געווען מוצאי שמחת תורה.

אין די נאכט פון מוצאי שמחת תורה, איז דער רב אויפגעשטאנען ביי חצות ווי זיין שטייגער איז צו אפרעכענען תיקון חצות אין שטוב ,און נאך דעם פלעגט ער גיין אין שוהל ווען דער שמש פלעגט איהם קומען רופן. אינמיטן נאכט הערט דער רב ווי איינער קלאפט אין טיר. פון אנפאנג האט דער רב געמיינט אז דאס איז דער שמש וואס קומט איהם רופן אין בית המדרש אריין, אבער דער רב קוקט אויפן זייגער זעהט ער אז ס'איז נאך אינמיטן נאכט אין די נידריגע שעות פון די נאכט.

ער טראכט אפשר איז זיין זייגער נישט גוט, אבער מיט דעם אלעמען איז ער צוגעגאנגען צום טיר און דאס געעפענט. ווי דער רב עפענט דעם טיהר איז ער זייער דערשראקען געווארן, זעהנדיג א מענטש באוואקסען מיט האר זייער ווילד, מיט צוריסענע קליידער. דער רב איז צוריק געשפרינגען פאר שרעק. דער מענטש רופט זיך אן צום רב און זאגט: "דער רב זאל זיך נישט שרעקן, איך בין פלוני בן פלוני". ווי דער רב האט געהערט דעם נאמען האט ער זיך בארוהיגט. ער נעמט איהם אריין אין זיין פריוואטען צימער, גוט איהם א גלאז טיי זיך צו דערקוויקען.

דער רב זעצט זיך נעבן איהם און בעט איהם ער זאל דערציילען אלעס וואס איז געשעהן מיט איהם, פון די ערשטע מינוט ביז יעצט. ער דערציילט דעם רב ווי אזוי ער איז ניצל געווארן פון די תליה, און ווי אזוי ער האט געוואוינט ביז יעצט אין א מדבר אין נישט א באוואוינט ארט, ווי ער האט צוגעזאגט דעם שומר פון די תפיסה נישט זיך צו באווייזען פאר מענטשן כל זמן ער אדער דער פאחע לעבט. דארט האט ער געטרונקען וואסער פון די קוועלער און געגעסן גראז, און דער באשעפער האט איהם געהיטן פון די אלע ווילדע חיות וואס געפונען זיך דארט. נאר איין טאג האט ער געזעהן פון דערווייטענס א גרויסע קעניגליכע לויה, האט ער זיך דערנענטערט צו די לויה און געפרעגט א קינד וועמענס לויה דאס איז? האט דער קינד געענטפערט אז דער פאחע איז געשטארבן און דאס איז זיין לויה, וואס מ'פירט איהם צו זיין געבורטס-שטאט צו באגראבן. ווי איך האב דאס געהערט האב איך פארשטאנען אז מיין שבועה איז שוין מותר און מעג זיך שוין באווייזן אין שטאט. בין איך יעצט געקומען גלייך צום רב, און דער רב זאל מיר זאגן וואס איך האב צו טאן יעצט...

דעם רב'ס אויגן זענען אויפגעלאכטן געווארן, וואס דער באשעפער האט איהם געהיטען נישט ווערן נכשל מתיר צו זיין אן אשת איש צו חתונה האבן מיט א צווייטן, דער רב האט געדאנקט דעם באשעפער פאר דעם. און זאגט צו דעם איד. דו בלייב דא אין דעם צימער און גיי נישט ארויס פון דא ביז איך וועל מסדר זיין אלע ענינים על צד היותר טוב.

דער רב איז געגאנגען דאוונען אין שוהל, נאכ'ן דאוונען האט דער רב גערופן איינער פון די מתפללים וואס איז א גוטע שערער ער זאל גיין אין געשעפט ברענגען זיין ארבייט געצייג און קומען צו איהם אהיים. דער רב האט אריינגעברענגט דעם שערער אין דעם צימער וואו אונזער גאסט איז געווען. דער שערער איז קודם דערשראקען געווארן זעהנדיג א ווילד באוואקסענע מענטש פאר זיך. אבער אן ווערטער האט ער געטאן וואס דער רב האט איהם געהייסן און שיין אפגעשוירן דעם איד. ביז ער האט באקומען א מענטשליכע צורה. דער רב האט איהם געגעבן פרישע קליידער זיך אנצוטאן. דער שערער האט גלייך דערקענט ווער דאס איז... אבער דער רב האט איהם דערוויל באשוואוירען ער זאל קיינעם נישט דערציילען וואס ער האט געזעהן.

דער רב האט נאך נישט געענדיגט עסן פרישטיג, הערט ער ווי מ'קלאפט אויפן טיהר. מ'עפענט דעם טיהר, און עס באווייזט זיך די פרוי די עגונה. זי האט געהאלטען ווארט און געקומען תיכף נאך סוכות צום רב בעטן א היתר. דער רב האט געהייסון זי זאל צו ווארטן ביז ער וועט ענדיגן עסן. די פרוי האט צוגעווארט. דערנאך פרעגט דער רב די פרוי, אויב די אנדערע חתימות פון די אנדערע דיינים געפונט זיך ביי איר? יא! ענטפערט די פרוי. ער פרעגט די נעמען פון די אלע דיינים וואס האבן גע'חתמ'עט אויף דעם, און זי זאגט קלאר די אלע נעמען.. זאגט דער רב.. בסדר... זאג מיר נאר פאר וואס אייסלסטו זיך אזוי שנעל חתונה צו האבן? ענטפערט זי ווייל ס'איז שוין דא א געוויסע מאן וואס איז גרייט חתונה האבן מיט איר גלייך נאכ'ן היתר. און איך בין אויך גרייט חתונה צו האבן מיט איהם. זאגט דער רב: דאס איז נישט גוט, אפשר צו דעם מענטש איז פאר דיר אסור חתונה צו האבן, אבער איך בין מסכים צו חתמ'ענען נאר אויב דו וועסט חתונה האבן מיט דעם מענטש וואס איך וועל פאר דיר אויסקלייבן. די פרוי ווערט זייער פארביטערט און זאגט, ווי קען דאס זיין אזוי! דער היתר דארף זיין גוט איך זאל קענען חתונה האבן מיט וועמען איך וויל, און נישט מיט וועמען דער רב וויל!!! געררעכט זאגט דער רב, אבער דער שידוך וואס איך וויל רעדן וועט דיר יא געפעלן... דערווייל גיי צו די אלע דיינים וואס האבן גע'חתמ'עט און זאג זיי זאלן אלע קומען דא צו מיר אין שטוב אריין.

אלע דיינים זענען שוין געווען דארט, דער רב בעט פון די פרוי

דעם כתב פון די חתימות, זי גוט דאס פאר דעם רב. דער רב פרעגט אלע דיינים אויב אלע האלטען ווייטער אז די פרוי איז מותר חתונה צו האבן, און אויב קיינער האט נישט קיין חרטה אויף זיין חתימה? אלע ענטפערן פה אחד אז זיי זענען אלע מסכים צו דעם היתר און האבן נישט קיין חרטה.

דערנאך פרעגט דער רב די פרוי, אויב זי האט שוין מחליט געווען חתונה צו האבן? יא ענטפערט די פרוי. זאגט דער רב איך וועל דיר ברענגען א מאן וואס וועט דיר געפעלען און דו זאלסט חתונה האבן מיט איהם... זאגט די פרוי: איך האב דאך שוין געזאגט פאר דעם רב אז איך קען איינעם וואס וויל חתונה האבן מיט מיר... מיט דעם אלעמען זאגט דער רב, איך וועל דיר ווייזען דעם מענטש וואס איך וויל.... און אפשר וועסטו גארנישט פארלירען דורך דעם....

דער רב האט גערופן הויך דעם נאמען פון איר מאן וואס איז געזעסן אין די צווייטע צימער. אלע רבנים האבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם... און פלוצלונג קומט אריין דער איד איר מאן בכבודו ובעצמו. ווי די פרוי זעהט איהם איז זי געפאלן און גע׳חלש׳ט. מ׳האט איר בארואיגט און אויפגעוועקט. ווי אלע זענען געקומען צו זיך האט דער רב געבעטען דעם איד ער זאל דערציילן אלעס וואס האט פאסירט מיט איהם פון דעם ערשטן טאג ביז היינט. ער האט אלעס דערציילט ביז די צייט פון ביינאכט ווען ער האט זיך באוויזן צום רב.

אלע האבן געדאנקט דעם רבונו של עולם וואס דער איד איז געראטעוועט געווארן דורך גרויסע ניסים, און דאס וואס די פרוי איז נישט נכשל געווארן חתונה צו האבן נאכאמאל ווען איר מאן לעבט נאך. די פארפאלק איז אהיים געגאנגען און ווייטער געלעבט א גליגליכן לעבן.

דאס אלעס איז געווען אין די זכות פון דער רב הראשי הרב מרדכי לבטאן ז״ל וואס איז געווען דער ראב״ד און געווען א גרויסע בקי אין די הלכות, אשרי דער דור וואס האט א אזא רב ואס זאל מגין זיין אויף דעם דור.

---

# א קעניג פאר 4 שעה

א.

אין די צייטן פון דער קעניג ראדאלפוס דער ערשטער, איז אויפגעשטאנען א שטארקער מענטש א גבור חיל און האט ווידער געשפעניגט אין איהם. ער האט ארום גענומען ארום זיך ווילדע מענטשן און פריצים, און פארשידענע פראסטע פארביטערטע מענטשן, ביז ער האט געהאט מיט זיך איבער 1,000 מענטשן. אלע מיט שווערדן. ער רופט זיך אן צו זיי און זאגט: " מיינע פריינד און ברודער!~ לאמיר אויפשטיין און ארויף גיין אין איינע פון די אפענע שטעט און איר בארויבען" אלע ענטפערן צוזאמען "דו וועסט זיין אונזער הויפט, וואס דו וועסט אונז באפעלען נעשה ונשמע וועלן מיר טאן". זיי נעמען זיך און גייען ארויף אויף א שטאט, בעפאר זיי קומען נאנט צום שטאט מלחמה האלטען, האבן זיי קודם געלאזט שיקן אויב מ׳וויל שלום מאכען מיט זיי? דער הויפט פון די מורדים האט געשיקט א בריוו צום מושל פון דער שטאט וואס דארט איז געשטאנען: " געב פאר אונז דער שטאט, איך מיט מיינע מענטשן זאלן דארט קענען זיך באזעצען, אויך זאלסטו אונז אויסהאלטען מיט אלע אונזערע געברויכן ווי לאנג מיר וועלן זיין אין שטאט, אויב דו ווילסט הערן צו אונזערע קול איז גוט, אבער אויב נישט, וועלן מיר מלחמה האלטען מיט דער שטאט ביז עס וועט נישט בלייבן קיין שריד ופליט".

דער מושל לאזט צוריק ענטפערן "איך וועל דיר נישט איבער

געבן דעם שטאט, ווייל איך בין דער געוועלטיגער פון דעם קעניג אכטונג צו געבן אויף דער שטאט אקעגן די וואס ווילן איר באפאלן, אבער אויב דו ווילסט פירן א מלחמה, בין איך גרייט זיך צו טרעפען אינדרויסן ביים שלאכט-פעלד". פארשטייט זיך אז נאך דער בריוו האט מען צוגעגרייט א מלחמה איינער אקעגן דעם צווייטן, דער מורד מיט זיינע מענטשן האבן זיך געשטארקט איבער דעם קעניגס מענטשן און געהרג'עט דעם ארמעי פון דעם קעניג וואס זענען געווען אין דער שטאט, דער מושל אליין איז אנטלאפען און זיך געראטעוועט.

דער מורד איז אריין אין שטאט מיט א גרויס צארן, גערויבט וואס נאר ער האט געקענט, און די מענטשן פון דארט גענומען פאר קנעכט. אזוי האט ער פארגרעסערט זיין ארמעי. ער איז געבליבן אין דער שטאט עטליכע טעג, ער האט אויסגעקליבן פון זיינע מענטשן וואס זאלן ווייטער פירן דער שטאט. צו זיין די שופטים ושוטרים ביי די טויערן פון שטאט.

ער איז ווייטער געגאנגען מיט זיינע מענטשן און האט איינגענומען נאך א שטאט אזוי ווי דעם ערשטען שטאט און געטאן די זעלבע ווי פריער. קודם האט ער געלאזט אויסריפן פאר שלום, ווען דאס איז נשט געגאנגען האט ער מלחמה געהאלטען און איר איינגענומען. אזוי איז ער געגאנגען און האט אייגנענומען שטאט נאך שטאט ביז ער האט שוין געהאט אינטער זיך 4-5 גאנצע לענדער מיט שטעט, פון די לענדער וואס האבן געהערט צו דעם קעניג ראדאלפוס דער ערשטער. זיין ארמעי איז געוואקסען און איז שוין צוגעקומען ביז 20,000 מאן מיט שווערדן אלע גבורי חיל געלערנטע פאר מלחמה. זיין נאמען איז געהערט געווארן אין אנדערע שטעט און לענדער און אלע האבן זיך שטארק דערשראקען און געציטערט פאר איהם. זיין פחד איז אריין אין אלע מענטשן, בפרט די וואס האבן געוואוינט אין די אפענע שטעט. אזוי ווייט, אז בעפאר ער איז נאר נאנט געקומען צו א שטאט האבן די מענטשן פון שטאט גלייך געלאזט וויסן אז זיי ווילן נאר שלום מיט איהם. אזוי האט ער איינגענומען גאנצע לענדער אן מלחמות.

געווען איין טאג ווען ער איז געקומען נאנט צו א געוויסע שטאט, וואס אין דער שטאט האבן געוואוינט זייער סך אידן, ער דערנענטערט זיך צום שטאט און לאזט וויסן דעם מושל אויב ער וויל מאכן שלום מיט איהם. אבער דער מושל האט צוריק געענטפערט מיט עזות, און איהם געלאזט וויסן, דו ביזט א מורד במלכות און פארגיסט אומזיסטע בלוט, און פאר אזעלכע מענטשן איז נישט דא קיין שלום". ווי דער מורד האט געהערט די שארפע רייד, האט זיין צארן געגומען ברענען ווי א פייער, און האט באפעלט אלע זיינע מענטשן: גרייט אייך צו א גרויסע מלחמה! שטארקט אייך ווייזט אייער גבורה אין די מלחמה פון דער שטאט! אויב מיר וועלן מנצח זיין און אריין קומען אין די טויערן פון דער שטאט, גוב איך אייך רשות פאר 4 שעה צו קענען רויבען און טאן וואס איר ווילט אין דער שטאט". אלע ענטפערו "מיר זענען גרייט צום באפעל". די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען. קודם איז דאס געגאנגען גאנץ שווער, אבער שפעטער האבן די מענטשן פון דעם מורד געהאט דעם אויבער-האנט און מנצח געווען דעם ארמעי פון דעם קעניג, אן געהר'געט וויפיל מענטשן עס האט זיך נאר געלאזט, און די איבערגעבליבענע זענען אנטלאפען. די זיגערס קומען אריין אין שטאט מיט גרויס פאמפ און רעש ווייטער צו הרג'נען און רויבען אין דער שטאט. אויף אלע איינוואוינערס איז געפאלען א גרויס פחד און האבן נישט געוואוסט ווי זיך אן עצה געבן מיט די אלע רויבערס. אלע אידן וואס זענען געווען אין דער שטאט אנשים נשים וטף האבן פארלאזט זייערע הייזער צוזאמען מיט זייערע פארמעגען און האבן זיך אלע צוזאמגעקליבן און געגאנגען אין דעם גרויסן שוהל, דארט האבן זיי אויסגעגאסן זייערע הערצער צו רבונו של עולם ער זאל זיי ראטעווען און באשיצן פון די מורדים. דער באשעפער וואס איז א שומע בעת צרה, האט צוגעהערט די תפילה פון די אידן. און האט אריינגעגעבן אין דעם הארץ פון דעם הויפט פון די מורדים ער זאל נישט טאן קיין שלעכטס צו די אידן. [ווייל ער האט געוואוסט אז די אידן האבן נישט געהאט קיין שייכות מיט דעם מושל וועגן שלום אדער וועגן מלחמה. וואס האט ער געטאן? ווי נאר ער איז אריין אין שטאט האט ער זיך נאכגעפרעגט וואו די אידן זענען "ער האט געזאגט זיינע מענטשן אז די אידן זאל מען נישט הרג'נען ווייל זיי זענען נישט שולדיג, און זיי קענען נישט זאגן דעם מושל וואס צו טאן". ווי ער האט געהערט אז אלע אידן האבן פארלאזט זייערע הייזער און זענען אלע אין דעם גרויסן בית הכנסת, האט ער זיך זייער געפרייט און געזאגט "זייער גוט, יעצט וועט זיין גרינגער פאר

מיר צו היטן אויף די אידן ווייל אלע געפונען זיך אויף איין ארט.״

ער קומט אריין און שטעלט זיך אוועק ביים טויער פון דעם בית הכנסת מיט אן אויסגעשטערקטן שווערד, און לאזט קיינער פון זיינע מענטשן נישט צו גיין נאנט צום שוהל. אזוי איז ער געשטאנען דארט פאר די קומענדיגע 4 שעה די צייט וואס זיינע מענטשן האבן געהאט צייט צו קענען רויבען און טאן וואס זיי ווילן אין דער שטאט. ווי דער צייט האט זיך געענדיגט און אלע סאלדאטען זענען צוריק צו זייער לאגער און אין דער שטאט איז שטיל געווארן, האט דער ראש המורדים פארלאזט זיין ארט נעבן דעם שוהל, און איז אריין אין דעם מושל׳ס פאלאץ און זיך דארט געזעצט אויף דעם קעניגליכן שטוהל און געלאזט רופן די הויפט פון די אידישע קהילה. ער זאגט צו זיי ״גייט אלע אהיים צו אייער הייזער, האט נישט קיין מורא פון קיינעם, קיינער וועט אייך נישט טאן קיין שלעכטס, מארגען זאלט איר צוריק קומען צו מיר און לאזן וויסן אלע זאכן וואס מ׳האט געגנב׳עט און גערויבט פון אייערע הייזער וועל איך דאס צוריק צאלן פאר אייך״. די ראשי הקהילה האבן צוריק געענטפערט און געזאגט ״יחי אדוננו, וואס דו האסט געראטעוועט אונזערע מענטשן פון דעם זיכערן טויט, מיר האבן נישט גענוג ווערטער דיר צו דאנקען, דער באשעפער זאל דיר צוריק צאלן פאר וואס דו האסט געטאן מיט אונז״. די ראשי הקהילה זענען ארויס און געלאזט וויסן יעדן איינעם אז יעדער איינער זאל ברענגען א חשבון פון וואס עס פעלט אים אין זיין שטוב. דעם צווייטן טאג האבן די אידן געברענגט א רשימה פון אלס וואס מ׳האט גערויבט באזיי, און דער ראש המורדים האט געלאזט צאלען פאר יעדן איינעם ביז צו די לעצטע פרוטה.

ב.

מ׳האט דערציילט פאר דעם קעניג ראדאלפוס דער ערשטער, אז ביי די אנדערע עק פון זיין מלכות געפונט זיך א מורד וואס האט ווידער געשפעניגט אין דעם קעניג און ער נעמט איין איין לאנד נאך די אנדערע, אוון הרג׳עט די אלע מושלים ושרים וואס זענען דארט פון דעם קעניג. דער קעניג האט זיך זייער אויפגערעגט ווען ער האט דאס געהערט, זיין צארען האט געברענט אין איהם, ער האט צוזאמען געקליבן גאר א גרויסער ארמעי, פון מענטשן און רייטערס מלחמה צו האלטען מיט דעם מורד. דער קעניג האט באפוילן אז מ׳זאל דעם מורד ברענגען לעבעדיג צום קעניג. דעם קעניגס ארמעי האבן זיך ארויס געלאזט מלחמה האלטען מיט דעם מורד, עס האט נישט גענומען קיין לאנגע צייט ביז זיי האבן מנצח געווען דעם מורד׳ס ארמעי, און זיי אלע געהרג׳ט נאר דעם ראש המורדים האט מען געברענגט צום קעניג. דער קעניג האט באפוילן מען זאל איהם הרג׳נען און צושניידען אויף שטיקער און ארום שיקען די שטיקער אין אלע זיינע לענדער צו ווייזן וואס געשעהט צו איינער וואס איז א מורד במלכות. אלע שטעט און לענדער זענען צוריק צום קעניג און ס׳איז געווארן שלום ושלוה אין לאנד.

יעצט לאמיר פארלאזן דעם קעניג מיט דעם מורד און לאמיר זיך צוריק קערן צו דער שטאט וואו דער מורד האט איינגענומען און נישט געלאזט מ׳זאל דארט הרג׳נען די אידן, און האט נאך צוריק געצאלט פאר זיי אלעס וואס מ׳האט גערויבט פון זיי.

אין דער שטאט איז געווען א איד א גרויסער חסיד א ירא שמים וואס האט זיך מתפרנס געווען פון זיין אייגענע הענט. ער האט קיינמאל נישט געוואלט נעמען קיין מתנות פון אנדערע מענטשן, פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך ארויס לאזען אין אנדערע שטעט און לענדער קויפן סחורה וואס מ׳קען אין זיין שטאט פארקויפן און שיין פארדינען. אזוי איז ער געזעסען אין זיין געשעפט און פארקויפט די סחורה און האט מפרנס געווען זיין משפחה בכבוד.

איינמאל איז דער חסיד געפארען אין איינע פון די ווייטע לענדער במדינות הים צו קויפן סחורה, ווי ער איז אזוי געפארן אויף דעם שיף עטליכע טעג, האט דער באשעפער געשיקט א שטארקע שטורעם ווינט אויף דער ים, דער שיף האט זיך צובראכן, און די מענטשן האבן זיך פראבירט צו ראטעווען יעדער איינער זיך אנהאלטען אין עפעס וואס איז געבליבן פון די צובראכענע שיף. אויך דער חסיד האט געטראפען א ברעט פון דער שיף, האט ער זיך אנגעהאלטען אין דעם ברעט און איז אזוי געשווימען מיט דעם ברעט אויף דער ים פאר צוויי טעג

און צוויי נעכט מיט זיינע לעצטע כוחות, ביז דער ים האט איהם ארויס געווארפען ביים ברעג ים וואו עס איז געווען דארט א טרוקענע מדבר. ער גייט אין דעם מדבר און זוכט גראז צום עסן, און ער טרעפט נישט. אזוי איז ער געגאנגען פאר דריי טעג און דריי נעכט, די גאנצע וועג האט ער נישט געזעהן קיין שפיר פון קיין חיות אדער בהמות. אויך דערנער און גראז האט ער נישט געזעהן. נאך דריי טעג זעהט ער פון דערווייטענס א גרויסע שיינע פאלאץ. ער פרייט זיך זייער שטארק און זאגט צו זיך "אט איז דא א באוואוינטע ארט, איך וועל צוגיין צו דער פאלאץ, זיכער זענען דארט דא מענטשן וואס וועלן רחמנות האבן אויף מיר און מיר געבן צו עסן". ער גייט אזוי מיט אלע זיינע כוחות ביז ער קומט אן צו דער פאלאץ. ער זעהט ווי דער טויער איז אפען, ער גייט דארט אריין און זעהט ווי אלע צימערן זענען אנגעפילט בכל טוב מיט פארשידענע עסן פון די בעסטע וואס קען נאר זיין. געבאקענע ברויט און קיכענס, געשטאפטע גענז געבראטענס און געקאכטסט, עס האט גאר נישט געפעלט. ער גייט ארויף אין דעם צווייטען שטאק און זעהט ווייטער ווי אלע צימערן זענען שיין באצירט און אלע טישן זענען גרייט מיט מעדני מלכים. עס גלוסט זיך אים צו עסן, און זוכט פון זאכן וואס זענען כשר. אבער ער האט מורא צו נעמען פון טיש, ווייל ער האט נאך נישט געטראפן א מענטש דארט וואס זאל איהם געבן רשות צו עסן. אבער ווי זיין הונגער האט זיך געשטארקט אין איהם, האט ער געטראכט בייזיך, נישט אומזוסט זענען אלע עסן אזוי שיין מסודר אויף די טישן, אויב עפעס וועט פעלען, זאל מען דאס גלייך קענען דערקענען, און פלוצלונג קען דער בעל הבית אנקומען און מיך הרג'נען. ער זוכט ווייטער צו טרעפען עפעס כשר'ס. ביז אין א ווינקעל האט ער געטראפען א קליינע קאסטען, ער עפענט אויף דעם קאסטען האט ער געזעהן ווי דארט ליגט א גאנצע ברויט מיט א פלעשל וואסער, און צוויי שיסלען, אין איין שיסל איז געווען א געקאכטע האן, אין די צווייטע געקאכטע רייז. ער טראכט ביי זיך "איך ועל נאר עסן פון די ברויט און זעהן וואס וועט זיין" ער נעמט דעם פלעשל וואסער און וואשט זיך די הענט, און עסט פון דעם ברויט מיט גרויס כונה ביז ער איז זאט געווארן, ער לייגט צוריק די איבערגעבליבענע פון די ברויט אין דעם קאסטען און פארמאכט דאס. נאך עטליכע שעה קומט ער צוריק צו דער קאסטען עפענט דאס אויף זעהט ער ווי דער קריגעל וואסער איז פיל, און דער ברויט איז גאנץ. ער וואונדערט זיך זייער ער פארשטייט נישט וואס דאס איז. ער זאגט צו זיך "נסתרים דרכי ה', ס'איז איינע פון די וואונדער פון דעם באשעפער, און איך מוז מקבל זיין אויף מיר אלעס סיי די שלעכטס און סיי די גוטס, יעצט האב איך נישט בעסער פאר דעם, איך וועל ווייטער טרונקען און עסן און בענטשן צום באשעפער."

ג.

נאך דעם אלעס האט ער געזוכט אן ארט וואו זיך אפצורוהען אין א ווינקעל, ער לייגט זיך שלאפען און איז געשלאפען זייער געשמאק. אינדערפרי שטייט ער אויף, ער וואשט די הענט און דאווענט שחרית, גייט ווייטער צו דעם קעסטיל און נעמט ארויס די ברויט און עסט ווייטער, ער נעמט פון דעם שיסל רייז און עסט פון דעם אביסל צו דערקוויקן זיין הארץ און לייגט אלעס צוריק אין דער קעסטיל. ער טרונקט אויך פון די וואסער וואס איז דארט געווען.

ווי נאר עס איז געקומען אינמיטן טאג, חצות היום, און דער חסיד זיצט אין דער פאלאץ און אלעס ארום איהם איז זייער שטיל, פלוצלונג הערט ער קולות פון פערד און וועגענער פון דערווייטענס, ער הייבט אויף זיינע אויגן זעהט ער ווי א גרויסע מחנה א גרויסע ארמעי קומט און דערנענטערט זיך צום פאלאץ. ער האט שטארק מורא געהאט און געזוכט און ארט וואו ער קען זיך באהאלטען און האט נישט געטראפען. ביז ער האט זיך באהאלטען אינטער די טרעפ דארט האט ער געטראפען א גוט ווינקעל, פון וואו ער האט געקענט זעהן אלעס.

דער גרויסער ארמעי איז אריינגעקומען אלע רייטענדיג אויף שיינע שטארקע פערד, מיט דעם גרעסטען פאראד זענען געגאנגען אויך אן ארמעי פון פיס גייערס, און אינטער זיי איז געווען אין א רייטוואגען א קעניג אנגעטאן מיט מלוכה'דיגע קליידער, מיט א גרויס גאלדענעם קרוין אויף זיין קאפ. מ'האט אים אראפ גענומען פון דעם רייטוואגען, און געזעצט אויף דעם קעניגליכן שטוהל, מיט חשוב'ע הארען אויף זיין רעכטע און לינקע זייט. אלע האבן זיך גענומען טרונקען און עסן מיט גרויס שמחה. ווי מ'האט געענדיגט די סעודה האט זיך דער קעניג געזעצט אויף א כסא משפט און גענומען משפט'ן דעם

פאלק. יעדער איינער וואס האט געהאט א משפט, האט דער קעניג ארויס געגעבן דעם ריכטיגן משפט. איינער פאר מלקות, איינער צום הרג'נען און אזוי ווייטער. אזוי האט זיך די גאנצע זאך געצויגן פאר גאנצע 4 שעה. ווי נאר עס האט זיך געענדיגט די 4 שעה, האבן די אלע מענטשן וואס זענען דארט געווען גענומען זיך מורד זיין אין דעם קעניג, מ'איז באפאלען דעם קעניג איהם אראפ גענידערט פון זיין קעניגליכע שטוהל מיט גרויס בושה, איהם געשלאגען ביז מ'האט איהם געהרגעט. מ'האט איהם צושניטען אויף שטיקער און געווארפען צו די אלע 4 עקען פון דער וועלט, אלע האבן זיך אויפגעשטעלט געזעצט אויף זייערע פערד און זענען ארויס פון דארט און געגאנגען ווייטער.

דער חסיד זיצט די גאנצע צייט אין זיין באהאלטענע ארט און זעהט דאס אלעס, זיינע קניען נעמען זיך קלאפען איינע צו די אנדערע פון רוב פחד און שרעק. ער האט מורא ארויס צו גיין, אויב עס איז נישט איבער געבליבן דארט עטליכע פון די מענטשן. אבער נאך א ווייל ווי ער זעהט אז אלעס איז שטול ארום איהם איז ער ארויס מיט גרויס זהירות און קומט אריין אין דער פאלאץ אינעווייניג, זעהט ער אז קיינער איז נישט געבליבן דארט. ער טרעפט אבער ווי אלע צימערן זענען צוריק שיין מסודר און געדעקט מיט די שענסטע מאכלים אזוי ווי נעכטען כאילו קיינער וואלט דארט נישט געווען. ער וואונדערט זיך נאך מער אויף דעם אלעמען און שרעקט זיך זייער. ווי ער איז הונגעריג געווארן איז ער ווייטער צוגעגאנגען צו דעם קליינעם קאסטען און ווייטער ארויס גענומען פון דארט די וואסער און ברויט און געגעסן און געטרונקען און געלויבט דעם באשעפער אויף אלעמען וואס ער טוט מיט איהם. ווי עס איז געקומען נאכט איז ער ווייטער געגנאגען שלאפן ביז אינדערפרי האט ער זיך אויפגעוואכט, געדאווענט ותיקין און ווייטער געגעסן ברויט און רייז פון דעם קליינעם קעסטיל וואס איז דארט געווען.

ווי עס איז געקומען חצות היום האט זיך ווייטער געהערט קולות פון א גרויסע מחנה אינדרויסן, דער חסיד איז ווייטער אנטלאפן און האט זיך באהאלטען אינטער די טרעפ מ'זאל איהם נישט זעהן. און עס איז אריינגעקומען די זעלבע פון נעכטען א גרויסע מחנה פון ארמעי מיט דעם קעניג אנגעטאן בבגדי מלכות, זיי האבן זיך געזעצט צו א סעודה, נאך די סעודה האט דער קעניג גע'משפט דעם פאלק ווי נעכטן און נאך 4 שעה האט זיך איבער גע'חזר'ט די זעלבע ווי נעכטן, די מענטשן האבן מורד געווען אין דעם קעניג און איהם גע'הרגעט, און אלע זענען ארויס פון דארט, אזוי האט זיך די זאך איבער גע'חזר'ט פאר עטליכע טעג. דער חסיד איז דארט געזעצן מיט גרויס שרעק און נישט געוואוסט און פארשטאנען וואס דאס איז. און ווי אזוי קען ער זיך ארויס ראטעווען פון דעם ארט.

ווי עס האבן זיך פארלענגערט זיינע טעג דארט, האט ער געטראכט בייזיך "ביז ווי לאנג וועל איך זיין אין דער געפענגעניש אין דער וויסטער ארט! וואס קיין מענטש גייט דא נישט אריבער" געוואלד וואס וועט זיין מיט מיר! מיינע קינדער שמאכטען פון הונגער אין מיין שטאט, און איך זיץ דא און ווייס נישט ווי צו אנטלויפן פון דא". ער האט נישט געוואוסט וואס צו טאן, ארויס צו קומען פון דער וויסטער ארט. ביז עס איז אריין א מחשבה אין זיין קאפ, אז ווען דער קעניג וועט קומען בחצות היום און וועט משפט'ן יעדן איינעם זאל ער אויך צו גיין צום קעניג און בעטן איהם אן עצה ווי ארויס צו גיין פון דעם ארט. דער חסיד טראכט, דער קעניג איז דאך א מלך ישר, און זיינע משפטים זענען דאך זייער ריכטיג איך וועל פאלען צו זייע פיס און דערציילן וואס עס איז אריבער אויף מיר אפשר וועט ער מיר קענען העלפען אז איך זאל קענען צוריק קומען צו מיין געבורטס שטאט.

ד.

אין דעם פערטן טאג ווי עס איז געקומען דער צייט וואס דער קעניג מיט זיין ארמעי קומט צו גיין, האט זיך דער חסיד באהאלטען אויף זיין ארט און געווארט ביז זיי וועלן אלע ענדיגן עסן און טרונקען. דער קעניג איז געזעסן אויף זיין קעניגליכע שטוהל מיט זיין גאלדענעם קרוין אויפן קאפ, און אלע שטיין ארום איהם פון רעכטס און לינקס. און מ'פאנגט אן צו קומען צו איהם צום משפט. דעמאלט איז דער חסיד ארויס פון זיין באהאלטענע ארט און האט זיך געשטעלט צווישן די מענטשן וואס מ'דארף משפט'ן. ווי ער איז שוין געשטאנען בעפאר דעם קעניג, האט ער זיך אראפ געווארפען אויף דער ערד און גענומען דערציילען דעם קעניג אלעס וואס

איז געשעהן מיט איהם פון ווען ער איז ארויס פון זיין שטאט ביז יעצט. דער קעניג הערט אלע זיינע ווערטער, ווען ער ענדיגט רעדן פרעגט איהם דער קעניג " דו ווייסט ווער איך בין?" ענטפערט דער חסיד, "אדוני המלך! איך ווייס אז דו ביזט א קעניג, און א גרויס ארמעי שטייט ביי דיין זייט דיר צו באדינען, אבער דיין פנים דערקען איך נישט, איך האב אין מיין לעבן נישט געהאט קיין שייכות מיט מלכים, ווי אזוי זאל איך דעקענען דעם קעניג!" זאגט דער קעניג "אפשר געדענקסט דו וועגן עפעס א מלחמה וואס איז געווען אין דיין שטאט?" זאגט דער חסיד, "יא איך געדענק אז פאר יארן צוריק איז אויפגעשטאנען א מורד במלכות און האט ווידער געשפעניגט אין דעם קעניג". פרעגט דער קעניג "און וואס האט דער מורד במלכות געטאן?" זאגט דער חסיד, "ער האט ארום גענומען ארום זיך אלע שלעכטע מענטשן און געגאנגען פון שטאט צו שטאט און זיי איינגענומען. געוויסע שטעט האט ער איינגענומען בשלום און געוויסע שטעט נאר נאך א ביטערע מלחמה, ווייל די שרים און מושלים וואס זענען געווען אויף די שטעט זענען געווען באשוואוירען פון דעם קעניג צו זיין געטריי צו איהם, אבער ווי דער מורד איז אנגעקומען צו אונזער שטאט האט דער מושל נישט געוואלט עובר זיין אויף זיין שבועה צום קעניג, האט ער מלחמה געהאלטען מיט דעם מורד ביז דער מורד האט מנצח געווען. און ער מיט זיינע מענטשן זענען אריין אין שטאט און דארט גערויבט פון אלעס גוטס. ווי דער קעניג האט געהערט פון דעם מורד האט ער געשיקט גאר א גרויסע ארמעי ביז מ'האט איהם געהרג'עט. און פון דעמאלט איז שלום אין לאנד."

פרעגט ווייטער דער קעניג "און וואס האט דער מורד געטאן מיט די אידן אין דיין שטאט?" זאגט דער חסיד, דעם אמת וועל איך זאגן אז ער האט געטאן גאר א גרויס חסד מיט די אידן, ער האט געראטעוועט זייערע לעבן מיט זייער געלט. אזוי איז דאס געווען, ווען ער האט איינגענומען דער שטאט, האט ער געגעבן רשות פאר זיין ארמעי צו קענען רויבען פאר די קומענדיגע 4 שעה. אבער ער אליין איז געשטאנען מיט א אויסגעשטרעקטע שווערד נעבן דעם שוהל וואו אלע אידן זענען געווען און אכטונג געגעבן אז קיינער זאל נישט הרג'נען די אידן. און שפעטער האט ער צוריק געגעבן די אלע רויב וואס מ'האט גערויבט פון די אידן. זאגט דער קעניג ווייטער אויב אזוי פארוואס זאגסטו אז דו דערקענסט מיר נישט? זאגט ווייטער דער חסיד, איך ווייס נאך אלס נישט ווער דו ביזט אדוני המלך!. זאגט צו איהם דער קעניג "וויסן זאלסטו אז איך בין דער מורד, איך בין שוין אלנג אויף יענע וועלט און איך לעב נישט אויף דער וועלט. יעדן טאג טוט מען מיך שטראפען אין גיהנם מיט שרעקליכע יסורים אויף אלעס וואס איך האב געטאן, אבער וועגן דער זכות פון די אידן וואס איך האב אכטונג געגעבן אויף זיי 4 שעה, לאזט מען מיך זיין א קעניג יעדן טאג פאר 4 שעה. ווי עס ענדיגט זיך די 4 שעה, הרגעט מען מיר און מ'פירט מיר צוריק אין גיהנם. אזוי טוט מען מיט מיר יעדן טאג. זאלסט וויסן אז איך קען דיר צוריק אהיים ברענגען אין גאר א קורצע צייט און דיר צוריק געבן אלעס וואס דו האסט פארלוירן אויף דעם וועג, אבער איך וויל דו זאלסט מיר צוזאגען אז דו וועסט מתפלל זיין פאר מיין זינדיגע נשמה איך זאל האבן א ריכטיקען תיקון או מ'זאל אוועק נעמען פון מיר די שווערע יסורים פון גיהנם". דער חסיד האט צוגעזאגט פאר דעם קעניג דאס צו טאן אז ווי נאר ער וועט צוריק קומען אין זיין לאנד וועט ער דאס טאן און מתפלל זיין פאר זיין נשמה אין יענע שוהל ווי דער מורד האט געהיטען די אידן.

נאך די רייד האט דער קעניג געזאגט פאר דעם חסיד ער זאל מאכן א חשבון וואס עס פעלט איהם פון די נסיעה אלע געלט און סחורה, דער איד האט געמאכט דעם פונקטליכן חשבון, און דער קעניג האט איהם דאס אלעס צוריק געגעבן. נאך דעם פרעגט דער קעניג איינער פון זיינע משרתים ווער קען צוריק ברענגען דעם מענטש צו זיין שטוב אין די קורצע צייט? ענטפערט איינער איך קען דאס טאן אין איין יאר! זאגט דער קעניג ניין. זאגט א צווייטער איך קען דאס טאן אין א האלב יאר. ניין זאגט ווייטער דער קעניג. אזוי איז דאס געגאנגען ביז איינער האט געזאגט אז ער קען דאס טאן ביז א האלבע שעה. האט דער קעניג געזאגט פאר דעם מענטש, נעם דעם מענטש און ברענג איהם אהיים לחיים טובים ולשלום. דו וועסט זיין פאראפנטליך פאר דעם מענטש און זיין פארמעגן. דער חסיד פאלט אראפ אויף דער ערד און קישט דעם קעניגס הענט און פיס און געזעגנט זיך.

דער סאלדאט האט גענומען דעם חסיד ארויס פון דער פאלאץ

און פירט איהם אויף זיינע אקסלען און זאגט איהם, פארמאך דיינע אויגן און עפען זיי נישט אויף ביז איך געב דיר רשות. דער חסיד האט פארמאכט זיינע אויגן. נאך א האלבע שעה האט דער חסיד געעפענט זיינע אויגן און געזעהן ווי ער געפונט זיך ביי די טויערן פון זיין שטאט. ער איז געווען שלם בגופו ושלם בממונו. ער קומט אהיים מיט גרויס שמחה און דערציילט אלעס וואס איז אריבער אויף איהם, די גאנצע שטאט האט געהערט די שמחה אלע האבן זיך מיט געפרייט מיט איהם, ווייל זיי האבן דאך געוואוסט אז ער איז פארלוירן געווארן אין וואסער. ער האט געמאכט א גרויסע סעודת הודי' און דערציילט אלע נסים וואס ער איז אטיבער. נאך דעם זענען אלע אידן זיך צוזאם געקומען אין דעם גרויסן שוהל און מ'האט מתפלל געווען פאר די נשמה פון דעם מרוד וואס האט גערעטעוועט די אידן פון דער שטאט.

-----------------------------------------------------------------------------

# א מעשה מיט א בלבול

א.

משה'לע איז געווען א בן יחיד צו זיין פאטער, א יונגער רב אין א קליין פוילִיש שטעטל. זיינע עלטערן האבן אים זייער ליב געהאט - ווי עלטערן האבן ליב זייער ערשטן קינד, און זיי האבן זיך געגרייט צו פראווען זיין אפשערעניש צו זיין דריטן געבורטס- טאג. אבער דער נחת איז זיי נישט באשערט געווען. איינמאל, אן ערב-שבת, ווען די יונגע רביצין איז געווען פארנומען אין קיך, און דער רב איז נאך געווען אין בית-מדרש, איז משה'לע, וועלכער האט זיך געשפילט נעבן שטוב, פלוצלונג פארשוואונדן געווארן.

די פארצווייפלטע מאמע האט אלאמירט די שכנים, דער פאטער איז געקומען צולויפן פון בית-מדרש, דאס גאנצע שטעטל האט זיך געשטעלט אויף די פיס. מ'האט ארומגעזוכט משה'לען אין אלע ווינקעלעך, און מ'האט כסדר געהאלטן אין איין רופן: "משה'לע! משה'לע!" אבער משה'לע האט זיך נישט אפגערופן - ווי אין וואסער אריין. א גאנצן טאג האט מען אים ארומגעזוכט, ביז עס איז געקומען די צייט פון ליכט-בענטשן. יענער שבת איז שוין געווען א פארשטערטער, נישט נאר פאר די אומגליקלעכע עלטערן, נאר פאר אלע אידן פון שטעטל. די עלטערן האבן געטרויערט נאך זייער פאר- שוואונדענעם בן-יחיד און האבן זיך נישט געקענט טרייסטן. אין שטעטל האט מען נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן משה'לען און וואס עס האט מיט אים געקענט פאסירן. איינער האט געזאגט, אז יענעם ערב-שבת זענען דורכגעגאנגען ציגיינער און מסתם האבן זיי אים צוגעכאפט. אויב אזוי, איז געווען א שוואכע האפענונג, אז משה'לע זאל זיך ווען אויפזוכן.

און דאס איז טאקע וואס עס האט פאסירט. די וואנדערנדיקע ציגיינער, דערזעענדיק א שיינע אינגעלע אליין, האבן זיי אים געגעבן א צוקערל און האבן אים אריינגענארט אין זייער וואגן. וואו ער האט זיך געגומען שפילן מיט די ציגיינער-קינדער פון זיין עלטער. ווען ער האט זיך געכאפט, אז ער געפינט זיך צווישן פרעמדע, האט ער גענומען וויינען און רופן "מאמע, מאמע!" אבער די ציגיינער זענען שוין געווען ווייט פון שטעטל און האבן זיך נישט אפגעשטעלט. משה'לע איז געבליבן באזיי אין די הענט.

וואכן לאנג האבן די ציגיינער געוואנדערט אלץ ווייטער און ווייטער און משה'לע האט צוביסלעך גענומען פארגעסן וועגן זיין טאטע-מאמע. די ציגיינער האבן אים ענדלעך געבראכט צו א רייכן פוילישן פריץ, וואס האט קיין קינדער נישט געהאט. זיי האבן משה'לען פארקויפט צום פריץ. דער פריץ און די פריצטע, שוין נישט קיין יונגע מענטשן, האבן זיך זייער

דערפרייט מיט דעם שיינעם אינגעלע, און האבן אים געהאדעוועט ווי אן אייגן קינד. משה'לע האט אינגאנצן פארגעסן, אז ער איז א אידיש קינד. זיין נאמען איז איצט געווען יאנוש, און ער איז אויס- געוואקסן א יונגער פריץ. ווען דער אלטער פריץ איז געשטארבן, האט יאנוש גע'ירש'נט זיין גאנץ פארמעגן און אלע זיינע גיטער. צוזאמען דערמיט האט ער אויך גע'ירש'נט זיין שנאה צו אידן.

יאנוש האט געפירט א לוסטיק און זארגלאז לעבן, מיט הוליאנקעס און פארוויילונגען, ווי אנדערע פריצים פון דער פוילישער אפשטאם. ער איז געווארן דער ליבלינג פון דער פוילישער אריסטאקראטיע. מיט דער צייט איז ער באשטימט געווארן אלס גובערנאטאר פון דעם גאנצן געגנט. ער האט אנגעווארפן אן אימה אויף די אידן, וועלכע האבן געלעבט אונטער זיין הערשאפט, און זיי האבן אפט געליטן פון זיינע גזירות און רדיפות.

ב.

אצינד וועלן מיר זיך אומקערן צו משה'לעס עלטערן. דער רב מיט די רביצין האבן אנגעפירט זייער באשיידענעם לעבן מיט א טיפער וואונד אין הארצן, וואס איז נישט פארהיילט געווארן אויך נאכדעם ווי דער אויבערשטער האט זיי געבענטשט מיט אנדערע קינדער, צוויי אינגעלעך און צוויי מיידעלעך, פון וועמען זיי האבן געשעפט פיל אידישע נחת.

אין שטעטל איז געווען א "שבת-גוי", וואס פלעגט אריינקומען אין אידישע הייזער אראפנעמען די לייכטער פון טיש. ער פלעגט אויך אריינקומען אין די וואכנטעג, וואו איינצוהייצן דעם אויוון, וואו אריינטראגן וואסער פון ברונעם, אדער ארויסהעלפן מיט אנדערע ארבעט. באזונדערס האט ער ליב געהאט אריינצוקומען אין הויז פון רב, וואו די רביצין האט אים שטענדיק מכבד געווען מיט א פארציע חלה, אביסל צימעס, א.ד.ג.

איינמאל האט אים די רביצין געכאפט בא א גניבה און האט זיך נישט וויסנדיק געמאכט. אבער ווען זי האט אים געכאפט בא א גניבה א צווייטן מאל און א דריטן מאל, האט זי אים משלח געווען און פארבאטן אריינ- צוקומען אין שטוב. אויך אנדערע אידן אין שטעטל האבן אים געכאפט בא גניבות און האבן אים ארויסגעטריבן, דער גוי איז געווארן אין כעס אויף די אידן און האט געשווארן צו נעמען נקמה.

באלד נאך פורים, ווען אידן האבן זיך גענומען גרייטן צו פסח, איז דער גוי אוועק אויף דעם גויעשן בית -הקברות, וואו א טאג פריער איז באגראבן געווארן א קריסטלעך קינד. אין דער פינצטערניש פון דער נאכט האט ער אויסגעגראבן דעם פרישן קערפער, איבערגעשניטן אים דאס האלדז און האט אים באגראבן אין הויף פונם רב. אויף מארגן איז ער אוועק צום מאגיסטראט און האט דערציילט, אז ער האט געזען ווי אידן גראבן אויס דעם פרישן קערפער פון א קריסטלעך קינד, האבן אפגעצאפט בלוט פון אים פאר פסח און האבן באגראבן דעם קערפער אין הויף פונם רב.

אין יענער צייט האבן פיל גוים געגלויבט, אז אידן באנוצן קריסטלעך בלוט אין זייערע מצות און ווין פאר פסח. דערהערנדיק די "עדות" פון דעם גוי, איז דער מאגיסטראט תיכף געקומען צום רב אין דער באגלייטונג פון פאליציי, און זיי האבן אויס- געגראבן דעם קערפער. מ'האט באלד ארעסטירט דעם רב און די חשוב'סטע בעלי-בתים פון שטעטל, און מ'האט פארפירט א פראצעס קעגן זיי.

עס האבן נישט געהאלפן די טענות פון רב און פון די אנדערע אידן, אז די תורה האט שטרענג פארבאטן אידן צו באנוצן בלוט, אפילו אראפ- צושלינגען א בלוטסטראפן פון אן איי, און אז די גאנצע באשולדיקונג איז א מיאוסער בילבול פון א גוי א גנב, וואס וויל זיך נוקם זיין פון די אידן, דערפאר וואס זיי האבן אים פארטריבן פאר זיינע גנבות. די ריכטער, וועלכע זענען אויך נישט געווען קיין אידן-פריינט, האבן אנגענומען די עדות פון דעם גוי און האבן פאר'משפט דעם רב צום טויט און די אנדערע באשולדיקטע אידן צו לעבנסלענגלעכער תפיסה. דערביי האבן זיי אויך ארויפגעלייגט א שווערע געלטשטראף אויף די אידן פון שטעטל. די אידן זענען געווען הילפסלאז קעגן דער בלוטיקער שנאה פון זייערע קריסטלעכע שכנים. די איינציקע האפענונג איז געווען, אז אזוי ווי דער אורטייל דארף נאך באשטעטיקט ווערן פון גובערנאטאר, וועט אפשר מעגלעך זיין צו ווירקן אויף אים צו באגנעדיקן די פאראורטיילטע.

אבער וויסנדיק, אז דער גובערנאטאר איז א שונא -ישראל, איז דאס געווען גאר א שוואכע האפענונג. נאר א נס מן השמים קען זיי ראטעווען, און די אידן האבן געפאסט און תפילה געטאן צום אויבערשטן צו טאן א נס און ראטעווען זיי פון אומגליק.

ג.

יענע נאכט האט דער גובערנאטאר נישט געקענט איינשלאפן. פאר- שידענע געדאנקען האבן זיך אים געטומלט אין קאפ, און כאטש ער איז געווען שטארק מיד נאך א דריי-טאגיקן גייעג אויף הירשן אין זיינע וועלדער, האט ער נישט געקענט צומאכן אן אויג. דער עיקר האט ער זיך נישט געקענט ארויסשלאגן פון קאפ די באגעגעניש מיט א דעלעגאציע פון אידישע שתדלנים, וועלכע זענען געקומען צו אים, גראדע ווען ער האט זיך געקליבן אויף יאגד, מיט דער בקשה אז ער זאל זיך אריינמישן אין דעם פראצעס און נישט דערלאזן א הימל- שרייענדע אומרעכט קעגן אום- שולדיקע אידן פון די פארווארפענע שטעטלעך אין זיין גובערניע. דער גובערנאטאר האט דאם אפילו נישט געוואלט אויסהערן זייערע טענות. ער האט זיי באהאנדלט נישט שיין, אום- געדולדיק און אן שום מיטגעפיל. "איך פארלאז זיך אויף די ריכטער, און וועלווארטן אויף זייער אורטייל", האט ער זיי קורץ און שארף געענטפערט און האט דערמיט פארענדיקט דעם ענין.

איצט, ווי ער איז געלעגען אין בעט האט ער זיך אריינגעטאן אין יענער באגעגניש, ער האט באקומען א אומרואיקייט. ער האט גענומען טראכטן גאר איז עס אפשר יא א פאלשער בלבול, אפשר נישט, ער האט זיך נישט געקענט באפרייען פון דעם געדאנק, ער דרייט זיך אויף זיין געלעגער פן רעכטס אויף לינקס און פארקערט און קען נישט איינשלאפן. ער טרונקט אביסל וויין, אבער עס גייט נישט... ערשט פארטאג איז אויף אים אנגעפאלן אן אומרואיקער שלאף און עס האט זיך אים גע'חלומ'ט א שרעקעקליכע חלום...

יאנוש איז ארויסגעפארן אויף יאגד אין איינעם פון זיינע געדיכטע וועלדער. רייטנדיק אויף זיין פלינקן פערד, האט ער זיך געלאזט יאגן נאך א הירש, איבערלאזנדיק הינטער זיך זיין גאנצע סוויטע פון באגלייטער און באדינער. פלוצלונג איז זיין פערד אויפגעשפרינגען און האט זיך געשטעלט אויף זיינע הינטערשטע פיס, שיער נישט אראפווארפנדיק פון זיך זיין רייטער. דער גובערנאטאר איז געווארן שרעקלעך בייז אויף זיין פערד. ווען ער געפינט זיך נישט אליין אין טיפן וואלד, וואלט ער אים דערשאסן ווי א משוגענעם הונט. אבער מיטאמאל האט ער דערזען פאר זיך א גרייז-גרויען אידן, וועלכער איז געשטאנען רואיק, אנגעשפארט אויף זיין שטעקן.

צוערשט האט זיך יאנוש געכאפט פאר דער ביקס מיט א ווילדער רציחה אויף דעם אידן, וואס האט געהאט די חוצפה צו שטעלן זיך אין אין וועג און איבערשרעקן זיין פערד. אבער די אויסערגעוויינלעכע געשטאלט פון דעם אידן האט אויף אים אנגעווארפן אן אימה, און ער האט זיך צוריקגעהאלטן.

"ווער ביסטו, און וואס ווילסטו?!" האט דער גובערנאטאר אויסגערופן. "איך בין דיין זיידע, און איך בין געקומען דיר זאגן, אז ס'איז שוין צייט, משה, דו זאלסט זיך אומקערן צו דיין פאלק", האט דער אלטער געענטפערט. "ס'איז א ליגן, א בילבול, א פאלשער בילבול!" האט דער גובערנאטאר אויסגערופן. "איך בין נישט קיין איד, אן מיין נאמען איז נישט מאשקע, נאר יאנוש. טראג זיך אפ פון דאנעט, איידער איך פארליר מיין געדולד"!

"א פאלשער בילבול איז דער בילבול וואס מ'האט געמאכט אויף מיין זון, דיין אומשולדיקן טאטען. דו אליין קענסט אים ראטעווען. האב רחמנות אויף דיין אלטן טאטען און האב רחמנות אויף זיך, אויף דיין אומגליקלעכער אידישער נשמה!" האט דער אלטער געדונערט.

דער גובערנאטאר האט זיך אזוי דערשראקן פון די רייד, אז ער האט זיך באלד אויפגעכאפט מיט א קלאפנדיק הארץ. "א בייזער חלום!" האט ער א ברום געטאן, און איז באלד ווידער איינגעשלאפן.

די צווייטע נאכט האט זיך דער אלטער איד ווידער באוויזן צום גובערנאטאר אין חלום. ער איז אריינגעקומען צו אים אין שלאף-צימער און האט אים אויפגעוועקט: "משה, משה! רעד זיך נישט איין, אז ס'איז א חלום. אומשולדיקע לעבנס ליגן אין

דיינע הענט! ס'איז קיינמאל נישט צו שפעט צו טאן תשובה... קער זיך אום צו דיין פאלק"...

דער גובערנאטאר האט זיך אויפגעכאפט, באדעקט מיט קאלטע שווייס. "איך האב צופיל געטרונקען", האט ער צו זיך געמורמלט, און איז ווידער איינגעשלאפן.

די דריטע נאכט חלומ'ט זיך אים, אז ער זיצט בא זיך אין קאבינעט און לייענט דעם אורטייל פון די ריכטער, וואס ער דארף באשטעטיקן מיט זיין אונטערשריפט. ער נעמט דאס געגנדזן-פעדער אין האנט, טונקט עס איין אין טינטער, און וויל זיך אונטערשרייבן. פלוצלונג דערהערט ער א שטרענגע שטימע: "ווארט! דו קענסט נישט אונטערשרייבן אזא פאלשן אורטייל!" ער האט דערקענט די שטימע פון דעם אלטן אידן.

"ווי אזוי קען איך וויסן, אז ס'איז א פאלשער אורטייל?" האט דער גובערנאטאר געפרעגט. "דאס איז זייער לייכט. פאר אראפ אין שטעטל און גיב א באפעל, אז מ'זאל דעם פאלשן עדות, דעם שבת-גוי, געבן שמיץ, וועט ער זיך באלד מודה זיין. איך זאג דיר נאכאמאל, און צום לעצטן מאל - באפריי דיין אלטן טאטען פון דעם בלוט-בילבול, און ראטעווע דיין נשמה. געוואלד, משה! שוין גענוג געהוליעט אויף דער וועלט. דו ביסט א כשר אידיש קינד. ציגיינער האבן דיך אוועקגערויבט פון דיינע טייערע אידישע עלטערן, וועלכע האבן דיך עד-היום נישט פארגעסן. די ציגיינער האבן דיך פארקויפט צום פריץ, וואס דו מיינסט אז ער איז געווען דיין פאטער"...

"גיב מיר א סימן, אז וואס דו זאגסט איז אמת", האט דער גובערנאטאר קוים ארויסגערעדט. "אז דו וועסט זוכן צווישן די זאכן וואס דער אלטער פריץ האט איבערגעלאזן, וועסטו געפינען א קליינעם ארבע-כנפות'ל, וואס דו האסט געטראגן בשעת די ציגיינער האבן דיך פארקויפט צום פריץ, וועסטו זען די ציצית און וועסט זיך דערמאנען"...

דער גובערנאטאר האט זיך אויפגעכאפט, און איז שוין מער נישט איינגעשלאפן. ער איז ארויס- געשפרינגען פון בעט און האט געגומען נישטערן צווישן די אלטע זאכן. ענדלעך האט ער אין א קליין זעקעלע געפונען דעם ארבע- כנפות'ל... דער גובערנאטאר האט אויפגעשווידערט. און פלוצלונג האט ער זיך דערמאנט וואס עס האט מיט אים פאסירט ווען ער איז געווען קוים דריי יאר אלט. ווי די ציגיינער האבן אים פארנארט אין זייער וואגן, און ווי ער האט שפעטער געוויינט און געבעטן זיך זיי זאלן אים אפ-פירן צו זיין טאטע-מאמע, ביז ער האט שוין נישט געוואגט זיי צו דערמאנען. און ווי צופרידן ער איז געווען ווען זיי האבן אים געבראכט צו אן אלטן פריץ, וואס האט זיך גוט באצויגן צו אים און ער האט אים גענומען רופן "טאטע..."

ד.

אויף מארגן גאנץ פרי, איז דער גובערנאטאר געזעסן בא זיך אין קאבינעט, פארזונקען אין זיינע געדאנקען. א באאמטער האט אנגעקלאפט אין טיר און האט מיטגעטיילט, אז א ספעציעלער שליח איז געקומען מיט א וויכטיקער שליחות.

"זאל ער ארייינקומען", האט ער געזאגט. דער שליח איז אריינגעקומען און האט דעם גובערנאטאר דערלאנגט א פארזיגלטן דאקומענט. "מ'האט מיר געזאגט צוווארטן אויף דעם גובערנאטאר'ס אונטערשריפט", האט ער געזאגט.

דער גובערנאטאר האט אויפגעריסן דעם זיגל און האט איבערגעלייענט דעם אורטייל פון די ריכטער. ער האט גענומען דעם געגנדזן-פעדער אין האנט, האט אים איינגעטונקט אין טינטער און האט עפעס אנגעשריבן. דאן האט ער געזאגט צום שליח: "פאר צוריק און זאג די ריכטער, אז איך וועל אליין ברענגען דעם אורטייל"!

דער שליח האט זיך צוריקגעקערט אין שטעטל און האט געבראכט די נייעס אז דער גובערנאטאר קומט. עס איז געווארן א מהומה, און מ'האט זיך געגרייט אויפצונעמען דעם גובערנאטאר מיט גרויס כבוד. צוויי טעג שפעטער איז אנגעקומען דער גובערנאטאר אין זיין שיינער קארעטע, באגלייט פון א סוויטע רייטער. נישט פארלירנדיק קיין צייט, האט דער גובערנאטאר געהייסן צוזאמענרופן די ריכטער, די עדות און די באשולדיקטע. ווען אלע זענען געווען פארזאמלט אין געריכט-צימער, איז דער גובערנאטאר אריינגעקומען און אלע האבן זיך פאר אים אויפגעשטעלט מיט גרויס יראת-כבוד. ער האט געווארפן א בליק אויף דעם אלטן רב און אן

אינערלעכער ציטער האט אים דורכגענומען. ער איז געווען זייער ענלעך צו דעם אלטן מאן וואס ער האט געזען אין חלום. דער גובערנאטאר האט זיך באערשט און האט געהייסן דעם הויפט-עדות איבערזאגן דאס וואס ער האט עדות-געזאגט ביים פראצעס.

שטייענדיק איצט פאר דעם גובערנאטאר, האט זיך דער שבת-גוי שטארק דערשראקן. די צונג האט זיך אים גענומען פלאנטערן און ער האט קוים געקענט איבערזאגן זיין עדות. מיט דער הילף פון די ריכטער, וועלכע האבן אים אביסל געצויגן פאר דער צונג, האט ער ענדלעך פארענדיקט זיין עדות-זאגן. און האט געשוואוירן, אז אלץ איז געווען פונקט ווי ער האט געזאגט.

״דו ביסט א ליגנער!״ האט דער גובערנאטאר שטרענג א זאג געטאן צו אים. ״גיט אים שמיץ און שינדט פון אים די הויט, ביז ער וועט זיך מודה זיין!״ האט דער גובערנאטאר אויסגערופן.

...דער שבת-גוי האט זיך געווארפן צו די פיס פון דעם גובערנאטאר און האט געקושט זיינע שטיוול, בעטנדיק רחמנות ״איך, איך.. האב זיך נאר, נאר גע-גע-געוואלט נוקם זיין פון די זשידעס...״ האט ער געשטאמלט.

״נעמט אוועק דעם הונט פן דאנעט!״ האט דער גובערנאטאר באפוילן. ״זעצט אים אריין, ביז ער וועט באקומען זיין פארדינטע שטראף.״

דאן האט ער שארף אויסגערעדט די ריכטער, וואס האבן זיך געלאזט פארפירן פון זייער בלינדע שנאה צו אידן. ער האט צעריסן דעם אורטייל פאר זייערע אויגן. ״ווייסט איר נישט, אז דער בלוט-בילבול איז אינגאנצן אן אויסגעטראכטער ליגן? איר זאלט מער נישט וואגן צו פארפירן אזעלכע פאלשע פראצעסן קעגן אומשולדיקע מענטשן!״

און נאכדעם ווי ער האט געהייסן באפרייען די באשולדיקטע פון די קייטן, האט ער צו זיי געזאגט: ״מיר בעטן אייך איבער פאר דער עוולה וואס איז באגאנגען געווארן קעגן אייך. איר זייט אומשולדיקע קרבנות פון א בלינדן אידן-האס, אלס פארגיטיקונג פאר אייערע ליידן און צרות, באפריי איך די קהילה פון שטייערן במשך פון צען יאר.״

דאן האט ער זיך געווענדעט צום אלטן רב: ״ווערטער קענען נישט פארגיטיקן פאר די ליידן און טויט-שרעק וואס איר האט דורכגעמאכט. אויב איר ווילט מיר פארשאפן דעם כבוד, וואלט איך וועלן אייך באזוכן פערזענלעך היינט אוונט״. ״אוודאי, אוודאי, מיט פערגעניגן״, האט דער רב געענטפערט און טרערן פון פרייד און דאנקבארקייט האבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

ה.

אין אוונט איז דער גובערנאטאר געקומען אין רב׳ס הויז, אליין, אן באגלייטער. די רביצין האט צוגעגרייט כיבוד פאר דעם חשוב׳ן אורח, אבער ער האט זיך נישט צוגערירט צו קיין זאך. ער האט לאנג געקוקט אויף דעם צעקנייטשטן פנים פון זיין מוטער, און עס האט זיך אים געוואלט ווארפן איר אויפן האלדז און פארכליפן זיך: ״מאמע, מאמע...״ ער האט זיך אבער באערשט און האט געזאגט צום רב, אז ער וויל מיט אים עפעס רעדן אונטער פיר אויגן.

זיי זענען אריין אין דערבייאיקן שטיבל, וואו עס איז געשטאנען א לאנגער טיש אנגעלייגט מיט ספרים און די ווענט זענען געווען פארשטעלט מיט ספרים-שרענק און פאליצעס. זיי האבן זיך געזעצט און דער גובערנאטאר האט זיך גענומען פאנאנדערפרעגן וועגן רב׳ס משפחה. דער רב האט אים דערציילט וועגן זיינע קינדער, די זין און טעכטער, וועלכע זענען שוין ב״ה טאטעס און מאמעס און וואוינען אין פארשידענע שטעטלעך.

״און מער קיין קינדער האט דער רב נישט געהאט?״ האט דער גובערנאטאר געפרעגט. דער רב האט טיף אפגעזיפצט און האט אים דערציילט וועגן משה׳לען, וואס איז פארשוואונדן געווארן

ווען ער איז קוים דריי יאר אלט געווען.

"...איך וויים וואו משה'לע איז" האט דער גובערנאטאר געזאגט. דער רב איז אויפגעשפרינגען. "משה'לע לעבט? וואו איז ער? איז ער נאך אלץ א איד"?

"משה'לע לעבט, אבער ער האט זיך אויפגעהאדעוועט צווישן גויים. איצט וויל ער נעמען לעבן ווי א איד. אויב זיינע עלטערן וועלן אים נישט אפשטויסן פון זיך, וועט ער צוריקקומען"...

"אפשטויסן? חלילה! דער אויבערשטער שטויסט קיינעם נישט אפ... וואו איז ער? ברענג אים צו מיר" - האט זיך דער רב געבעטן מיט טרערן אין די אויגן...

"...ער שטייט דא פאר דיר, טאטע... דאס בין איך, משה'לע"...

אן אויגנבליק איז דער אלטער רב געבליבן ווי פארשטיינערט און דאן האט ער אויסגעשטרעקט זיינע ארעמס. טאטע און זון האבן זיך ארומגענומען און צעקושט. "משה'לע... משה'לע..." ,טאטע, טאטעניו..." זענען געווען די איינציקע ווערטער וואס זיי האבן געקענט ארויסריידן.

ווען זיי האבן זיך ענדלעך בארואיקט, האט דער רב געזאגט: "איך וועל גיין צוגרייטן דיין מאמען צו דער גוטע בשורה, און וועל זי אריינרופן, דערנאך וועלן מיר רעדן וואס מיר האבן צו טאן. ער איז ארויסגעגאנגען און האט זיך געזאמט א היבשע ווײלע, וואס האט זיך משה'לען אויסגעדוכט ווי אן אייביקייט. ענדלעך איז די מאמע אריינגעלאפן אין צימער. "מיין משה'לע, טייערער משה'לע..." האט זי נישט אויפגעהערט צו שעפטשען ווארפנדיק זיך אים אויפן האלדז א קושנדיק אין מיט הייסע טרערן, ווי זי וואלט אים איצט וועלן אפגעבן די גאנצע מוטערלעכע ליבשאפט וואס האט זיך אנגעקליבן אין איר הארצן זינט ער איז פארשוואונדן געווארן... און משה'לע האט זיך צום ערשטן מאל אין זיין לעבן, זינט ער איז אנגעקומען צום פריץ, צעוויינט ווי א קינד.

א היבשע צייט האט גענומען ביז זיי האבן זיך אלע בארואיקט, און זיי האבן זיך געזעצט צום טיש טרינקען א גלאז טיי. משה האט דערציילט זיינע עלטערן, ווי אזוי ער האט זיך דערוואוסט וועגן זיין אפשטאם, וועגן זיידען וואס איז אים געקומען צום חלום אין צוזאממענהאנג מיט דעם בילבול, און ווי אזוי דער קליינער ארבע-כנפות'ל האט אים צוריקגעבראכט זיין זכרון...

"ביסטו טאקע גרייט אויפצוגעבן דיין איצטיקן לעבן פון עשירות און כבוד און דיין הויכן אמט אלס גובערנאטאר, כדי צו זיין, און לעבן, ווי אן אמת'ער איד?" האט דער רב געפרעגט זיין צוריקגעפונענעם זון.

"צווייפלסטו דען אין דעם טאטע?" האט משה געענטפערט. פלוצלונג האט זיך ארויס געכאפט פון זיינע ליפן די ווערטער: "תורה צוה לנו משה" און ער האט זיך אליין געוואונדערט, ווי אזוי ער האט זיך איצט דערמאנט די לעצטע ווערטער וואס דער טאטע האט מיט אים געלערנט, איידער די ציגיינער האבן אים צוגעכאפט.
דאן האבן זיי זיך צוזאמענגערעדט וועגן א פלאן, וואס קיינער אויסער זיי דריי טארן דערפון נישט וויסן: דער גובערנאטאר וועט ארויסרייטן אויף יאגד, ווי געוויינלעך, און וועט זיך אפזונדערן פון זיין סוויטע, טיף אין וואלד. נעבן א טייך וועט ער איבערלאזן זיינע קליידער און דעם פערד, עס זאל הייסן, אז ער איז אריין אין טייך באדן זיך, און איז דערטרונקען געווארן. ער וועט זיך איבערטאן אין פשוט'ע קליידער, וואס ער וועט צוגרייטן פון פריער, און וועט אויסוואנדערן קיין אמסטערדאם. אין א שטעטל דערביי, וואו זיין פאטער'ס ברודער איז רב, וועט ער קומען און ברענגען דעם פעטער א בריוול פון טאטען, און ער וועט ווערן א בעל תשובה און זיצן על התורה וועל עבודה אזוי לאנג ווי דער אויבערשטער וועט אים שענקען יארן.

עס איז שוין געווען האלבע נאכט ווען משה האט זיך געזעגנט מיט זיינע עלטערן. "איך וויים נישט אויב עס וועט אונז אויסקומען זיך צו זען נאכאמאל אויף דער וועלט", האט דער אלטער רב געזאגט צו זיין זון, "אבער מיר וועלן זיך זיכער זען אין גן-עדן. דער אויבערשטער זאל דיר מצליח זיין."

-------------------------------------------------------

# מקור פון אן אלטער מנהג

ווען דער גרויסער גאון וצדיק דער הייליגער בעל "דרכי תשובה" פון מונקאטש זי"ע איז צוריק געקומען פון די לויה פון דעם הייליגן בעל "קדושת יום טוב" [דער פאטער פון רבינו בעל דברי יואל מסאטמער זצ"ל]וואס איז געווען אין דער שטאט סיגוט ווי דער קדושת יו"ט איז דארט געווען דר רב. איז דער "דרכי תשובה" געקומען צו זיין אכסניא דארט אין דער שטאט סיגוט. און געהייסן מ'זאל ברענגען לעקעך און בראנפען פאר לחיים. מ'האט געברענגט לעקעך און בראנפען און דער מונקאטשער האט געטיילט פאר דעם עולם וואס איז דארט געווען די לעקעך און בראנפען און מ'האט זיך געוואונטשען לחיים. בשעתן טיילן די לעקעך און בראנפען, רופט זיך אן דער מונקאטשער: "אזוי איז דאס שוין גאר אן אלטער מנהג, צו טיילן בראנפען און געבעקס פאר די באגלייטער, וואס קומען צוריק פון א לויה רח"ל". האט מען איהם געפרעגט, וואס איז דער מקור פון דער מנהג? האט ער געענטפערט און געזאגט: "דער מקור פון דער מנהג ממש ווייסט ער נישט, אבער ער האט געהערט אז דאס נעמט זיך פון די צייטן ממש נאך די באוואוסטע גירוש שפאניע וואס מ'האט פון דארט פארטריבן אלע אידן. ומעשה שהיה כך היה:

מדינת ספרד [ש]פאניען] איז געווען גאר א ברייט לאנד, עס האט דארט גארנישט געפעלט פאר די אידן וואס האבן דארט געוואוינט. צווישן די אידן זענען געווען גרויסע סוחרים און אזוי אויך גרויסע תלמידי חכמים מפורסמים. זיי זענען אלע געזעסען במנוחה, דער גביר מיט זיין מסחר און דער תלמיד חכם מיט זיין עבודה. אלע האבן געדינט דעם באשעפער און עוסק געווען בתורה ובחכמה און אין אלע סארט מלאכות. אין איין שיינעם טאג נאכדעם וואס גאנץ קאסטיליע איז אריבער געגאנגען פון די אראבער צו שפאניען, און שפאניע האט יעצט געקעניגט איבער דעם גאנץ האלב אינזל פון שפאניע. האט דער באוואוסטער פארשאלטענער גלח טארקאמאוואדע ימ"ש איינגערעדט דעם קעניג פערדינאנד ימ"ש און זיין ווייב די קעניגן איזיבעלא ימ"ש אז איצט איז די בעסטע צייט וואס זיי קענען אויך ריין מאכן שפאניע פון די אידן, אזוי ווי מ'האט ריין געמאכט שפאניע פון די אראבער. זיי האבן זיך געלאזט איינרעדן פון דעם גלח, ווייל זיי אליין זענען אויך געווען גרויסע שונאי ישראל, און זיי האבן ארויס געגעבן א דעקרעט א גזירה אז ביז תשעה באב אין יענע יאר מוז זיך יעדער איינער שמד'ן רח"ל און אויב נישט מוז מען פארלאזן דעם לאנד, און קיין איין איד טאר נישט איבער בלייבן אין גאנץ שפאניע, און אויב יא, אחת דתו להמית, וועט מען איהם פארברענען אויף דעם שייטער הויפן.

וויפיל השתדלנות די אידן האבן פראבירט צו מבטל זיין די ביטערע גיזירה האט נישט געהאלפן, און ליידער איז די גזירה געבליבן, און תשעה באב שנת רנ"ב האבן איבער 300,000 אידן פארלאזט שפאניען, גענומען דעם וואנדער שטעקן אין האנט, און געגאנגען זוכן אנדערע ערטער וואו צו וואוינען.

פאר א קורצע צייט האבן פיהל אידן געטראפן אביסל מנוחה אין פארטיגאל וואס איז נעבען שפאניע, אבער שפעטער ווען דער קעניג פון פארטיגאל האט זיך משדך געווען מיט דער קעניג פון שפאניען, איז געווען איינע פון די הסכמים אין דער שידוך אז פארטיגאל מוז אויך פאראטרייבן אלע אידן פון איר לאנד. אוזי איז געווען, און די אידן וואס זענען געווען אין פארטיגאל האבן ווייטער געמוזט נעמען דעם וואנדער שטעקען אין האנט און וואנדערן ווייטער. אזוי האבן די אידן פון שפאניען געוואנדערט פון לאנד צו לאנד, פיהל זענען אומגעקומען דורך די ים-רויבערס און פיהל דורך אנדערע מחלות וואס איז געקומען אויף זיי אינטער וועגענס. פיהל אידן זענען אנגעקומען קיין אמסטערדאם, קיין אפריקע און א גרויס עולם איז אנגעקומען קיין טערקיי ווי דארט האט מען די אידן

אויפגענומען מיט אפענע הענט, ווייל מ'האט געוואוסט אז צו מסחר האנדלן איז זייער גוט צו האבן אידן.

נאך פיהל יארן זענען געווען צוויי פרומע אידן וואס האבן געפירט גרויסע געשעפטן, האבן זיי מחליט געווען צו גיין קיין שפאניען צו מאכן דארט געשעפטן. און וויבאלד אידן האבן דאך דארט נישט געמעגט זיין, האבן זיי זיך פארשטעלט און אנגעטאן אנדערע קליידער און האבן אויסגעזעהן ווי גוי'עשע סוחרים, אויך זייערע שפראך האבן זיי אכטונג געגעבן נישט צו רעדן ווי אידן. אזוי זענען זיי געקומען קיין שפאניען אין איינע פון די שטעט דארט צו האנדלן און מאכן מסחר. זיי האבן זיך געדינגען אן אכסניא א הויז פאר זיך אליין וואו זיי האבן געקענט דארט האלטען כשרות און עסן נאר כשר, און אזוי אויך דאווענען ווען קיינער וועט נישט זעהן.

אזוי האבן זיי געטאן די גאנצע צייט וואס זיי זענען געווען אין שפאניען. יעדן אינדערפרי פלעגען זיי אויפשטיין גאנץ פרי, נאך בעפאר עלות השחר, זאגן תהלים, לערנען גמרא. און ווען עס איז ליכטיג געווארן האבן זיי געדאווענט. געגעסן פת שחרית, געבענטשט אריין אין שטאט און געפירט מסחר מיט פארשידענע מענטשן. נאך אווענט צייט זענען זיי צוריק צו זייערע אכסניא געדאווענט מנחה און מעריב, געגעסן נאכט-מאל. אלע עסן האבן זיי צוגעגרייט מיט זייערע אייגענע הענט, אזוי אז אלע זייערע עסן איז געווען כשר בתכלית הכשרות. די בעסטע וואס קען נאר זיין. אזוי האבן זיי זיך פארזוימט דארט עטליכע חדשים, ביז זיי האבן פארדינט א שיינע סומע פון געלט, און זיי האבן מחליט געווען זיך צוריק צוקערן אהיים צו זייערע שטוב וואס איז געווען אין א אנדערע לאנד. אזוי האבן זיי געטאן און געלעבט א גאנץ יאר פון די געלט וואס זיי האבן דארט געמאכט. און יעדע יאר פלעגען זיי ווייטער קומען קיין שפאניען און איינשטיין אין דעם זעלבן אכסניא און האנדלן פאר עטליכע חדשים ביז זיי האבן געמאכט גענוג געלט פאר א גאנצע יאר. און קיינער פון שפאניען האט נישט געהאט דעם קלענסטן חשד אויף זיי אז זיי זענען אידן, קיינער האט נישט געוואוסט פון וואנען זי זענען אפילו.

אזוי האבן זיי זיך גפירט פאר יארן לאנג, דריי חדשים זענען זיי געזעסן אין שפאניע און די איבריגע צייט אינדעהיים צוזאמען מיט זייערע משפחות. און גארנישט איז געשעהן צו זיי די גאנצע צייט. אבער נישט אלע צייטן זענען גלייך. איינמאל ווען זיי ביידע זענען געווען אין שפאניען נאך מסחר, איז איינע פון די צוויי חברים קראנק געווארן. ער ליגט אין בעט איין טאג, נאך א טאג, און עס ווערט נישט בעסער פאר איהם. זיין מחלה ווערט נאר ערגער און זיין חבר שטייט נעבן זיין בעט און פראבירט איהם צו העלפען מיט וואס נאר ער קען איהם העלפען. אבער מ'זעהט נישט קיין שום פארבעסערונג אין זיין מחלה. נאר עס ווערט ערגער פון טאג צו טאג. ווי דער חולה האט געזעהן אז זיינע טעג זענען שוין געציילטע און ער ווערט שוואכער פון טאט צו טאג. האט ער געבעטן זיין חבר ער זאל מיט איהם טאן א ריכטיגע חסד של אמת. ער וויינט און זאגט איהם: "איך בעט דיר מיין ברודער און חבר! זאלסט נישט צוריק ווארפען מיין געבעט, און זאלסט מקבל זיין אויף זיך מיין לעצטע געבעט, אז דו זאלסט מיר ברענגען צו קבר ישראל. איך ווייס אז עס וועט נישט זיין גרינג פאר דיר דאס צו טאן, די סכנה איז זייער גרויס, אבער מיט דעם אלעמען בעט איך דיר אז דו זאלסט דאס טאן פאר מיר. און אזוי ווי מיר זענען געווען איבערגעגעבן איינער פאר דעם אנדערן ווען מיר ביידע האבן געלעבט צוזאמען, געווען שותפים אין אלע געשעפטן, און געדינט דעם באשעפער מיט אן אמת און געטריי צוזאמען מיט א מסירות נפש, אזוי זאלסטו זעהן צו זיין באגלייבט ביי מיר נאך מיין טויט און מיר ברענגען צו קבר ישראל. דער באשעפער, וועט זיכער שטיין אויף דיין רעכטע האנט און דיר העלפען דאס קענען אויספירן, און ע ר וועט דיר צוריק באצאלען פאר דעם". וויבאלד איין חבר איז געווען זייער צוגעבינדן צו דעם צווייטען בבחינת "ונפשו קשורה בנפשו" האט דער צווייטער חבר נישט געטראכט קיין סך, און איהם צוגעזאגט מיט א תקיעת כף צו זעהן איהם צו ברענגען צו קבר ישראל נאך זיין טויט.

נאך א קורצע ווייל האט דער קראנקער חבר אויסגעהויכט זיין ריינע נשמה, אין א פרעמד פארשאלטענע לאנד אין שפאניען. זיין חבר איז פון גרויס צער אראפגעפאלען אויף דער ערד, און שטארק געוויינט. ווי ער ליגט אויף דער ערד, גיסט ער אויס זיין הארץ צום באשעפער און זאגט: "רבונו של עולם! העלף מיר, איך האב צוגעזאגט מיין חבר דער נפטר איהם צו ברענגען צו קבר ישראל, איך בין גרייט צו מקיים זיין מיין

צוזאג, אבער די סכנה איז זייער גרויס דאס צו טאן, דעריבער בעט איך פון דיר באשעפער, זיי מיט מיר די גאנצע צייט, פארלאז מיר נישט, און היט מיין נפש אין דער וועג וואס איך וועל גיין" אזוי איז ער געליגן אויף דער ערד, און געוויינט זייער שטיל, און שטארק מתפלל געווען ביז עס איז פרי געווארן.

ווען דער מארגן שטערן האט געגומען אויפלייכטן, האט ער שיין געמאכט זיין קליידער, פארשפארט דעם צימער וואו דער נפטר איז געווען, און ארויס אין שטאט. ווי ער גייט אין שטאט באגעגענט ער אן אלטער ארעמאן, איינע פון די עלצטע אין שטאט, ער האט זיך גענומען סתם פירן א שמועס מיט דעם אלטען מאן, ביז ער האט איהם דעם אלטען מאן אריינגעברענגט אין א שענק-הויז. ווי זיי זענען אריינגעקומען אין דער שענק הויז, האבן זיך בידע אראפ געזעצט ביי א טיש אין א ווינקעל, און ער איד האט מכבד געווען דעם אלטען ארעמאן מיט גוטע משקה צום טרונקען.ביידע האבן געטרונקען לחיים און זיך געוואונטשען אינער דעם אנדערן. ביידע האבן אזוי געשמאק געשמועסט און פארברענגט ביז זיי זענען געווארן זייער נאנט איינער צו די אנדערע. ממש ווי גוטע אלטע חברים.

אזוי אינמיטן שמועס האבן זיי געשמועסט וועגן אלע סארט ענינים וועגן דער מדינה און די היסטאריע פון די מדינה, ביז זיי זענען געקומען רעדן וועגן די אידן. דער אלטער מאן דערציילט אז ער געדענקט נאך די אידן וואס האבן דא אמאהל געוואוינט בעפאר מ'האט זיי פארטירבן. אז צווישן די אידן זענען געווען גורויסע דאקטוירים און גרויסע געלערנטע מענטשן און גרויסע סוחרים און חכמים אין אלע חכמות, זיי האבן זייער שטארק מצליח געווען אין אלעס. אבער ווען ער איז געווען א קליין קינד האט מען די אידן פארטריבן פון דער שטאט און לאנד, מ'האט מחרים געווען אלע זייערע פארמעגענס, און די אידן זענען ארויס פון לאנד בעירום ובחוסר כל אינגאנצן נאקעטיג. די אלע שיינע שוהלען וואו זיי פלעגען דאווענען יעדן טאג, איז פארוויסט און אפגעלאזט געווארן, און נשט מער ווי דער נישט גוטער הערשט אין זיי.

ווי דער איד דער סוחר הערט זיך צו די רייד פון דעם אלטען גוי, זאגט ער פאר איהם אז ער וואלט זייער שטארק געוואלט זעהן די ערטער וואו די קלוגע מענטשן די אידן האבן אמאהל געוואוינט, אוזי אויך זייערע שוהלען און אזוי ווייטער. דער איד זאגט נאך צו דעם גוי, אויב ער וועט איהם ווייזען די אלע אינטערעסאנטע ערטער וועט ער איהם געבן א שיינע מטבע.

דער אלטער גוי וואס איז געווען גוט אנגעטרונקען האט גלייך געענטפערט, איך בין גרייט צו טאן וואס דו ווילסט, קום מיט מיר וועל איך דיר אלעס ווייזען די אלע אלטע שיינע בנינים אין אונזערע שטאט, ווייל דאס איז מין פאך צו ווייזען אלע אלטע זאכען פאר פרעמדע מענטשן וואס קומען אין דער שטאט.

ביידע הייבן זיך אויף און דער סוחר שעפשעט שטילערהייט א תפילה צום באשעפער אז ער זאל מצליח זיין אין זיין וועג. דער אלטער גוי נעמט פירן אונזער סוחר ארום דער שטאט און ווייזט איהם אלע אלטע גאסן, די אלטע שוהלען פון די אידן, וואס פיהל פון זיי זענען געווארן תיפלות פאר די גויים. ער זעהט אפילו אידישע פסוקים אויף געוויסע טויערן פון די שוהלן, אבער ער גוט זיך אכטונג מ'זאל נישט באמערקען זיין אויפמערקזאמקייט. ווי זיי ענדיגען ארומגיין אין שטאט און האבן שוין געזעהן אלע אלטע שוהלען, פרעגט דער סוחר דעם גוי אויב ס'איז דא נאך וואס צו זעהן. זאגט דער גוי אז נאך שיינע בניינים פון די אידן איז מער נישט דא אבער ס'איז דא א גרויסע בית הקברות, וואס דארט האבן די אידן באגראבן זייערע טויטע מענטשן, דער בית הקברות איז זייער א גרויסע, און איז ארום גענומען מיט א הויכע מויער ארום און ארום, און די טויערן זענען פארשלאסן מיט שטארקע שלעסער. דער בית הקברות געפונט זיך ווייט אינדרויסן פון שטאט, אויב דו וועסט מיר צאלן נאך געלט – זאגט דער גוי – וועל איך דיר פירן און ווייזן דעם בית הקברות וועסטו זעהן א זאך וואס דו האסט אין דיין לעבן נאך נישט געזעהן.

ווי אונזער סוחר הערט די ווערטער, כאפט איהם אן א ציטער אין אלע זיינע ביינער, און זאגט דעם גוי "גוט איך וועל דיר צאלן נאך געלט, און גיין זעהן דעם בית הקברות וואס דו זאגסט, ווייל עס וואונדערט מיר צו זעהן א בית הקברות וואו טויטע ליגן זאל זיין אזוי שטארק פארמאכט און פארפאנצערט מיט א הויכע מויער ווי דו זאגסט". ביידע נעמען זיך גייען

אינדרויסן פון שטאט, ביז פון דערווייטענס האבן זיי געזעהן דעם בית הקברות. ווי זיי האבן זיך דערנענטערט צום בית הקברות, האבן זיי טאקע געזעהן ווי גאר א הויכע מויער נעמט ארום דעם אלטען בית הקברות, און אין דער מויער זענען דא טויערן וואס זענען זייער שטארק פארשלאסן. דער איד האט געצאלט די געלט פאר דעם אלטען גוי און האט זיך געזעגענט מיט איהם, דער אלטער האט איהם שטארק געדאנקט פאר די געלט און איז צוריק אריין אין שטאט.

ווי דער סוחר איז יעצט געווען אליין אינדרויסן נעבען דעם אידישן בית החיים, האט ער גענומען ארום רינגלען דעם בית החיים ארום און ארום אפשר וועט ער קענען טרעפן אן ארט ווי אריינצוגיין אין דער בית החיים. אבער ער קען נישט טרעפען קיין ארט און וועג צו קענען אריינגיין אינעווייניג אין דעם בית החיים דורך וואו ער זאל קענען אריינפירן זיין חבר דעם נפטר דארט. אבער ער האט זיך נישט מייאש געווען, נאר פארקערט ער האט זיך שטארק געשטארקט און איז צוריק אריינגעקומען אין שטאט.

ער קומט אין שטאט און גייט גלייך צו זיין אכסניא, ער האט מטהר געווען דעם נפטר כדת וכדין, אריינגעלייגט אין א זאק, און אינמיטען נאכט האט ער דעם זאק געלייגט אויף זיינע פלייצעס, און געברענגט ביז צום בית הקברות און דארט אנידערגעלייגט נעבן דעם פארשפארטען טויער פון דעם בית הקברות. ער שטייט נעבן דעם טויער, און נעמט זיך אויסגיסן זיין הארץ צום באשעפער, ער וויינט און בעט אז מ'זאל רחמנות האבן אויף איהם פון הימל, און דער טויער זאל זיך עפענען כדי ער זאל קענען באגראבן זיין חבר דארט, ווי ער האט איהם צוגעזאגט מיט א תקיעת כף בעפאר ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה. ווי ער שטייט און דאווענט אזוי פלוצלונג הערט ער א רעש, דער גרויסער טויער האט זיך גענומען עפענען. ווי דער טויער איז שוין געווען ברייט אפען, האט ער אנגעכאפט דעם נפטר אין דעם זאק, אריין אין דעם בית החיים, ער האט דארט געטראפן א שאוועל מיט ברעטער, ער האט זיך גלייך גענומען גראבן א גרוב, און האט באגראבן זיין חבר דארט כדת וכדין בקבר ישראל אזוי ווי ער האט איהם צוגעזאגט בעפאר זיין פטירה.

ווי ער האט געענדיגט זיין ארבעט האט שוין אנגעפאנגען צו טאגען, ער האט געשפירט גאר א גרויס מידקייט אויף זיך, אזוי איז ער אויך געווען זייער הונגעריג, ווייל ער האט האט שוין נישט געגעסן א גאנצע טאג און א גאנצע נאכט. ער הייבט אויף זיינע פיס גייענדיג צום גרויסן טויער ארויסצוגיין פון דארט, אזי ער אראפ געפאלען אויף דער ערד פון גרויס שוואכקייט, און זיך נישט געקענט רירן פון ארט. ער ליגט אזוי אויף דער ערד רופט ער זיך וויטער אן צום באשעפער "אוי! רבונו של עולם! וואס וועט יעצט זיין מיט מיר? מיט מיין חבר האב איך זיך געפארעוועט און איהם געברענגט לקבר ישראל, אבער ווער וועט זיך פארעווען מיט מיר אויב איך וועל אויסגיין דא אויף דעם ארט נעבען דעם טויער?" ווי ער ענדיגט רעדן די ווערטער, זעהט ער ווי אין דער פענצטער פון דעם גרויסן טויער איז דא א פלעשל בראנפען, ער שטרעקט אויס זיין האנט, נעמט דעם פלעשל, און מאכט א ברכה און טרונקט פון דעם, ווי ער טרונקט פון דעם זענען זיינע אויגן ליכטיג געווארן, ער ווארט צו נאך אביסל, און שטעלט זיך אויף און גייט ארויס פון דעם טויער , ווי נאר ער איז ארויס פון דעם טויער האט זיך דער טויער פארמאכט אויף צוריק, ער איז צוריק געקומען צו זיין אכסניא געזונטערהייט. ער האט גלייך איינגעפאקט זיינע חפצים צוזאמען מיט זיין חבר'ס חפצים און ארויס פון דער שטאט, פון דער לאנד, מער נישט אויף צוריקצוקומען דארט.

ווי ער איז אהיים געקומען האט ער געמאכט א גרויסע סעודת הודיה, און צוזאמען גערופן אלע מענטשן פון שטאט און זיי דערציילט אלעס וואס איז געשעהן מיט איהם און מיט זיין חבר אין שפאניע און די אפענע ניסים וואס ער האט געהאט דארט. ווי ער האט זוכה געווען צו ברענגען זיין חבר לקבר ישראל אין א פרעמד ארט. פון דעמאלט האט מען מתקן געווען אז מ'זאל טיילען משקה און לעקעך פאר די מענטשן וואס קומען צוריק פון א לויה "רחמנא ליצלן". פירט אויס דער "דרכי תשובה" אז פון דעם נעמט זיך דער אלטער מנהג צו טרונקען לחיים נאך א לויה.

---

# א שידוך פון הימל

געווען א מעשה אין אינע פון די גרויסע שטעט אין אייראפע, דארט האט געוואוינט א גרויסער גביר וואס איז אויך געווען דער פרנס פון דער אידישער קהילה אין יענע שטאט. חוץ וואס ער איז געווען א גרויסער גביר און געטיילט צדקה לרוב, פאר יעדן איינעם, און זיין הויז איז געווען א אפענע הויז פאר הכנסת אורחים, וואס ער מיט זיין ווייב האט יענען איינעם באדינט זיער ווארעם, און יעדער איינער האט זיך געשפירט זייער היימיש באזיי אין הויז, איז דער גביר אויך געווען א גרויסער תלמיד חכם. אויפגעשטאנען פארטאגס און געלערנט עטליכע שעה פאר'ן דאווגען, אזוי אויך ביינאכט פאר'ן גיין שלאפן ווען זיין ווייב האט זיך געקימערט מיט די אורחים האט ער געלערנט. אזוי אז עס איז מקויים געווארן ביי איהם דאס וואס חז"ל האבן געזאגט "תורה וגדולה במקום אחד."

דיביידע, דער גביר און זיין פרוי זענען שוין געווען איבער די זיבציג יארן, און זיי האבן געהאט א מיידל א בת יחידה וואס איז געבוירן געווארן צו זיי אין די שפעטערע יארן. די מיידל איז געווען א מושלמת אין אלעס, שיין און קלוג. איינמאל אין א געוויסע שבת נאכמיטאג זיצט דער גביר מיט זיין ווייב, און די טאכטער איז געאגאנען באזוכן א חברת'ע, האבן זיי זיך צושמועסט וועגן דער תכלית פון זייער טאכטער. דער גביר זאגט צו זיין פרוי, מיר זענען שוין אין די עלטערע יארן, און מיר וויסן נישט ווען עס וועט קומען דער טאג פון אונזערע שטארבן, דעריבער דארפן מיר טראכטן דעם ריכטיגן תכלית פאר אונזערע טאכטער וואס איז שוין געקומען אין די יארן צו זוכן א שידוך פאר איר. פאר וועמען זאלן מיר איר געבן, א חתן וואס זאל אויך פארמאגן די אלע שיינע מעלות וואס זי האט? די פרוי רופט זיך אן און זאגט, ביסט גערעכט מ'דארף טאקע זייער ערנס טראכטן וועגן די זאך. זאגט דער גביר איך האב אליין שוין אריינגעטראכט אין דער זאך און איך בין געקומען צו אן החלטה, אז מיר זאלן איר חתונה מאכן מיט מיינס א שוועסטערס א קינד, וואס סיי וואס ער איז א גביר און האט אויך זייער שיינע און גוטע מדות. זאגט אבער די פרוי, אויב מיר דארפן איר חתונה מאכן מיט א קרוב אונזערע, דעמאלט איז שוין בעסער איר חתונה מאכן מיט מיין ברודערס א זוהן, הגם דאס ער איז נישט קיין גביר, אבער ער איז זייער א קלוגע און לערנט זייער פיין. אבער דער מאן רופט זיך אן האלט זיך ביי זיינס און זאגט, מיין שוועסטערס זוהן איז בעסער פאר איהם, ער איז אויך א בן תורה און נאך דערצו א גביר., און אונזערע טאכטער וועט זיכער זין צופרידן מיט ביידע סיי מיט די תורה וואס ער פארמאגט און סיי מיט די עשירות וואס ער האט. אבער זי האט זיך געהאלטען ווייטער ביי אירס, אז מ'זאל איר חתונה מאכן מיט איר ברודערס א זוהן. זייהאבן נישט געקענט קומען צו אן החלטה צו וועמען מ'זאל געבן די טאכטער.

נאך עטליכע טעג האט דער גביר געמאכט א גרויסע סעודה, און געלאזט רופן זיינע בעסטע חברים אן ידידים וואס זענען געווען אנשים חכמים ויראי שמים, אזוי אויך האט ער געלאזט רופן צו די סעודה די צוויי בחורים , זיינס א פלומעניק און זיין ווייב'ס א פלומעניק. כדי די מענטשן זאלן זיך באקענען מער נענטער מיט די צוויי בחורים. אזוי האט מען געפראוועט א סעודה, און די צוויי בחורים האבן ביידע געזאגט שיינע דרשות, און דער עולם האט שטארק הנאה געהאט פון ביידע. נאכ'ן סעודה האט דער גביר געהייסן די צוויי בחורים אז זיי קענען צוריק אהיים גיין, ווייל ער דארף עפעס אדורך שמועסן מיט די מענטשן. אזוי האט ער אויך געהייסן זיין טאכטער זי זאל גיין צו איר אייגענע צימער.

ווען די בחורים זענעון שוין דארט נישט געווען אזוי אויך נישט די טאכטער, רופט זיך אן דער גביר צו זיינע ידידים און זאגט, רבותי! איר ווייסט דאך שוין אז איך מיט מיין ווייב זענען שוין

אין די עלטערע יארן, און אונז ווילן זייער שטארק חתונה מאכן אונזערע טאכטער, אבער עס איז דא חילוקי דיעות צווישן מיר און מיין ווייב צו וועמען מ'זאל איר חתונה מאכן. איך וויל איר חתונה מאכן צו מיין פלומעניק, און זי וויל איר חתונה מאכן צו איר פלומעניק. יעצט האט איר זיך באקאנט מיט דיביידע בחורים וואס זענען געווען דא, איר האט געשמועסט מיט זיי און געהערט זייערע דרשות, אדרבא, זאגט איר וואס איר זענעט חכמים און בעלי נסיון, צו וועמען פון די צוויי בחורים זאל איך געבן מיין טאכטער די בת יחידה? און וואס איר וועט זאגן וועל איך מיט מיין ווייב טאן און מסכים זיין.

דער גביר איז ארויס פון צימער פאר א ווײלע און די מענטשן האבן זיך גענומען טראכטן און רעדן וועלכע בחור איז מער פאסיג פאר די טאכטער פון דעם גביר. זיי האבן נישט זיך געקענט געבן אן עצה ביז נאך א שעה האבן זיי אריינגערופן דעם גביר און איהם געזאגט. הער אויס מיר האבן מחליט געווען צו טאן א פראווע מיט די צוויי בחורים, זעהן ווער איז די פאסיקסטע פאר אייערע טאכטער. ביידע בחורים זענען באמת גוט און פיין אין אלע מעלות, און פאר יעדער איינער באזונדער איז ווערד צו געגעבן ווערן אייער טאכטער, אבער ווי באלד מיר קענען נישט מחליט זיין פאר וועמן דעריבער האבן מיר אדורך געטאן די גאנצע זאך, און מיר זענען געקומען צו א פשרה, אז מ'זאל געבן פאר יעדער בחור באזונדער 200 גאלדענע רענדלעך, זאלן זיי גיין אין די ווייטע לענדער און קויפן סחורה און פירן מסחר מיט די געלט, יעדער איינער לפי זיין אייגענע פארשטאנד, און דער וואס וועט צוריק קומען מיט די בעסטע סחורה און די מערסטע געלט, איז א סימן אז די מיידל איז זיין באשערטע.

די עצה איז זייער געפאלען געווארן פאר דעם גביר מיט זיין ווייב, זיי האבן געלאזט רופן די צוויי בחורים, און זיי געזאגט "דא האט איר יעדער איינער באזונדער צוויי הונדערט גאלדענע רענדלעך, און גרייט אייך צו ארויס צו גיין ווייט אין וועג אייננצוקויפן סחורה מיט די געלט, און דער וואס וועט צוריק קומען מט די בעסטע סחורה, פאר איהם וועט אונזערע טאכטער זיין באשערט, גייט לחיים טובים ולשלום און זייט מצליח."

ביידע האבן זיך ארויס געלאזט אין וועג, און יעדער איינער האט געטראכט בייזיך באוזנדער אז צו איהם וועט פאלן די גורל פון די חשוב'ע מיידל פאר א כלה. ביידע זענען געקומען אין א גרויסע שטאט וואס דארט איז געווען צו קויפן פארשידענע סארט סחורה, ביליגע און טייערע. דער פלומעניק פו דעם גביר הנט איינגעקויפט מיט די געלט א גרויסע זאק פן טייערע וואל און טייערע סחורה פון זייד. אבער דער פלומעניק פון די בעל הבית'טע האט אייגנעקויפט מיט די געלט טייערע איידל שטיינער און בריליאנטן וואס מ'קען טראגן אין די קעשענעס.

ווי ביידע האבן זיך געגרייט צוריק צו גיין אהיים, זענען זיי איינגעשטאנען אין א גאסט הויז צו נעכטיגן. אין דער גאסט-הויז איז אבער ליידער געווען אויך מענטשן נישט גוטע, גנבים און ליצנים און פושעים. זיי האבן געזעהן די צוויי בחורים, האבן זיי זיך דערנענטערט צו זיי און גענומען זיך שמועסן מיט די צוויי בחורים. אזוי ווייט ביז די צוויי בחורים האבן זיך נישט גוט געהיטן און האבן דערציילט פאר די מענטשן די מטרה פארוואס זיי זענען געקומען אין דער שטאט, און וואס זיי האבן איינגעקויפט.

אינמיטן נאכט ווען די צוויי בחורים זענען גוט געשלאפן, זענען אריין די גנבים אין זייערע צימער, און פון דער וואס האט געקויפט די בריליאנטן האבן זיי צוגע'גנב'ט דעם גאנצן זעקיל פון בריליאנטן, אבער פון דער וואס האט איינגעקויפט סחורה פון זייד און וואל, האבן זיי נאר גענומען עטליכע שטיקלעך פון דעם און די איבריגע האבן זיי איבער געלאזט.

ווי די צוויי בחורים האבן זיך אויפגעוואכט אינדערפרי און האבן באמערקט די גניבה וואס איז געווען באזיי. האט זיך דער בחור פון די בריליאנטן זייער שטארק געערגעט וואס מ'האט צוגענומען זיין גאנצע סחורה וואס ער האט איינגעקויפט, אבער דער צווייטער בחור איז געווען פריילעך וואס מ'האט נאר אביסל צוגענומען פון די סחורה וואס ער האט איינגעקויפט און כמעט די גאנצע איז נאך געבליבן. און ער רופט זיך אן צו דעם אנדערן בחור און זאגט, קום לאמיר שנעל אהיים גיין אין אונזערע שטאט, ווייל דארט איז בעסער פאר אונז צו זיין ווי דא בלייבן. דער בחור האט נישט געקענט

איינהאלטן אין זיך זיין שמחה צו ווערן בקרוב דער איידעם פון דעם גרויסן גביר. אבער דער צווייטער בחור וואס האט איינגעקויפט די בריליאנטן רופט זיך אן צו איהם און זאגט, הער אויס! איך גיי מער נישט מיט דיר צוזאמען, ווייל מיר האבן שוין מער נישט קיין שייכות איינער מיט די אנדערע. לאמיר זיך צוטיילן און יעדער איינער זאל גיין זיין וועג.

דער בחור מיט די איבערגעבליבענע סחורה פון וואל און זייד איז אהיים געקומען אין שטאט, און מ'האט איהם געפרעגט וואו איז זיין חבר דער אנדערע בחור, האט ער זיך אנגערופן און געזאגט "השומר אחי אנכי" און האט זיי נישט דערציילט וואס עס איז געשעהן מיט די סחורה פון זיי ביידע. אויך האט ער נישט דערציילט פאר וואס ער האט זיך געשייד פון דעם אנדערן בחור. דא האט זיך דער גביר אנגערופן און געזאגט אויב ביז זעקס חדשים וועט דער צווייטער בחור נישט אהיים קומען, דעמאלט וועט ער געבן זיין טאכטער פאר דעם בחור פאר א כלה. דער בחור האט זיך זייער געפרייט, אזוי אויך זיין פעטער דער גביר. אבער די בעל הבית'טע איז געווען אביסל פארזארגט, זי האט דאך אבער יא געוואלט דעם אנדערן בחור איר פלומעניק, זי האט זיך זייער מצטער געווען פאר וואס ער איז נאך נישט אהיים געקומען, אבער זי האט זיך געטרייסט אז עס איז דאך דא נאך צייט ביז זעקס חדשים ביז ווען ער זאל אהיים קומען. און דערווייל וועט זי מתפלל זיין צום באשעפער אז דער באשעפער זאל באקליגן זיינע וועגן און ער זאל שטארק מצליח זיין אין זיינע געשעפטן.

לאמיר צוריק גיין צו דעם בחור וואס האט אלעס פארלוירן, די בעל הבית'טעס פלומעניק און זעהן וואס איז געשעהן מיט איהם ווייטער, נאך דעם וואס ער האט זיך אפגעשייד פון זיין חבר וואס איז שוין אהיים געקומען.

דער בחור האט נישט געהאט וואס צו טאן, האט ער זיך גענומען גיין ארויס פון שטאט, ביז ער האט אנגעטראפן א גרויסע וואלד, ער האט זיך ארום געדרייט אין דער וואלד פאר דריי טעג און דריי נעכט און נישט געקענט טרעפן א וועג ווי אזוי ארויס צו גיין פון דער וואלד. דער הונגער האט איהם גענומען מוטשענען, אט זעהט ער פון דערווייטענס א פרוכט בוים פון שיינע עפלעך. ער גייט גלייך צו דער בוים און נעמט אראפ אן עפל, מאכט א ברכה און עסט דעם עפל, אבער צו זיין ערשטוינונג גיט ער א קוק אויף זיין קערפער זעהט ער ווי זיין גאנצע קערפער איז פיל געווארן מיט קרעץ. ער איז זייער פארביטערט געווארן אויף דעם שיקזאל וואס האט איהם יעצט געטראפן. ער גייט אזוי ווייטער זייער מיט א צובראכן הארץ און אט זעהט ער ווידער א שיינע פרוכט בוים מיט עפלעך, טראכט ער ביי זיך אז ער וועט נעמען און עסן פון די עפלעך אויך, אזוי וועט ער ענדיגן זיין לעבן און פטור ווערן פון זיינע יסורים. און ווי נאר ער האט גענומען אן עפל אין די האנט און גענומען זיך עסן פון דעם עפל, זענען זיינע אויגן אויפגעגלאכטן געווארן, און וואונדער איבער וואונדער ער גיט א קוק אויף זיין קערפער און זעהט ווי די גאנצע קרעץ איז פארשוואונדען געווארן, און זיין לייב זעהט יעצט אויס ווי די לייב פון א פריש געבוירן קינד. ער האט גלייך גענומען לויבן דעם באשעפער אויף זיינע גרויסע חסדים וואס ער האט געטאן מיט איהם. דער באשעפער האט איהם אריינגעגעבן שכל אין קאפ אז ער זאל מיט זיך מיט נעמען פון ביידע עפלעך באזונדער. אזוי האט ער געטאן ער האט אריין געלייגט אין צוויי זעקלעך, אין יעדער זאק אביסל פון די נישט גוטע עפל וואס פון דעם ווערט מען קרעציג און אין דעם צווייטן זעקל פון די גוטע עפל וואס היילט אויס די קרעץ, און ער האט געטראכט באזיך אז אפשר וועט דאס איהם נאך צונוץ קומען מיט דער צייט.

ער נעמט זיך וואנדערן אין וואלד ביז ער איז ארויס געקומען פון וואלד, ער קומט אן אין א גרויסער שטאט פיל מיט מענטשן, אבער ער זעהט און באמערקט ווי אלע מענטשן גייען ארום מיט דעם קאפ געבויגען און זענען זייער טרויעריג. ער וואונדערט זיך אויף דעם, ביז ער פרעגט איינעם פארוואס יעדער איינער איז אזוי טרויעריג. האט מען איהם דערציילט, אז דער קעניג פון דער אלנד וואס איז זייער א גוטע קעניג, איז ליידער קראנק געווארן מט א געוויסע קרעץ וואס קיינער קען דאס נישט היילן, מ'האט שוין געברענגט דאקטוירים פון פארשידענע לענדער אבער קיינער האט גארנישט געקענט טאן צו היילן דעם קעניג פון זיינע קרעץ. און דעריבער וויינען מיר טאג און נאכט אויף דעם שיקזאל פון אונזערע טייערע און גוטע קעניג. רופט זיך אן דער בחור און זאגט, אויב מ'וועט מיר ברענגען צום קעניגליכן פאלאץ בין איך זיכער מיט דעם

באשעפער׳ס הילף אז איך וועל קענען היילן דעם קעניג. רופט זיך אן דער מענטש פון שטאט, און זאגט, איך גלייב נישט אז א מענטשליכע האנט קען היילן דעם קעניג, אבער אויב דו ווילסט דוקא וועלן מיר דיר ברענגען צום קעניגליכן פאלאץ.

מ׳האט געפירט דעם בחור צום קעניגליכן פאלאץ, מ׳האט איהם אריינגעלאזט צום קעניג וואס איז געלעגן אין בעט באדעקט מיט קרעץ פון קאפ ביז צום פיס. דער בחור פאלט צו די פיס פון דעם קעניג און זאגט, פרידן זאל זיין מיט דעם קעניג! דער קעניג רעדט צו איהם מיט גרויס צער און פרעגט איהם אויב ער קען איהם ארויס העלפען פון זיינע קרעץ? נאכדעם וואס אלע דאקטוירים האבן דאס נישט געקענט טאן? זאגט דער בחור אז מיט דעם באשעפערס הילף האפט ער צו היילן דעם קעניג און וועט פריוון דאס צו טאן.

דער בחור האט ארויס גענומען אן עפל פון די נישט גוטע עפל, ער האט אראפ געשניטן א שטיקל פון דעם, ארויף געלייגט אביסל האניג אויף דעם און דאס געגעבן פאר דעם קעניג צו עסן. ווי נאר דער קעניג האט געגעסן אביסל פון דעם האט זיך זיין קרעץ זיך פארשטארקט, און זיינע שמערצן זענען געווארן גאר שטארק נישט אויס צוהאלטן. אבער דער בחור פארלירט זיך נישט און זאגט פאר דעם קעניג דאס איז א גוטע סימן, אז אזוי ווי די קרעץ האט זיך פארשטארקט אזוי וועט דאס באלד אויך אוועק גיין. דער בחור האט שנעל גענומען א צווייטע עפל פון די גוטע עפל, ארויף געלייגט אויף דעם אביסל האניג, און געגעבן פאר דעם קעניג צום עסן, ווי נאר דער קעניג האט גענומען איין ביס פון דעם עפל, האט ער געשפירט ווי זיינע שמערצן זענען אוועק ממש אין עטליכע סעקונדעס, און וואונדער איבער וואונדער ער געט א קוק אויף זיין קערפער און זעהט ווי די אלע קרעץ זענען פארשוואונדן געווארן און עס איז נישט דא קיין זכר פון זיי, און זיין לייב זעהט אויס ווי די לייב פון א קינד. דער קעניג האט זיך זייער געפרייט אזוי אויך אלע מענטשן פון שטאט וואס דער קעניג איז אויסגעהיילט געווארן. און די טרויער פון שטאט איז איבערגעדרייט געווארן לששון ולשמחה.

שפעטער רופט דער קעניג צו דעם בחור אין א זייט און זאגט צו איהם, איך זעה אז דו ביסט גאר א גרויסער דאקטער, בעט פון מיר וואס דו ווילסט און איך וועל דיר דאס געבן עד חצי המלכות בין איך גרייט דיר אוועק צו געבן פאר׳ן אויסהיילן מיר. רופט זיך אן דער בחור און זאגט, הער אויס אדוני המלך, אין דעם קעניג׳ס לאנד איז דא א קליין שטעטיל וואס דארט וואוינען מיינע עלטערן וואס זענען נישט רייך, דעריבער בעט איך פון דעם קעניג אז ער זאל מיר מאכן דער פארוואלטער און גאווערנער פון דער שטאט, אזוי וועל איך קענען שפייזן מיינע עלטערן מיט גרויס כבוד.

דער קעניג האט גלייך געלאזט שיקן די עדוואקאטן, און מ׳האט איבער געשריבן אז דער שטאט גייט יעצט אינטער די הענט פון דעם בחור, און ער וועט פון יעצט און ווייטער זיין דער שר ומושל אויף יענע שטאט. דער קעניג האט אראפ גענומען זיין רינגל און דאס געגעבן פאר איהם, אזוי אויך האט דער קעניג אנגעטאן א גאלדענע האלדז-באנד אויף זיין האלדז, און איהם געשיקט צו זין שטאט מיט 400 רייטערס וואס זאלן איהם באגלייטן ביז זיין שטאט, צוזאמען מיט גאלד און זילבער ער זאל קענען שפייזן דעם שטאט. אזוי אויך האט דער קעניג געלאזט וויסן מיט א שנעלער שליח צו דער שטאט, אז עס קומט צו גיין א נייער מושל אין דער שטאט און אלע זאלן איהם זייער שיין אויפנעמען און מאכן פאר איהם א שיינער קבלת פנים.

ווי די מענטשן פון שטאט האבן געהערט אז עס קומט צו גיין א נייער מושל, זענען זיי אלע ארויס איהם מקבל פנים זיין, אזוי אויך האבן די אידן געשיקט די הויפט פון זייער געמיינדע מקבל פנים זיים דעם נייעם שר. מיט ברענגען מיט זיך א שיינע מתנה פאר דעם שר.

ווי דער שר איז אנגעקומען אין שטאט, איז דער משלחת פון די אידן איהם געגאנגען מקבל פנים זיין מיט דעם שיינעם מתנה, זיי האבן איהם נישט דערקענט, ווייל ער איז יעצט געגאנגען אנגעטאן אין טייערע שיינע קעניגליכע קליידער. די אידן האבן זיך געבוקט צו איהם און איהם איבער געגעבן די מתנה און איהם געבענטשט אז ער זאל פירן דעם שטאט מיט גרויס גנאדע און דער באשעפער זאל כסדר זיין מיט איהם. דער שר קוקט אויף די משלחת פון די אידן און באמערקט זיין פאטער צווישן די מענטשן, רופט ער זיך אן צו די ראשי

הקהילה און זאגט, די מתנה זאלט איר געבן צו דעם מענטש דארט און ווייזט מיט דעם פינגער אויף זיין פאטער. און זאגט "איך זעה אז דער מענטש איז זייער ארעם דעריבער איז שיין צו געבן פאר איהם די מתנה". נאך א זאך וויל איך פון אייך אידן זאגט דער שר, ווען עס וועט פארקומען א חתונה ביי אייך אין שטאט זאלט איר מיר רופן, ווייל איך וואלט זייער שטארק געוואלט זעהן ווי אזוי עס גייט צו די צערעמאניע פון א אידישע חתונה. דא רופט זיך אן דער ראש הקהל און זאגט: אדוני השר! איך מאך חתונה מיין טאכטער די קומענדיגע וואך, און עס וואלט געווען א גרויס כבוד פאר מיר אז דער שר וואלט געקענט זיך באטייליגן אין די חתונה.

אזוי איז געווען דער גרויסער גביר וואס מיר קענען שוין וואס איז אויך געווען דער ראש הקהל האט זיך געגרייט צו די חתונה פון זיין טאכטער מיט זיין פלומעניק, אלעס איז שוין געווען גרייט צו די חופה, מ'האט צוגעגרייט א שיינעם ארט פאר דעם שר וואס דארף קומען צו די חופה. דער שר איז אנגעקומען אין זיין קעניגליכע קארעטע און מ'האט איהם געזעצט אויף זיין בכבוד'יגן ארט נעבן די חופה. ווי די חתן כלה זענען שוין געווען אינטער די חופה, בעפאר דער חתן האט מקדש געווען די כלה, האט זיך דער שר אויפגעשטעלט און האט זיך אנגערופן און געזאגט "ווארט אביחל ווייל איך וויל רעדן עטליכע ווערטער צו אייך". אלע שטייען אויף און ווילן הערן די ווערטער פון דעם שר. דער שר הייבט אויף זיין קול און רופט זיך אן "די כלה וואס שטייט דא איז באמת מיין באשערטע כלה! איך בין איר קאזינע איר מוטער'ס ברודערס זוהן, וואס איז אוועק געפארן מיט 200 גאלדענע רענדלעך צו זוכן גוטע סחורה, יעצט קענט איר אליין זעהן די גוטע סחורה און צו וואס איך בין צוגעקומען. ער האט זיך גענומען דערציילן די גאנצע מעשה פון די עפל און אלעס וואס ער האט געהאט מיט דעם קעניג ביז דער קעניג האט איהם געמאכט פאר א שר אויף דעם שטאט.

דער חתן וואס איז געשטאנען אינטער די חופה האט איהם גלייך באמערקט און דערקענט, ער האט אראפ געלאזט זיינע אויגן און געזאגט יא! יא! ער איז גערעכט צו איהם געהערט די כלה ווייל ער איז צוגעקומען צו אזא שיינע פאסטען מיט זיין חכמה. דער שר האט גלייך מקדש געווען די כלה, און די גאנצע עולם האט זיך זייער שטארק געפרייט מיט די חתן וכלה. און די מערסטע האבן זיך געפרייט די עלטערן פוןביידע וואס זיי האבן זוכה געווען צו דעם אלעמען. און ווער עס האט נישט געזעהן אזא שמחה אין שטאט האט נאך נישט געזעהן קיין ריכטיגע שמחה אין שטאט.

דער שר איז נישט געבליבן שטיל, און האט גלייך אויפגעזוכט ביי איינע פון די שענסטע גבירים אין שטאט א כלה אויך א מושלמת פאר דעם אנדערן בחור, און זיין חתונה איז אויך געפראוועט געווארן ברוב פאר והדר, און דער שר האט זיך געשפירט ווי דער הויפט מחותן.

## גאווה איז א מיאוסע תאווה

א.

אין די צייטן פון דעם הייליגען בעל-שם-טוב האט אין א געוויסער שטעטל געלעבט א גרויסער גביר. דער גביר איז געווען א גרויסער בעל-צדקה. ווער ס'איז אריין צו אים אין הויז א הונגעריקער איז ארויס א זאטער. מיט א פיינער נדבה דערצו. ווער עס האט זיך גענויטיקט אין א גמילת-חסד האט עס באקומען פונם גביר מיט א פריינטליכן פנים. און אויב האט אימיצער געדארפט האבן פון אים סתם א טובה, האט אים דער גביר דאס גערן געטאן.

נאר איין שוואכקייט האט דער גביר געהאט. ער איז געווען א בארימער. ער האט ליב געהאט זיך צו בארימען מיט די אלע גוטע מעשים טובים וואס ער פלעגט טאן. איז אריינגעקומען צו אים א משולח קלייבן געלט פאר א ישיבה, פלעגט ער אים געבן א שיינע נדבה, אבער דערביי פלעגט ער זיך בארימען, אז ער האט מיט א פאר טעג פריער געגעבן א משולח אזא נדבה

פאר אן אנדער ישיבה. אבער ער גיט מיטן פולן הארצן. פלעגט אריינקומען אן ארעמער קרעמער בעטן א גמילת-חסד, פלעגט ער א צופרידענער א זאג געבן "דאס איז שוין היינט די דריטע מצוה וואס דער אויבערשטער האט מיר צוגעשטעלט", אדער ענלעכע ווערטער. אט אזא תאווה האט ער געהאט צו גאווה. און האט אפילו נישט געפילט, ווי מיאוס און נישט שיין דאס איז.

אין א געוויסן טאג איז צום גביר אריינגעקומען א איד א דורכפארער. ער האט דעם גביר געזאגט, אז ער קלייבט געלט פאר אן ענין פון "פדיון שבויים", אויסצולייזן אן ארעמען קרעטשמער, וועמען דער פריץ האט אריינגעזעצט אין תפיסה, ווייל ער האט די ארענדע נישט געקענט באצאלן. דער גביר האט אים געגעבן א שיינע נדבה, און דערביי אים געזאגט, ווי געשמאק ס'איז פאר אים צו געבן אויף צדקה און גמילות-חסדים, און אז קיינער גייט נישט ארויס פון זיין הויז מיט ליידיגע הענט, און אז ער האט שוין יענעם טאג געטאן די און יענע גוטע זאכן, און אזוי ווייטער, ווי זיין שטייגער איז געווען.

דער משולח האט בא אים גענומען די נדבה און ער האט צוגעוואונטשן, אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן אויך ווייטער צו טאן צדקה און מעשים-טובים מיט א ברייטער האנט.

דער משולח איז געווען פון די פארבארגענע מענטשן פון די צדיקים נסתרים פון דעם בעל-שם-טוב, דורך וועלכע דער בעש"ט פלעגט דורכפירן פארשידענע ענינים שטילערהייט, אז קיינער זאל נישט וויסן דערפון, ווען ער האט זיך צוריקגעקערט צום בעל-שם-טוב און האט אויפן טיש אוועקגעלייגט די געלט וואס ער האט אנגעזאמלט, האט ער אין א באזונדער טיכל אויך אוועקגעלייגט דעם גביר'ס נדבה, וועלכע איז טאקע געווען די גרעסטע וואס ער האט פון אימיצן באקומען.

דער בעש"ט האט געווארפן א בליק אויף דאס טיכל מיטן געלט און האט זיך פארטראכט, דאן האט ער א זאג געטאן: "עס טראגט זיך עפעס נישט קיין געשמאקער ריח פון די געלט", און האט געפרעגט דעם משולח פון וועמען ער האט דאס באקומען, דער משולח האט דעם בעש"ט שדערציילט, אז ער האט דאס באקומען פון יענעם גביר.

"ס'איז א רחמנות אויף א אידן", האט דער בעש"ט ווייטער געזאגט, "אין הימל איז געווארן א קיטרוג צוליב דאס וואס זיין עשירות האט אים אריינגעבראכט אין גאווה, און מ'וויל בא אים צונעמען זיין גאנצע עשירות, סיידן ער וועט תשובה טאן. מ'דארף אים העלפן."

דאן האט דער בעש"ט געזאגט זיין משולח, אז ער זאל צוריקפארן צו יענעם גביר און זאל נישט פארלאזן זיין הויז, ביז ער וועט ווערן אויסגעהיילט פון זיין מיאוסער תאווה צו גאווה. "אז ער וועט זיך נעמען בארימען מיט זיין עשירות, זאלסטו אים איבערשלאגן די רייד און זאגן, אז מ'וועט נאך שמועסן..." האט אים דער בעש"ט אנגעזאגט, "און אזוי כסדר, ביז ער וועט אויפהערן זיך צו בארימען."

ב.

דער משולח איז געקומען צום גביר, און דער גביר האט אים ווידער פריינטלעך אויפגענומען, און געפרעגט, אויב עס פלעט אים נאך אויס געלט צו דער נוטיקער סומע פאר דעם ענין פון "פדיון שבויים", דער משולח האט אים געענטפערט, אז ער איז דאס מאל נישט געקומען בעטן געלט, נאר וואלט וועלן אויסרוען זיך אביסל פון וועג.

"וועל איך דאך קענען פראווען די מצוה פון הכנסת אורחים!" האט זיך דער גביר דערפרייט, און האט אנגעהויבן דערציילן ווי גערן ער האט די דאזיקע מצווה... דער משולח האט זיין ווערטער איבערגעשלאגן, און געזאגט, אז איצט איז ער מיד פון וועג, און מ'וועט נאך שמועסן וועגן דעם.

ווען זיי האבן זיך געזעצט צום טיש עסן, האט דער גביר גענומען דערציילן, ווי דער אויבערשטער האט אים מצליח געווען, און אז ער פירט גרויסע געשעפטן און אונטערנעמונגען פאר דער מלוכה, אז ער האט וועלדער, פעלדער, מילן און מיאנטקעס...

ווידער האט אים דער משולח איבערגעשלאגן די רייד: "מ'וועט נאך שמועסן"...

אין אוונט צו וועטשערע, האט זיך דער גביר ווידער נישט געקענט איינהאלטן, און האט צו זיין גאסט געזאגט: "אלע טאג זאגן מיר אין דאוונען - והעושר והכבוד מלפניך – עשירות און כבוד איז ביים אויבערשטן אין די הענט. אוודאי אזוי, אוודאי, אבער עס פאלט מיר איין א געדאנק, קען דאן אמאל זיין די מציאות, אז איך זאל מיטאמאל פארלירן מיין 'גאנצע' עשירות און כבוד? טאמער חלילה ברענט אפ א וואלד, אדער א מיל, האב איך דאך נאך וועלדער און מילן און מיאנטקעס, און"...

דער משולח האט אים ווידער איבערגעשלאגן: "מ'וועט נאך שמועסן...איצט בין איך מיד, מ'דארף גיין שלאפן."

דער גביר האט דעם אורח געגעבן א פיינעם צימער, און איז אליין אוועק צו זיך אין שלאפצימער און האט זיך געלייגט שלאפן.

ג.

אינם שלאף חלומ'ט זיך דעם גביר, אז ער הערט א קלאפ אין טיר. ער איז אראפ פון בעט און האט אויפגעעפנט די טיר, און האט דערזען פאר זיך דעם גוברנאטאר מיט א גאנצער סוויטע באגלייטער. זיי זענען פארבייגעפארן זיין הויז, האט אים דער גוברנאטאר געזאגט, און ער האט באשלאסן מאכן בא אים א באזוך און דערווארעמען זיך מיט א גלאז טיי. אגב האט ער מיט אים צו ריידן וועגן א וויכטיגע געשעפטלעכע ענין.

דער גביר האט גערן אויפגענומען די חשוב'ע געסט, און האט דעם גוברנאטאר אליין דערלאנגט א גלאז טיי. דער גוברנאטאר האט אבער נישט באוויזן אויסצוטרינקען דאס גאנצע גלאז טיי, ווען ער איז פלוצלונג געפאלן א טויטער.

"דו האסט פאר'סמ'ט דעם גוברנאטאר!" האבן די באגלייטער אויסגערופן מיט א גרויס צארן.

געשמידט אין קייטן האט מען דעם גביר אוועקגעפירט, און מ'האט אים געשטעלט צו א געריכט. דער געריכט האט אים געפונען שולדיק אין מארד און האט אים פאר'משפט צם טויט דורך הענגען.

און אט שטייט ער שוין בא דער תלי', און דער תלין איז גרייט דורכצופירן דעם טויט אורטייל. פלוצלונג אזי אויסגעבראכן א ערד-ציטערניש. די הייזער ארום האבן זיך גענומען וואקלען, פלאמען האבן ארומגעכאפט די הייזער ארום. עס איז געווארן א פאניקע, מענטשן האבן גנעומען שרייען און לויפן. אין דעם טומל האט מען פארגעסן וועגן דער תלי', און דער גביר האט זיך אויסגעמישט מיט'ן המון און איז ענדלעך אנטלאפן וואו די פיס האבן אים געטראגן.

ווי לאנג ער איז געלאפן האט דער גביר נישט געוואוסט, אבער ענלדעך איז ער אנגעקומען אין א דארף, דא האט ער באמערקט א שטוב מיט א מזוזה אויף דער טיר, און איז אריינגעקומען אין שטוב.

אין שטוב אזי געווען א אידענע מיט קינדערלעך. דער בעל-הבית איז נישט געווען אינדערהיים. די אידענע האט דעם אויסגעמאטערטן אורח געגעבן עפעס איבערצובייסן, און דערביי זיך גענומען פאנאנדערפרעגן, ווער ער איז און פון וואנעט ער קומט. דער גביר האט מורא געהאט צו זאגן ווער ער איז, ער האט געזאגט, אז ער איז א פארבייגייער, א וואנדערער, זוכט צו פארדינען זיין ברויט מיט וואס פאר אן ארבעט עס מאכט זיך, און אפשר וואלט ער אויך דא געקענט געפינען עפעס אן ארבעט צו פרדינען זיין ברויט?

די דארפס-אידענע האט אים גענטעפערט, אז איר מאן פארנעמט זיך מיט פירן האלץ אין שטאט. און אז ער דארף טאקע אינגיכן קומען אהיים. מסתם וועט ער זיין צופרידן, אז אימיצער זאל אים צוהעלפן אין דער שווערער ארבעט. דערווייל האט זי געזאגט דעם אורח – דער גביר – ער זאל ארויפקריכן אויפן אויוון אנווארעמען זיך ביז דער מאן וועט קומען.

דער גביר האט טאקע אזוי געטאן. די ווארעמקייט איז זיך צוגאנגען איבער אלע זיינע גלידער, און כאטש דער אויוון איז געווען הארט, האט ער נאך קיינמאל נישט געהאט אזא הנאה פון זיין געלעגער, אפילו ווען ער פלעגט זיך לייגן אין זיינע ווייכע פערענעס און קישנס אין זיין גבירישער היים, ער האט

באלד איינגעדרעמלט.

עס האט לאנג נישט געדויערט ביז דער דארפסמאן איז געקומען אהיים. זיין ווייב האט פאר אים צוגעגרייט דעם טיש צום עסן, און דערביי האט זי דעם מאן דערציילט, אז עפעס א בעטלער איז געקומען מיט א פאר שעה צוריק און זי האט אים געגעבן עסן און האט אים געהייסן גיין שלאפן אויפן אויוון. "ער וואלט וועלן דיר ארויסהעלפן אין דיין ארבעט און פארדינען זיין ברויט" האט זי צוגעגעבן.

דער גביר האט זיך דערוויילע אויפגעכאפט און האט זיך צוגעהערט צום שמועס.

"הער זיך צו א מעשה נורא", האט דער דארפסמאן גענומען דערציילן זיין ווייב. "עס טומלט זיך אין שטאט מיט דעם גביר וואס איז אנטלאפן פון דער תלי'. ספעציעלע פאליצאנטן מיט הונט זענען אנגעקומען פון דער גובערנאטאר-שטאט און מ'האט אויסגערופן אין אלע גאסן, אז ווער עס וועט ברענגען א ידיעה וועגן דעם אנטלאפענעם פארברעכער, וועט באקומען א גרויסע באלוינונג פון דער מלוכה. מ'האט אויך געוויזן אן אנגעצייכטן בילד ווי דער פארברעכער זעט אויס. ווען איך קען פאקן דעם חברה-מאן, וואלטן מיר שוין געווען באזארגט מיט פרנסה כיד המלך ביז הונדערט און צוואנציק יאר"!

דער גביר איז פארציטערט געווארן. דא איז ער א פארפאלענער. ער מוז וואס שנעלער אנטלויפן פון דאנעט. ער האט זיך קוים דערווארט, ביז דער דארפסמאן און זיין ווייב זענען אוועק שלאפן. אין מיטן דער נאכט, איז ער שטילערהייט אראפגעקראכן פון אויוון און האט זיך ארויסגעשארט פון שטוב.

ער האט ווידער גענומען לויפן וואו די פיס האבן אים געטראגן. ער איז געלאפן און איז געפאלן, און ווידער געלאפן, אן עס האט זיך אים שטענדיק געדוכט, אז מ'לויפט אים נאך, און אט, אט כאפט מען אים און מ'פירט אים ווידער צו דער תלי'... א פארצווייפלטער לויפט ער מיט די לעצטע כוחות, עס נעמט גיסן א שלאקס-רעגן און ער ווערט דורכגעווייקט, און עס ווארפט אים אין קעלט און אין היץ. פלוצלונג דערזעט ער פאר זיך דעם משולח און ער פאלט צו אים צו און בעט זיך רחמים: "ראטעוועט מיך"...

ד.

דער גביר האט זיך אויפגעכאפט פון זיין בייזן חלום, באגאסן מיט א קאלטן שווייס. א ווייל איז ער געבליבן ליגן אין בעט און האט דורכגעלעבט דעם בייזן חלום מיט א שוידער. עס האט שוין גענומען טאגן. ער איז אראפ פון בעט, געוואשן נעגל-וואסער, האט זיך אנגעטאן, און איז ארויס אין גאסט-צימער. דארט האט ער שוין געפונען דעם משולח, וועלכער איז ארומגעגאנגען און האט אונטערגעזונגען "לבד הנשמה הטהורה.." צוגרייטנדיק זיך צום דאווענען.

דערזעענדיק דעם גביר, האט צו אים דער משולח געזאגט: "און איצט, אויב איר ווילט, קען מען שמועסן"...

"מה נאמר ומה נדבר, איך האב שוין געהאט איינמאל א שמועס!" האט אים דער גביר געענטפערט, און האט אים דערציילט זיין חלום מיט אלע זיינע שוידערלעך פרטים, און טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע אויגן.

איצט האט אים דער משולח ענדלעך דערציילט זיין שליחות:

"זיי וויסן, אז דער בעל-שם-טוב הקדוש האט מיך געשיקט אהער צו העלפן דיר ווערן א בעל-תשובה. דאס וואס מ'האט דיר באוויזן אין חלום, האט דאך געקענט פאסירן גענוי אזוי אין דער ווירקלעכקייט. איצט פארשטייסטו שוין דעם פשט פון "והעושר והכבוד מלפניך", אלץ איז דאך א מתנה פון דעם אויבערשטן, איז מיט וואס קען זיך א מענטש בארימען"?

ס'איז איבעריק צו זאגן, אז דער גביר איז פון דאן אן פולשטענדיק אויסגעהיילט געווארן פון זיין בארימערײ-קרענק. ער האט ווייטער געטאן, און נאך מער, צדקה און מעשים טובים, אבער קיין איין ווארט פון בארימעריי איז נישט אריבער זיינע ליפן, און איז אים אפילו אין געדאנק נישט איינגעפאלן, ער האט געטאן אלע גוטע זאכן מיט דער גרעסטער עניוות און האט זיך ספעציעל אפגעגעבן מיט צדקה בסתר.

---

# דער קדוש פון מעץ

מעץ איז אן אלטע שטאט אין דער פראווינץ פון לאטרינגען אין פראנקרייך. אידן האבן זיך באזעצט אין דער שטאט מיט איבער א טויזנט יאר צוריק. אלע דאקומענטן זאגן עדות, אז אידן האבן געלעבט אין מעץ אין 9טן יארהונדערט.

גרויסע רבנים-גאונים האבן פארנומען דעם כסא-הרבנות אין דער דאזיגער שטאט. צווישן די בארימסטע פון זיי זענען געווען: רבי יונה תאומים פראנקעל, רבי יעקב יהושע פאלק דער מחבר פון "פני יהושע", רבי יהונתן אייבשיץ, און רבי ארי' לייב דער "שאגת אריה."

די געשיכטע פון די אידן אין מעץ איז אין פיל הינזיכטן ענלעך צו דער געשיכטע פון אנדערע אידישע קהילות אין אייראפע אין מיטל-אלטער. עס האבן נישט אויסגעפעלט גזירות און רדיפות, און אמאל אויך א גירוש, ווען די אידן זענען אינגאנצן ארויסגעטריבן געווארן. אין דער צייט פון די קרייצטרעגער אין יאר 1096 זענען 22 אידן אומגעקומען אין מעץ על קידוש השם. אין יאר 1322 זענעון א צאל אידן פארברענט געווארן לעבעדיקערהייט דורך א בילבול, אז זיי האבן פאר'סמ'ט די ברונימער און געבראכט א מגיפה אויף די קריסטן. א שרעקלעכער בלוט-בילבול איז פארגעקומען אין מעץ אין יאר ה'ת"ל (1670 למס'), און מיר ברענגען דא די געשיכטע פון דער דאזיקער טרויעריקער פאסירונג.

א.

אין א דארף, באלבען, נישט ווייט פון דער שטאט מעץ, האט געוואוינט א פרומער איד, רפאל הלוי. אלע וועלכע האבן אים געקענט, סיי אידן און סיי, להבדיל, גויים, האבן אים געאכטעט, ער איז געווען באקאנט אלס א שטילער, פריינטלעכער מענטש, וואס האט אלעמען באהאנדלט מיט ערליכקייט און כבוד.

רפאל הלוי פלעגט אפט רייטן אויף זיין פערד אין שטאט אריין איינצוקויפן זיך פארשידענע נויטווענדיקייטן פאר זיין הויזגעזונט און פאר דעם גוט וואס ער האט פארוואלטעט.

איינמאל, בשעת ער האט געריטן אויף זיין פערד, האט ער אויפן וועג באגעגנט אן אומבאקאנטן רייטער, ער האט אים פריינטלעך באגריסט און האט ווייטער געריטן.

עס האט זיך געמאכט, אז מיט א טאג פריער איז פלוצלונג פארשוואונדן געווארן א יונג קריסטלעך מיידל. די טאכטער פון א פויער אין א דערבייאיקן דארף. ווען דאס מיידל איז יענע נאכט נישט געקומען אהיים שלאפן, זעאנען אירע עלטערן געווארן אומרואיק. איר פאטער איז גאנץ פרי ארויסגעפארן קיין מעץ, צו זוכן זיין טאכטער און מעלדן וועגן איר פארשווינדן. אויפן וועג האט ער באגעגנט דעם זעלבן רייטער, וואס רפאל הלוי האט פריער באגעגנט. ער האט דעם אומבאקאנטן רייטער געפרעגט די זעלבע פראגע וואס ער האט געפרעגט יעדן איינעם וואס ער האט באגעגנט אויפן וועג, צי ער האט נישט אמאל געזען א יונג מיידל, זיין פארשוואונדענע טאכטער?

דער רייטער האט מסתם געוואלט א שפיל טאן זיך מיט דעם באזארגטן פויער, אדער ער האט געוואלט פשוט מאכן א בילבול אויף די אידן, האט ער געענטפערט דעם פויער, אז ער האט פריער טאקע באגעגנט א אידן אויף א גרויען, געפלעקטן

פערד, וואס האט געפירט א קליין מיידל מיט זיך. אהא! האט ער צוגעגעבן, "איצט פארשטיי איך שוין, פארוואס ער האט אויסזגעזען פארדעכטיק... ווער ווייס וואס ער האט געהאט אין זינען צו טאן מיט דיין טאכטערל..." אפגעזאגט דעם פזמון, האט דער רייטער געגעבן א יאג זיין פערד און האט אוועקגעריטן מיט א גאלאפ.

דער פויער איז פארציטערט געווארן פון דעם וואס ער האט געהערט, אין קאפ זענען אים איינגעפאלן פארשידענע שרעקלעכע געדאנקען, דערמאנענדיק זיך, אז אלע יאר פאר פסח פלעגט ער הערן פון זיין גלח, אז אידן נוצן קריסטלעך בלוט אין מצות און אין וויין, און אז דעריבער דארפן די קריסטן היטן זייערע קינדער... גראדע איז איצט די צייט געווען נישט זייער לאנג צו פסח...

א צושראקענער און פארצווייפלטער איז דער פויער געקומען צולויפן אין דער פאליציי פון מעץ און האט די באאמטע דערציילט וועגן זיין פארשוואונדענער טאכטער, ווי אויך דאס וואס ער האט געהערט פון דעם אומבאקאנטן רייטער אויפן וועג.

ב.

דער שעף פון דער פאליציי האט גענומען די אויספארשונג אין זיינע אייגענע הענט. ער האט פאנאנדערגעפרעגט דעם פויער און אנדערע פויערים וועגן דעם אידן מיט דעם גרויען געפלעקטן פערד. און די אויספאראשונג האט געפירט צום פארדאכט, אז דער איד רפאל הלוי פון באלבען זאל זיין דער וואס האט פארשלעפט דאס פארשוואונדענע קריסטלעך מיידל.

איצט האט דער פאליציי-שעף געדארפט בלויז ארעסטירן דעם אידן און צווינגען אים צו מודה-זיין זיך אין דעם פארברעכן. אבער דאס איז נישט געווען אזא לייכטע זאך. די שטאט מעץ האט באלאנגט צום קעניג לואי דעם 14טן פון פראנקרייך, אבער דער דארף באלבען האט באלאנגט צום פירשטנטום פון לאטרינגען. כדי צו באוועגן דעם פירשט פון לאטרינגען ארויסצוליפערן דעם אידן רפאל הלוי צו די הערשער אין מעץ, וואלט מען זיך פריער געדארפט ווענדן צום קעניג לואי פון פראנקרייך, און דאס איז געווען פארבונדן מיט א קאמפליצירטער און לאנגדויערנדער דיפלאמטישער פראצעדורע, און דערווייליע וואלט זיך דער פארדעכטיקער אפשר ארויסגעדרייט.

דעריבער האבן זיך די הויפט שטאט-באאמטע פון מעץ, צוזאמען מיט די פירער פון דער קירך, באראטן ווי אזוי דורכצופירן דעם בילבול אן דעם קעניג'ס אינטערווענץ, און זיי זענען איינגעפאלן אויף א פלאן, היות ווי דער איד רפאל הלוי ווערט באשולדיקט, אז ער האט געבראכט דאס מיידל אין מעץ, במילא פאלט דער חשד אויך אויף די פירער פון דער אידישער קהילה אין מעץ, אז זיי זענען פארמישט אין דעם מארד צוליב רעליגיעזע צוועקן. דעריבער איז די פליכט פון די אידישע פירער פון מעץ איבערצורעדן דעם אידן רפאל הלוי ער זאל זיך פרייוויליק איבערגעגבן אין די הענט פון דער מעצער פאליציי, כדי צו שטעלן זיך פאר דעם געריכט. אויב ער קען באווייזן זיין אומשולד, וועט דאס זיין גוט פאר אלעמען, אויב אבער די אידישע פירער וועלן זיך אנטזאגן מיטצוהעלפען און ברענגען דעם באשולדיקטן פארן געריכט, וועט דאס זיין דער בעסטער באווייז, אז זיי זענען אויך פארמישט אין דעם מארד.

פארשטייט זיך אז די אידישע פירער זענען געווען איבערצייגט אין דער אומשולד פון רפאל הלוי. זיי האבן גוט געוואוסט, אז דער גאנצער ענין איז א ווילדער בילבול. און אז זיין אומשולד וועט זיכער ארויפשווימען אויף דער אויבערפלאך. זיי האבן דעריבער צוגערעדט רפאל'ן איבערצוגעבן זיך צום געריכט אין מעץ, וואו ער וועט זיך קענען ריינוואשן פון דער באשולדיקונג און אזוי ארום אויך ראטעווען די גאנצע קהילה פון א צרה.

רפאל הלוי האט נישט געהאט קיין צוטרוי צו דער קריסטלעכער "גערעכטיקייט", ער האט געוואוסט, אז אויב ער גיט זיך איבער צו דער מאכט אין מעץ, שטעלט ער זיין לעבן אין א גרויסער סכנה. אבער פון דער אנדער זייט האט ער געהאלטן פאר זיין פליכט איינצושטעלן זיין לעבן כדי צו ראטעווען זיינע אידישע ברידער אין מעץ. ער האט דעריבער באשלאסן, אז ער וועט זיך איבערגעבן צו דער מאכט, און זאל דער אויבערשטער פירן ווי בא אים קומט אויס.

רפאל הלוי איז געקומען אין מעץ און האט זיך איבערגעגעבן צו דער מאכט, מ׳האט אים תיכף געשמידט אין קייטן און אריינגעווארפן אין תפיסה.

טעג און וואכן לאנג האט רפאל הלוי געשמאכט אין דער תפיסה. פון צייט צו צייט האט מען אים גענומען אויף א פארהער, און מ׳האט פון אים געפאדערט ער זאל זיך מודה זיין אז ער האט דערמארדעט דאס קריסטלעך מיידל, כדי צו באנוצן איר בלוט פאר מצה און וויין אויף פסח. רפאל הלוי האט פארשטייט זיך אפגעווארפן אלע באשולדיקונגען, און האט זיך אנטזאגט צו מודה זיין זיך אין אזא ארויסגעטראכטן בילבול. מ׳האט אים געפייניגט מיט אלערליי יסורים, אבער ער האט זיך בשום אופן נישט מודה געוועז.

במשך פון דער גאנצער צייט וואס רפאל הלוי האט געשמאכט אין תפיסה האבן די פירער פון דער קהילה פון מעץ זיך באמיט אויף אלע וועגן צו באפרייען זייער אומשולדיקן ברודער, אבער אלע זייערע באמיאונגען זענען געווען אומזוסט.

ג.

אין דער צייט ווען די ״אויספארשונג״ איבער רפאל הלוי׳ן איז אנגעגאנגען אין מעץ, האט זיך דער אמת׳ע מערדער פון דעם פויער׳ס טאכטער פריי ארומגעדרייט אין א דערבייאיקן דארף. ער איז געווען א שיכור, און ער האט זיך אפט געקריגט מיט אנדערע גויים. זיין נאמען איז געווען דזשאן און מ׳האט איהם גערופן ״דער רויטער״ זשאן, צוליב זיין רויטער בארד. דער יונגער פויער האט אויך אלעמען אנגעווארפן אן שרעק, ווייל ער איז כמעט שטענדיק געווען שיכור, און ער האט געקענט צעשלאגן און ממית׳ן יעדן איינעם וואס האט זיך געפונען נעבן אים. איינמאל, שיכור׳ערהייט האט ער זיך בארימט פאר א דארפישן לערער אז ער האט דערמארדעט דאס מיידל, כדי צו נקמה נעמען פון איר פאטער.

דער לערער האט וועגן דעם דערציילט דעם עלצטן פון דארף, און יענער האט איבערגעגעבן דאס צו די מאגיסטראטן אין מעץ. אבער די ריכטער האבן דאך נישט געזוכט דעם אמת, נאר זיי האבן נישט געוואלט דורכלאזן אזאר געלעגנהייט צו ״באווייזן״, אז אידן באנוצן זיך מיט קריסטלעך בלוט פאר רעליגיעזע צוועקן, און פאראיינס פטור צו ווערן פון דער אידישער קהילה אין מעץ. די אויספארשער האבן ווייטער פארגעזעצט זייערע פארהערן און פייניקונגען. עס האבן זיך ארויס געשפראצט ״עדות״ וועלכע האבן עדות געזאגט, אז זיי האבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען ווי דער רפאל הלוי שלעפט מיט געוואלד א קריסטלעך מיידל אין דער געטא פון מעץ. רפאל הלוי׳ס לאגע איז געווארן ערגער פון טאג צו טאג.

אין א געוויסן טאג האט מען ארויסגעשלעפט דעם קערפער פון דעם ״רויטן זשאן״ פון טייך, עס איז געווען קלאר, אז ער איז דערמארדעט געווארן. צעשטאכן אויף טויט. די פאליציי איז באלד דערגאנגען, ארז דער מערדער איז נישט קיין אנדערע ווי דער פאטער פונם פארשוואונדענעם מיידל. ער האט זיך אויך תיכף מודה געווען, אז דאס האט ער דערשטאכן דעם ״רויטן דזשאן״ דערפאר וואס ער האט דערמארדעט זיין טאכטער.

איצט האט שוין קיין צווייפל נישט געקענט זיין, אז רפאל הלוי איז אינגאנצן אומשולדיק, אבער, ווי געזאגט, די ריכטער און די גלחים האבן דאך נישט געזוכט דעם אמת׳ן שולדיקן, נאר האבן געוואלט ״באווייזן״ רפאל הלוי׳ס שולד. די ארטיקע קריסטליכע סוחרים האבן אויך געזוכט אפצולעקן א ביינדל דערפון, ווייל זיי וועלן פטור ווערן פון די אידישע סוחרים, זייערע קאנקורענטן. עס האבן זיך שוין באוויזן מענטשן אין די גאסן, וועלכע האבן געהעצט די קריסטן צו מאכן א פאגראם אויף די אידישע ״מערדערס״ און ״בלוטזויגערס״, די אידן אין מעץ האבן זיך געפונען אין ערנסטער געפאר.

ד.

ענדלעך איז געקומען דער טאג וואס איז באשטימט געווארן פאר דעם משפט פון דעם באשולדיקטן אידן, רפאל הלוי. קיינער האט נישט געצווייפלט, וואס דער אורטייל וועט זיין, כאטש דער באשולדיקטער האט זיך מיט אייןווארט נישט מודה געווען אין דעם פארברעכן. אבער די ״באווייזן״ זענען געווען גאנץ גוטע פאר די ריכטערס. דורכגעדרונגען מיט אידן-

האס. און מיט רציחה און רויב, האבן די ריכטער געפונען דעם באשולדיקטן שולדיק אין דער מארד, און זיי האבן אים פארמשפט בארברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט, און זיין גאנצן פארמעגן זאל אריבערגיין צו דער קירך.

צוזאמען דערמיט, האבן זיי אויך ארויסגעטראגן אן אורטייל איבער די אידן אין מעץ, די "שותפים" אין דעם פארברעכן. דער אורטייל איז געווען, אז זיי מוזן אלע ארויסגעטריבן ווערן פון דער שטאט און פארלירן זייער פארמעגן.

די אידן פון מעץ זענען געווען דערשיטערט פון דעם פאלשן און מערדלעכן אורטייל קעגן רפאל הלוי'ן און קעגן זיי, וואס איז אויך געווען א פאלשער אורטייל קעגן דעם גאנצן אידישן פאלק. דער נידערטרעכטיקער און אומפארשעמטער בלוט-בילבול אין מעץ איז טאקע נישט געווען דער ערשטער און נישט דער לעצטער, אבער די אידן פון מעץ האבן דערביי וויניק וואס געקענט טאן. די דעלעגאציע וואס זיי האבן געשיקט צום קעניג לואי דעם פערצנטן האט נישט געקענט פועל'ן בא דעם "ליבארלן" קעניג מבטל צו מאכן אזא שרעקליכע אומגערעכטיקייט קעגן די אידן. ער האט בלויז אפגעשטעלט דעם גירוש פון די אידן פון מעץ און פארביטן דעם אורטייל אויף א גרויסער סומע געלט-שטראף און פארגרעסערטע שטייערן. דער אורטייל קעגן רפאל הלוי איז געבליבן נישט געענדערט.

איינגעוויקלט אין טלית און תפילין איז רפאל הלוי געגאנגען צום שייטערהויפן. די ווילדע, העסלעכע אויסרופן פון דעם קריסטללכן המון, וואס האט זיך פארזאמלט צוצוקוקן זיך, ווי דער איד ווערט פארברענט, האבן אויף רפאל הלוי'ן נישט געמאכט קיין איינדרוק. ער איז געגאנגען מיט שטאלץ, מיט א געהויבענעם קאפ, און אין הארצן האט ער געדאנקט דעם אויבערשטן וואס ער האט אים געגעבן כוח אויסצוהאלטן אלע יסורים און נישט מודה זיין זיך אין דעם גרויזאמען בילבול, און אויך נישט אריינציען אין דעם אנדערע אומשולדיקע אידן.

און בשעת די פלאמען פייער האבן זיך פאנאנדערגעברענט אונטער אים, האט ער גענומען זאגן אויפן קול די תפילה "עלינו לשבח" א לויב געזאנג צום אויבערשטן, וואס אויך אנדערע קדושים האבן געזונגען גייענדיג אויף קידוש-השם. הי"ד.

## דער הייליגער רוזינער שטעלט משקה פאר איינער וואס איז שוין אויף דעם עולם העליון

אמאהל ווען דער הייליגער רוזינער זצ"ל איז נאך געווען א יונגערמאן, און איז נאך נישט געווען אזוי באוואוסט אויף דער וועלט, האט אין א שטעטיל נעבן רוזין געוואוינט א גביר וואס ער האט זייער שטארק געשטיצט דעם הייליגן רוזינער, כמעט דריי פערטיל פון זיינע הוצאות הפרנסה האט ער געגעבן פון זיין אייגענע קעשענע. און באוואוסט איז דאך אז דער הייליגער רוזינער האט זיך געפירט זייער ברייט, און געפירט א ברייטער רבי'שע הויף ווי ביי א קעניג, דאס האט דעם גביר אפגעקאסט גרויסע געלטער אלע וואך. אבער פון אויסהאלטן אזא גרויסע צדיק קומט אריין די ברכה, איז קיין וואונדער נישט אז דער מענטש איז געווארן רייכער פון טאג צו טאג ממש חוץ לדרך הטבע. דער באשעפער האט אריינגעשיקט א ברכה אין זיין פארמעגן און דאס האט זיך געמערט כסדר. מיט וואס נאר ער האט געהאנדלט האט ער איינגעזעהן די ברכה.

מיט יארן שפעטער ווען דער הייליגער רוזינער האט שוין געוווינט אין סאדוגער האט ער האט זיך געקויפט שיינע גיטער און גאנצע דערפער ביז ער האט האט שוין געהאט כמעט ווי אן אייגענע לאנד.

אין די אלע דערפער וואו ער האט איינגעקויפט פון פריצים האבן געוווינט אידן, וואס האבן געהאט שענקען און קרעטשמעס צוזאמען מיט גאסט-הייזער און געוועלבן וואס פון דעם האבן זיי געצויגן זייערע פרנסה דורכן יאר. אבער ווי דער גביר האט אפגעקויפט די אלע דערפער, - איז אריין א משוגעת אין זיין קאפ - האט ער גלייך ארויס געלאזט א באפעל

אז אלע אידן זאלן זיך ארויס ציען און ליקווידירן זייערע געשעפטן וואס זיי האבן ביז יעצט געפירט.

נארמאל זענען עטליכע פון די חשובס'טע גבירים און בעלי בתים געקומען צום נייעם בעל הבית פון די דערפער אונזערע גביר און איהם געפרעגט וואס פאר א שלעכטץ די אידן האבן איהם געטאן וואס ער וויל זיי אלע פארשיקן פון דארט? און פאר וואס קומט זיי אזא ביטערן עונש? אבער ווי די חכמים זאגן "עשיר יענה עזות" אז א גביר ענטפערט כסדר מיט עזות און חוצפה, האט ער געענטפערט גאר פשוט אז ער טוט ווי ער פארשטייט און קיינער וועט איהם נישט ענדערן זיין מיינונג. עס האט גארנישט געהאלפן דאס בעטן זיך ביי איהם, ער זאל רחמנות האבן אויף די אידן וואס וועלן נישט האבן קיין דאך איבער'ן קאפ און קיין ברויט אריינצונעמען אין מויל אריין. עס זענען געקומען פרויען מיט קינדער צוזאמען מיט זקנים און געוויינט פאר איהם, אבער זיין עקשנות האט מען נישט געקענט ברעכן.

דער נייער אידישער פריץ איז זיך ליידער באגאנגען מיט זיינע אידישע ברידער, ערגער ווי די פריערדיגע נישט אידישע פריצים. די אידן האבן געמאכט אן אסיפה און געקלערט אן עצה ווי אזוי ניצול צו ווערן פון דער שלעכטער גזירה. האט זיך איין אלטער איד אנגערופן און געזאגט ווי עס זעהט אויס מיין איך אז דער אידישער פריץ גלייבט אין צדיקים און איז א חסיד פון א געוויסע רבי. דעריבער דארפן מיר געוואויר ווערן צו וועלכער צדיק ער פארט. די עצה איז אלעמען געפאלן און זיי האבן אויסגעקליבן צוויי מענטשן וועלכע זאלן אריינגיין אין שטאט און געוואויר ווערן צו וועלכן רבי'ן דער פריץ גייט. נאך א קליינע נאכפארשונגען זענען זיי געוואוויר געווארן אז דער גביר איז א רוזינער חסיד און ער איז ביים הייליגן רוזינער א גרויסער חשוב. זיי האבן זיך צוריק געקערט פון שטאט אריין אין דארף און דערציילט צו וועלכן רבי'ן דער פריץ גייט.

זיי האבן נאכאמאל געמאכט אן אסיפה וואס ווייטער צו טאן. ווייל דער הייליגער רוזינער האט שוין יעצט מער נישט געוואוינט אין רוזין נאר אין סאדוגער. און די הוצאות אנצוקומען ביז דארט איז געווען זייער גרויס, נאך דערצו מיט די אלע שוועריקייטן ביז מ'קומט אן אהין. מ'האט געמוזט האבן א פאס פון איין גובערניע צו די צווייטע, פון רוסלאנד קיין סאדוגער. און נישט יעדער איינער האט געקענט באקומען א פאס. און אפילו יא, האט דאס געקענט נעמען חדשים ביז מ'האט באקומען א פאס. נאך מער האבן זיי אפילו נישט געוואוסט אפילו זיי וועלן שוין יא אנקומען צום רוזינער אויב דער צדיק וועט קענען עפעס פויעל'ן ביי דעם איד. ווייל זיי האבן דאך געהערט אז דער גביר איז גאר א גרויסער חשוב ביים רוזינער און ווי עס שטייט "על כל פשעים תכסה אהבה" ווער ווייסט צו דער צדיק וועט וועלן זיך אריינמישן אין דער זאך. האט זיך אן עלטערער איד וואס איז געווען א גרויסער מאמין אין צדיקים זיך אנגערופן און געזאגט, הערט אויס ברידער, איך האב נישט קיין שום ספק אז דער הייליגער רוזינער וועט זייכער זיך אננעמען פאר אונזערס וועגען, און אפילו נישט וועט דער רבי זיכער אונז א עצה געבן וואס צו טאן ווייטער מיט דעם גביר.

די ווערטער פון דעם אלטען איז שטארק אנגענומען געווארן ביי דער אסיפה, מ'האט תיכף ומיד צוזאם געשטעלט די ריכטיגע סומע פון געלט וואס מ'דארף האבן אויף הוצאות הדרך, און מ'האט גלייך איינגעגעבן ביי דער גובערניע פאר די ריכטיגע פעסער וואס מ'דארף האבן, פאר זעקס מענטשן. מיט גרויס וואונדער איז ביז א חודש געווען גרייט די זעקס פעסער פאר די זעקס שלוחים וואס האבן זיך געגרייט אין וועג אריין צו גיין קיין סאדוגער צו הייליגן צדיק. אין דעם אליין האבן זיי שוין געזעהן א חלק פון די ישועה, דעריבער האבן זיי זיך ארויס געלאזט אין וועג מיט א גרויס שמחה אז זיכער וועלן זיי קענען אויס פועל'ן א ישועה ביים צדיק.

ווי זיי זענען אנגעקומען קיין סאדוגער, זענען זיי גלייך אריין צום רבי'ן און אויסגעגאסן זייערע ביטערע הערצער און איהם דערציילט דאס זיי זענען שלוחים פון עטליכע הונדערט פאמיליעס אידן, וועלכע וואוינען אויף דעם שטח וואס דער גביר האט אפגעקויפט שוין אסאך יארן, און זייערע זיידעס האבן שוין דארט געוואוינט און זיך מפרנס געווען, און יעצט קומט דער גביר און וויל זיי אלע ארויסטרייבן פון דארט אן קיין שום משפט, און זיי האבן איהם קיינמאל נישט קיין שלעכטץ געטאן. און וואו וועלן זיי יעצט ווייטער גיין. אויב א אידישער פריץ טרייבט זיי ארויס וועט דאך א גוי'שע פריץ זיי

זיכער נישט אריינעמען! אזוי האבן זיי שטארק זיך צוווינט.

דער רבי האט זיי געטרייסט און ער האט זיי פארזיכערט דאס מען וועט זיי קיין שלעכטס נישט טאן, און זיי וועלן קענען בלייבן אויף זייערע ערטער.

דער רבי האט תיכף ומיד באלד אוועק געשיקט א בריוו צו דעם גביר, היתכן דאס אין דער צייט ווען אידן זענען אזוי געפלאגט און גערודפ'ט און געפייניגט, און השי"ת האט איהם געהאלפן דאס ער האט געקויפט א שטיק לאנד אויף וועלכן ער זאל קענען באזעצען נאך אידן וואס זאלן קענען האבן פרנסה, טוט ער פארקערט פון דעם, און וויל ארויסטרייבן אלע אידן פון דארט. - דער רבי שרייבט ווייטער - ער זאל זיך בארעכענען וואס פאר א שאדן דאס קען ברענגען, און ער טוט מיט דעם פאר זיך אליין א שאדן, און ער זאל וואס שנעלער מבטל זיין זיין גזירה.

ווי דער גביר האט באקומען דעם בריוו פון דעם צדיק, האט ער זיך נישט וויסענדיג געמאכט, און בכלל נישט צוריק געענטפערט אויף דעם בריוו. ווי עס גייט אריבער א צייט וואס מ'האט שוין געווארט פאר א ענטפער פון דעם גביר, און ס'איז נישט אנגעקומען האט דער הייליגער רוזינער נאכאמאל געשריבן א בריוו מיט א שטרענגערע שפראך אז ער זאל וויסן אז מיט דעם טוט ער שטעלען זיך און זיין בני בית אין א גרויס סכנה, און נאך דערצו אז אנדערע פריצים וועלן זיך אנלערנען פון איהם און זיי וועלן אויך ארויסטרייבן די אידן פון זייערע דערפער, וואס דאס קען ברענגען אז טויזנטע אידישע משפחות וועלן נישט האבן קיין פרנסות און ברויט צום עסן. דער רבי פירט אויס אין דעם בריוו אויב ער וועט נישט פאלגען וועט ער צום סוף גרויס חרטה האבן דערפון, אבער ווער ווייסט צו דעמאלט וועט דער רבי איהם שוין קענען נאך העלפען ס'וועט שוין זיין צו שפעט...

דער רייכער פריץ האט באקומען דעם צווייטן בריוו און זיך ווייטער נישט וויסענדיג געמאכט פון דעם און נישט צוריק געענטפערט דעם בריוו.

דער הייליגער צדיק, ווי ער האט געזעהן אז דער גביר מאכט זיך נישט וויסענדיג פון די ביידע בריוון, און דער צדיק האט דאך געוואלט די טובה פון ביידע, סיי פון די אידן און סיי פון דעם גביר, האט ער צום דריטן מאהל געשיקט א בריוו. אבער נישט דורך די פאסט, נאר ער האט געשיקט דעם בריוו מיט א ספעציעלן שליח. און האט געשריבן צום גביר בזה הלשון: אזוי ווי דו פלעגסט קומען צו מיר אסאך מאהל, דארפסט דו וויסן דאס איך ווייס אז דו האסט מיינע ערשטע צוויי בריוו דערהאלטן, און אויב עס דאכט זיך דיר אז איך ווייס נישט, זאג איך דיר דאס איך ווייס, און איך שיק דיר יעצט דעריבער מיט דעם שליח א בריוו, ווייל איך זאל זיכער זיין דאס דער בריוו וועט אריינקומען אין דיין האנט. אבער זאלסט וויסן אז דער שליח איז א שליח בית דין און איך בין דיר מזמין זאלסט קומען תיכף אהער צו א דין תורה האלטען מיט די אלע אידן וועלכע וואוינען אין דיינע דערפער. און אויב דו וועסט נישט תיכף קומען לדין זאלסט דו וויסן מיט וועמען דו האסט צו טאן, דו וועסט נישט קומען מיט גוטען וועסטו אליין בעטן מען זאל דעך אהער פירן, אבער דעמאלט וועט שוין זיין פארפאלן און צו שפעט.

דער שליח איז געקומען צום גביר און ער האט איהם דערלאנגט אין די הענט דעם בריוו, און איבער געגעבן בעל פה און געווארנט אז ער זאל ח"ו נישט ארויף ברענגען אויף זיך דעם צארן פון דעם הייליגן צדיק. אבער ליידער האט מעשה שטן מצליח געווען, און וואס מער דער שליח האט איהם געווארנט, האט דער בעל דבר איהם איינגערעדט אז דאס איז נאר אינטער געשטעלט פון די בעלי בתים די דארפס לייט וועלכע זיצן דארט און וויינען בים רבי'ן, אבער אז ער וועט זיך נישט וויסענדיג מאכן פון דעם וועלן זיי בטל ווערן. און דער רבי וועט זיי פטר'ן מיט גארנישט. מיט אזעלכע ווערטער האט דער בעל דבר איהם שטארק איינגערעדט, ביז ער האט צוריק געענטפערט דעם שליח און געזאגט מיט א חוצפה און מיט גרויס שטאלץ, פאר דיר געזונטערהייט צוריק און זאג דעם רבי'ן אזוי ווי איך מיש מיך נישט אין זיינע געשעפטן, בעט איך איהם דאס ער זאל זיך אין מיינע געשעפטן אויך נישט זיך מישען, און עס זאל איהם נישט אנגיין די גאנצע זאך ווייל אין מיינע דערפער קען איך טאן וואס איך וויל און ווי אזוי איך פארשטיי.

דער שליח איז מיט גרויס עגמת נפש צוריק געפארן קיין סאדוגער, עס האט איהם שטארק באנק געטאן די גאנצע מעשה, ווייל ער אליין - דער שליח - איז אויך אמאל געווען א גוטע חבר פון דעם גביר, ווען דער גביר פלעגט נאך קומען צום רבי'ן מיט יארן צוריק, ער האט געוואוסט אז דער גביר פלעגט אמאהל טוען פיהל טובות פאר אידן. און יעצט האט מעשה שטן מצליח געווען און דער שטן האט איהם אריינגעכאפט אין זיין נעץ. דער שליחו האט געגלייבט אז פון זיין האנדלונג מיט דעם רבי'ן אזוי, קען קיין גוטס נישט ברענגען. אבער וואס קען דער שליח טאן, ער האט דאך איהם געווארנט בכל מיני לשונות אז מיט דעם רבי'ן פאנגט מען זיך נישט אן, און ווי צו פארשטאפטע אויערן האט ער גערעדט צו איהם, דעריבער אויב עפעס וועט געשעהן צו איהם איז ער זיך אליין שולדיג פאר דעם.

דער שליח איז צוריק געקומען צום הייליגען רוזינער צדיק און ער האט איהם דערציילט ווי ער האט גערעדט מיט דעם גביר מיט גוטענס און מיט בייזענס און עס האט גארנישט געהאלפן, און דער גביר האט נאר געענטפערט אז דער רבי זאל זיך נישט מישען אין זיינע געשעפטן, אזוי ווי ער מישט זיך ניטש אין דעם רבי'נס געשעפטן. דער צדיק האט אויף דעם גארנישט געענטפערט נאר געזאגט "נו נו."!!

פלוצלונג איז דער גביר קראנק געווארן און מען האט גערופן א דאקטאר, דער דאקטאר האט געזאגט אז מען מוז נעמען דעם קראנקען גביר קיין ויען, אויב נישט איז ער זייער מסוכן. קיין געלט איז נישט געווען קיין פראגע, מ'האט גלייך באשטעלט צו באקומען די ריכטיגע ערלויבעניש און פאסן צו קענען פארן ביז קיין וויען. מ'האט געשאטען געלט פון אלע זייטען, און געגעבן שוחד צו וועמען עס קען נאר זיין צו באקומען וואס שנעלער די ערלויבענישן און פאסען. אבער ווי די באאמטע זענען געוואויר געווארן וועגן וואס עס טוט זיך דא און ווען וועגען, האבן זיי פארשטאנען אז דא קען מען ארויסצאפען פון דעם גביר געלט וויפיל מ'וויל, דעריבער האבן זיי פארלענגערט און זיך געזוימט מיט געבן די ערלויבענישן, אזוי אז די געלט פון דעם גביר זאל כסדר שטראמען צו זיי וואס מער און מער, און די באאמטע האבן זיך גארנישט געאיילט. וואס מער זיי האבן פארלענגערט און זיך געזוימט האבן זיי פארדינט כסדר מער געלט. אזוי איז אריבער א גאנצע חודש און דער ערלויבעניש איז נאך נישט אנגעקומען. מ'האט איינגעזעהן אז עפעס איז דא נישט גלאטיג מיט די גאנצע מעשה. דער גביר איז פון טאג צו טאג ערגער און קראנקער געווארן, אבער מיט דעם אלעמען האט ער זיך נאך אלץ נישט געוואלט אינטער געבן צום רבי'ן און ווערן אונטערטעניג אינטער איהם, ממש ווי עס איז געווען ביי פרעה, ויכבד לב הגביר, אפילו ער האט שוין געהאלטן ממש בים שטארבן. ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט אז דאס קומט איהם ווייל ער האט ווידערגעשפעניגט דעם רבינ'ס ווערטער. אדרבה אין זיין קאראנקן בעט האט ער געהייסן מ'זאל איהם דערלאנגען דעם דעקרעט וועלכן ער האט געשיקט צו די דארפס-לייט זיי זאלן זיך ארויס ציען פון זיינע דערפער גלייך ווען דער טערמין וועט קומען. ער האט געזעהן אז דער טערמין איז אין נאך דריי טעג, האט ער געזאגט פאר זיינע בני בית, אויב ער וועט נישט זיין געזונט אין נאך דריי טאג, און ער אליין וועט נישט קענען פארן ארויסטרייבן די אידן פון דארט, זאלן זיי פארן צו די דערפער און ארויסטרייבן די אידן פון דארט. אבער ער שפירט דאס דעם קומענדיגן טאג וועט ער זיך יא קענען אויפהייבן פון בעט און גיין צו די דערפער....

אבער דער מענטש טראכט און דער באשעפער לאכט, אין דעם זעלבן טאג איז געווארן א גרויס ענדערונג צום שלעכטס אין דעם גביר'ס קראנקהייט, דער קרענק האט זיך אזוי שטארק פארשטארק ביז דער גביר איז געווארן באוואוסטלאז, און מער נישט געוואוסט וואס טוט זיך מיט איהם. ווער עס איז געקומען נאנט צו איהם האט ער גענומען יענעם שלאגן און שעלטען און שרייען.

ווי די בני בית האבן דאס געזעהן אז זיין מצב ווערט ערגער, זענען זיי שנעל געלאפן צום מאגיסטראט מיט א געבעט צוזאמען מיט א גרויס סומע געלט אז מ'זאל זיי געבן די ערלויבעניש צו פארן קיין וויען. צום סוף האבן זיי באקומען די ערלויבעניש און מ'האט דעם קראנקען גענומען איינגעפאקט אין ווארימע דאכענעס און מ'איז ארויס אויפן וועג קיין וויען, מיטפארענדיג איז אויך געווען דער דאקטאר וואס האט כסדר געהאלטן א אויג אויף דעם קראנקן גביר.

אינמיטן וועג האט דער דאקטאר זיך אנגערופן אז די קראנקהייט האט זיך נאך פארערגערט און ער ווייסט נישט אויב ער וועט נאך אנקומען קיין וויען לעבעדיגערהייט. דערוויל איז דער קראנקער צוריק געקומען צו זיין וויסן און ער רופט זיך אן צו זיינע באגלייטער און זאגט, איך ווייס דאס מיינע טעג זענען געציילטע און ער וויל נישט ליגן אין דער פרעמד, וויל ער שוין צוריק פארן אהיים. אבער ווי באלד די גאנצע קראנקהייט איז דאך געקומען דורך דעם וואס ער האט נישט געפאלגט דעם רוזינער צדיק וויל ער חאטש ווי לאנג ער לעבט זיך איבער בעטן מיט דעם רבי'ן און ער וויל מ'זאל שוין אויסדרייען דעם וואגן און זיך נעמען פארן קיין סאדוגער.

זיינע קינדער האבן איהם געברענגט קיין סאדוגער, אבער דער קראנקער האט פון דעם וואגן נישט געקענט אראפ גיין. ער האט געבעטן זיינע קינדער זיי זאלן אריינגיין צום רבי'ן און זאגן דאס ער איז אינדרויסן ביים טויער און קען נישט גיין, און ער בעט דער רבי זאל איהם מוחל זיין. דער הייליגער צדיק איז ארויס געקומען און האט עטליכע מינוט געקוקט אויף דעם קראנקען און געזאגט נו! נו! און איז צוריק אריין אין זיין פריוואטע צימער. גלייך נאך דעם איז דער גביר אהיים געפארן און אין דעם זעלבן טאג וואס ער איז אהיים געקומען איז ער געשטארבן רח"ל.

ביים הייליגן רוזינער פלעגט זיין א מנהג אז מ'פלעגט שטעלן וויין פאר די חסידים אפילו זיי זענען נישט געווען דארט. אזוי אויך איז געווען מיט דעם גביר ווי לאנג ער האט געלעבט פלעגט דער רבי אליין פיהל מאהל באפוילן די גבאים צו שטעלן וויין פאר דעם גביר אויף זיין חשבון. דאס איז אלעס געווען ווי לאנג דער גביר האט נאך געלעבט. עס איז אריבער עטליכע יאר וואס דער גביר איז שוין געווען אויף דעם עולם האמת האט פלוצלונג דער הייליגער רוזיניער איינמאל שבת ביים טיש געהייסן מ'זאל שטעלן וויין פאר דעם גביר'ס וועגן. די גבאים וועלכע האבן געוואוסט אז דער גביר לעבט שוין נישט האבן געמיינט אז דער רבי ווייסט נישט פון דעם. האבן זיי זיך נישט וויסענדיג געמאכט פון דעם. אבער ווי דער רבי האט נאכאמאל געזאגט מ'זאל שטעלן וויין פאר דעם גביר האבן די גבאים שוין נישט געהאט קיין ברירה וואס צו טאן און האבן געזאגט פאר דעם רבי'ן אז דער גביר געפונט זיך שוין נישט צווישן די לעבעדיגע.

ווי זיי האבן דאס געזאגט פאר דעם רוזינער האט דער צדיק זיך אנגערופן און געזאגט, איר מיינט אז איך ווייס נישט! איך ווייס אויך דערפון, נאר איך וועל אייך דערציילן וועט איר שוין פארשטיין פאר וואס איך האב געהייסן מ'זאל שטעלן וויין פאר איהם.

איר זאלט וויסן אז אין הימל איז דא דריי בתי דינים, איין בית דין פון מלאכים, די צווייטע פון נשמות פון די הייליגע צדיקים וועלכע זענען שוין בעולם האמת, און דאס דריטע בית דין פון צדיקים וועלכע זענען נאך דא אויף דעם עולם. און דער סדר איז ווען א מענטש שטארבט און קומט אן צו געבן א דין וחשבון אויף זיינע מעשים אויף דער וועלט, טוט מען איהם קודם שטעלן בעפאר דעם בית-דין פון די מלאכים. און זיי זענען שטארקע מחמירים ווייל זיי פארשטייען נישט ווי קען א מענטש וואס איז א טיפה סרוחה מורד זיין אין דעם באשעפער וואס טוט פאר דעם מענטש אזוי פיהל גוטס. אבער אז דער מענטש האט א זכות און איז ביים לעבן געווען דבוק צו א צדיק קען ער פארלאנגען מ'זאל איהם פירן לדין פאר דעם צווייטן בית דין פון די נשמות הצדיקים. אבער באזיי איז אויך זייער שווער זוכה זיין בדין, ווייל, זיי זענען שוין לאנג אויף דעם עולם האמת און האבן שוין פארגעסן די אלע טרדות וואס א מענטש מאכט דורך אין זיין לעבן, און דער וועלט איז נישט ווי עס איז געווען אמאהל. אבער פון דעסטוועגן איז דער משפט פיהל גרינגער ווי ביי די מלאכים.

אבער אויב א מענטש האט נאך א גרעסערע זכי' דאס זיין רבי לעבט נאך און ער איז פון דער בית דין של מעלה פון די צדיקים וואס לעבן נאך אין דער וועלט, און ער בעט דאס מ'זאל איהם פירן צו זיין רבי'ן למשפט, האט ער א ודאי זייער א גרינגע משפט, ווייל דער רבי מעג איהם א טובה טאן. דא האט זיך דער צדיק אויפגעשטעלט און געזאגט "געלויבט איז דער השי"ת וואס ער האט מיך אויסגעקליבן פאר איינעם פון דעם דריטן בית דין און אז דער מענטש האט געהאט א זכי' דאס מען זאל איהם שטעלן פאר אונז לדין בין איך גרייט איהם א טובה צו טאן, דעריבער הייס איך שטעלן פאר זיינעט וועגן וויין."

---

# אַ סְגוּלָה צוּ לַאנְגֶע יָארְן

בַּיי רֶבִּי נְחוּנְיָא בֶּן הַקָנָה הָאבְּן זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: צוּלִיבּ וֶועלְכֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים הָאסְטוּ דֶערְלֶעבְּט אַזַא עֶלְטֶער. הָאט עֶר זֵיי גֶענְטְפֶערְט "אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזוּכְט כָּבוֹד דוּרְאַ פְּרַיינְט'ס שַׁאנְדֶע,און אִיבִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן מִיט אַ כַּעַס אוֹיף מֵיינֶע חֲבֵרִים, און אִיבִּין גֶעוֶוען אַ נָאכְגֶעבֶּער מִיט מֵיין גֶעלְט."

יֶעצְט לָאמִיר זֶעהְן, וָואס הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזוּכְט כָּבוֹד דוּרְאַךְ פְּרַיינְט'ס שַׁאנְדֶע. אָט אִיז אַ בַּיישְׁפִּיל, אַמָאהְל אִיז רַב הוּנָא גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס און הָאט גֶעטְרָאגְן אַ הַאק אוֹיף זַיין אַקְסֶעל, אִיז גֶעקוּמֶען רַב חָנָא בַּר חֲנִילָאִי און הָאט פון אִים צוּגֶענוּמֶען דֶעם הַאק און דַאס גֶעטְרָאגְן פַאר אִים. הָאט אִים רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט, אוֹיבּ דִי בִּיזְט גֶעוואוֹינְט צוּ טְרָאגְן אַ הַאק אוֹיף דֶער פְּלֵייצֶע אִין דֵיין אֵייגֶענֶע שְׁטָאט, קֶענְסְטוּ דַאס טְרָאגְן, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ בִּיזְט נִישְׁט גֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם, וויל אִינִישְׁט הָאבְּן כָּבוֹד פוּן דֶעם וָואס דוּ מַאכְסְט זִיאַזוֹי קְלֵיין.

וָואס מֵיינְט "אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן מִיט אַ כַּעַס אוֹיף מֵיינֶע חֲבֵרִים, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מַר זוּטְרָא פְלֶעגְט טוּהְן יֶעדֶער נַאכְט "וֶוען עֶר פְלֶעגְט זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְלֶעגְט עֶר זָאגֶען "אִיךְ בִּין מוֹחֵל יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס הָאט מִיר הַיינְט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן.

און וָואס מֵיינְט "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ נָאכְגֶעבֶּער מִיט מֵיין גֶעלְט" דָאס אִיז וָואס מַר הָאט גֶעזָאגְט, אִיוֹב אִיז גֶעוֶוען אַ נָאכְגֶעבֶּער מִיט זֵיין גֶעלְט, ווייל יֶעדֶע מָאהל וֶוען עֶר פְלֶעגְט עֶפֶּעס קוֹיפְן פְלֶעגְט עֶר צוּלֵייגְן דֶעם קְרֶעמֶער אַ קְלֵיינֶע מַטְבֵּעַ צוּם מֶקַח.

---

רַב גִידָל הָאט גֶעהַאנְדֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ פֶעלְד אָבֶער פַאר עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם גֶעשֶׁעפְט הָאט ר' אַבָּא עֶס אָפְּגֶעקוֹיפְט. רַב גִידָל הָאט עֶס זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אַז דִי פֶעלְד אִיז אוֹיסְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן פוּן אִים, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ ר' זֵירָא און אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה און אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל רֶעדְן מִיט ר' אַבָּא. ר' זֵירָא הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ ר' יִצְחָק נַפְּחָא און עֶר וֶועט זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן, און פַּסְקֶענֶען. ר' יִצְחָק הָאט גֶעזָאגְט צוּ רַב גִידָל אַז עֶר זָאל וַוארְטְן בִּיז יו"ט וָואס דֶעמָאלְטְץ קוּמְט ר' אַבָּא, און דֶעמָאלְטְץ וֶועל אִיךְ רֶעדְן מִיט אִים וֶועגְן דֶעם.

וֶוען ר' אַבָּא אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף יו"ט צוּ ר' יִצְחָק הָאט אִים ר' יִצְחָק גֶעפְרֶעגְט "וָואס אִיז דֶער דִין אוֹיבּ אֵיינֶער זוּכְט צוּ בַּאקוּמֶען אַ קִיכְל פוּן הֶפְקֵר און פְלוּצְלוּנְג קוּמְט אֵיינֶער און כַאפְּט עֶס אוֹיס." הָאט ר' אַבָּא גֶעעֶנְטְפֶערְט "אַז עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע." אוֹיבּ אַזוֹי - פְרֶעגְט אִים ר' זֵירָא "פַארְוָואס הָאסְטוּ אָפְּגֶעקוֹיפְט דִי פֶעלְד וָואס רַב גִידָל הָאט גֶעהַאנְדֶעלְט." "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז רַב גִידָל הָאט גֶעוָואלְט קוֹיפְן

יֶענֶע פֶעלד" הָאט ר' אַבָּא גֶעעֶנְטְפֶערְט. ר' יִצְחָק זָאגְט צוּ ר' אַבָּא "אֶפְשַׁר גִיסְטוּ יֶעצְט דִי פֶעלְד צוּ רַב גִידָל."

הָאט ר' אַבָּא גֶעזָאגְט "פַארְקוֹיפְן וויל איך נישט, ווייל עֶס אִיז נִישט מַזְלְדִיג צוּ פַארְקוֹיפְן דִי עֶרשְׁטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעקוֹיפְט אִין מֵיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ בִּין גְרֵייט עֶס צוּ גֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה צוּ רַב גִידָל." רַב גִידָל אָבֶּער הָאט נִישט גֶעוָואלְט נַעֲמָן קֵיין מַתָּנוֹת,אַזוֹיווי שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי, שׂוֹנֵא מַתָּנוֹת יִחְיֶה - דֶער וָואס הָאט פֵיינְט מַתָּנוֹת וֶועט לֶעבְּן.

ר' אַבָּא הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נוּצְן דִי פֶעלְד וָואס רַב גִידָל הָאט גֶעוָואלְט קוֹיפְן, אוּן רַב גִידָל הָאט עֶס נִישט גֶעוָואלְט נֶעמֶען פַאר אַ מַתָּנָה, אִיז דִי פֶעלְד גֶעבְּלִיבְּן הֶפְקֵר פַאר דִי תַּלְמִידִים פוּן דִי יְשִׁיבוֹת, וֶועלֶעכֶע הָאבְּן זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט דִי פֶעלְד אַיינְצוּפְלַאנְצְן פַאר זִיך.

---

# א מעשה מיט א קיה

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "חֲנוֹךְ לְנַעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ" דָאס מֵיינְט אַז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז דָא אַ חִינוּךְ וָואס גֶעהֶער צוּ אִים. מְ'קֶען נִישְׁט גֶעבְּן אַ חִינוּךְ פוּן אַ גְרֶעסֶערֶע קִינְד פַאר אַ קְלֶענֶערֶע, אָדֶער פַארְקֶערְט. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט גֶעבְּן דִי זֶעלְבֶּע חִינוּךְ פַאר אַ דָארְפְס-קִינְד ווִי פַאר אַ גְבִירִישֶׁע קִינְד. דָאס קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל:

אֵיין מָאל אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְטֶער פַארְמֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק אוּן הָאט גֶעהַאלְטֶען בַּיים שְׁטַארְבֶּען. אוּן אֵיידֶער עֶר הָאט צוּגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן אוֹיף אֵייבִּיג, הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן זַיינֶע דְרַיי זוּהְן אוּן הָאט צוּ זֵיי אַזוֹי גֶעזָאגְט:

"מֵיינֶע קִינְדֶער! אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט. קֵיין גָאלְד אוּן זִילְבֶּער הָאבּ אִיךְ אַייךְ נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, אוֹיסֶער מֵיין פֶעלְד וֶועלְכֶע אִיר וֶועט זִיךְ צוּטֵיילְן אוֹיף גְלַייכֶע חֲלָקִים. קֵיינֶער פוּן אַייךְ זָאל נִישְׁט נֶעמֶען מֶער ווִי דֶער אַנְדֶערֶער. אוּן דִי קוּה, דִי אֵיינְצִיגֶע קוּה, וָואס אִיךְ לָאז אַייךְ אִיבֶּער, זָאלְט אִיר פַארְקוֹיפְן אוּן דָאס גֶעלְט צוּטֵיילְן צְווִישְׁן אַייךְ אוֹיף גְלַייכֶע חֲלָקִים".

דֶער פַארְמֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ צוּטֵיילְט מִיט דֶעם פֶעלְד, אַזוֹי ווִי דֶער פָאטֶער הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פַארְקוֹיפְן דִי קוּה, הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס זָאלְן מִיר פַארְקוֹיפְן אַזַא גוּטֶע קוּה צוּ אַ פְרֶעמְדְן? אִיז נִישְׁט בֶּעסֶער אַז זִי זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְז"?

"אַ וַדַאי אִיז בֶּעסֶער אַז זִי זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְז". הָאט אַן אַנְדֶער בְּרוּדֶער גֶעזָאגְט. דִי פְרַאגֶע אִיז, בַּיי וֶועמֶען?

"אִיךְ הָאבּ אַ פְּלַאן", הָאט גֶעזָאגְט דֶער עֶלְצְטֶער בְּרוּדֶער. "מִיר וֶועלְן אוֹיסְבּוֹיעֶן דְרַיי נַייעָ שְׁטַאלְן. יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז וֶועט אוֹיסְבּוֹיעֶן אַ בַּאזוּנְדֶער שְׁטַאל. אוּן אִין וֶועמֶענְס שְׁטַאל דִי קוּה וֶועט וֶועלְן בְּלַייבְּן, צוּ יֶענֶעם זָאל זִי גֶעהֶערְן."

דֶער פְּלַאן אִיז דִי בְּרִידֶער גֶעפַאלְן גֶעוָוארְן אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ בּוֹיעֶן דִי שְׁטַאלְן. וֶוען דִי שְׁטַאלְן זֶענֶען פַארְטִיג גֶעוָוארְן, הָאט דֶער עֶלְצְטֶער בְּרוּדֶער זַיין שְׁטַאל בַּאצִירְט מִיט שֵׁיינֶע בִּילְדֶער אוּן מִיט בְּלוּמֶען טֶעפּ. דֶער צְווֵייטֶער בְּרוּדֶער הָאט אִין זַיין שְׁטַאל אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁפִּיעל קַאסְטְן וָואס הָאט גֶעשְׁפִּיעלְט שֵׁיינֶע מוּזִיק, אוּן דֶער אִינְגְסְטֶער בְּרוּדֶער הָאט זַיין שְׁטַאל אוֹיסְגֶעבֶּעט מִיט אַ סַךְ שְׁטְרוֹי, אוּן אִין אַ ווִינְקְל הָאט עֶר אָנְגֶעלֵייגְט אַ גְרוֹיסְן בִּינְטְל פְרִישֶׁע שְׁטְרוֹי.

וֶוען דִי קִיה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן פֶעלְד, אַזֵי זִי פְּרִיעֶר אַרַיין אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער שְׁטַאל. הָאט דָארְט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט דִי בְּלוּמֶען טֶעפּ אוּן אִיז אַרוֹיס. נָאכְדֶעם אִיז זִי אַרַיין אִין דֶער שְׁטַאל וואוּ דִי מוּזִיק הָאט גֶעשְׁפִּיעלְט, הָאט אַ שְׁטוֹיס גֶעטָאן דֶעם קַאסְטְן אוּן אִיז אַרוֹיס גֶעלָאפְן. צוּלֶעצְט אִיז זִי אַרַיין אִין דֶער דְרִיטֶער שְׁטַאל, הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי שְׁטְרוֹי אוּן אִיז שׁוֹין דָארְט פַארְבְּלִיבְּן.

----------------------------------------

# א מעשה פון ר״ר אלימלך מליזענסק זי״ע

אִינְ'ם סֵפֶר "סִפּוּרֵי יַעֲקֹב" וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רָ' אֱלִימֶלֶךְ הָאט אָפְּגֶעריכְט גָלוּת אוּן עֶר אִיז כְּסֵדֶר גֶעוֶוען נָע וְנָד אִיבֶּער שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער, אִיז עֶר אַמָאל אוֹיף זַיין וֶועג אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, וַואשְׁן זִיךְ דִי הֶענְט - אוּן וֶוען עֶר אִיז דָארְט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין קִיךְ אוּן אִיז דֶערְנָאךְ בַּאלְד אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט מֶען גְרַאד דֶענְסְטְמָאל אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דָאס פְּרִישׁ-גֶעבַּאקֶענֶע בְּרוֹיט פוּנְ'ם אוֹיוְון אוּן מֶען הָאט עֶס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן טִישׁ, אִיז דַאן אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַן עָרֵל אוּן עֶר הָאט אַוֶועק-גֶע'גַנְבְ'ט אֵיין בְּרוֹיט. וֶוען מֶען הָאט דֶערְזֶעהְן, אַז אֵיין בְּרוֹיט אִיז אַוֶועק-גֶע'גַנְבְ'ט גֶעוָוארְן, הָאט דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער גֶעדֶענְקְט, אַז נָאר דֶער אָרִימַאן, וֶועלְכֶער אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין קִיךְ, וַואשְׁן זִיךְ דִי הֶענְט, הָאט דָאס בְּרוֹיט אַוֶועק-גֶע'גַנְבְ'ט.

אִיז דֶערְפַאר יֶענֶער קְרֶעטְשְׁמֶער אַינְגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁטַארְקֶען כַּעַס, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אַ קְנֶעכְט אַן עָרֵל, עֶר זָאל דֶעם אִיד נָאכְלוֹיפְן, אוּן וֶוען עֶר וֶועט אִיהְם כַאפְּן, זָאל עֶר בַּיי אִיהם דָאס גֶע'גַנְבְ'טֶע בְּרוֹיט אָפְּנֶעמֶען אוּן אִיהְם אַלֵיין גוּט אָנְשְׁלָאגְן. הָאט דָאס דֶער קְנֶעכְט גֶעטָאן, אוּן וֶוען עֶר הָאט דֶעם רֶבִּי'ן רָ' אֱלִימֶלֶךְ גֶעכַאפְּט, הָאט עֶר אִיהְם קוֹדֶם גֶעשְׁלָאגְן - אוּן וֶוען עֶר הָאט דֶערְנָאךְ גֶעזוּכְט בַּיי אִיהְם דָאס בְּרוֹיט אוּן עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעפוּנֶען, הָאט עֶר אִיהְם שְׁטַארְקֶער גֶעשְׁלָאגְן. אָבֶּער דֶער רֶבִּי רָ' אֱלִימֶלֶךְ הָאט אוֹיף דֶעם גָאר נִישְׁט גֶעזָאגְט. עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי יִסוּרִים זַיינֶע בְּאַהֲבָה.

אָבֶּער אִין דֶער צַייט, וָואס דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער'ס קְנֶעכְט הָאט דֶעם רֶבִּי'ן רָ' אֱלִימֶלֶךְ גֶעשְׁלָאגְן, אִיז אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ פַּייעֶר אִין יֶענֶער קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן עֶס אִיז גָאר נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ, דָאס פַּייעֶר צוּ פַארְלֶעשְׁן. הָאט יֶענֶער קְרֶעטְשְׁמֶער פַארְשְׁטַאנֶען, אַז דָאס אִיז אֶפְשָׁר אַ בַּאצָאלוּנְג פַאר דֶער זִינְד, וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם אָרִימֶען אִיד נָאכְיָאגֶען אוּן שְׁלָאגְן.

אִיז עֶר תֵּיכֶּף אַלֵיין אֲרוֹיסְגֶעריטְן אוֹיף אַ פֶערְד, צוּרִיק צוּ רוּפְן דֶעם קְנֶעכְט, אֵיידֶער עֶר וֶועט דֶעם אִיד כַאפְּן. אִיז דָאס אָבֶּער שׁוֹין גֶעוֶוען צוּ שְׁפֶּעט, וַוייל עֶר הָאט דֶעם קְנֶעכְט אָנְגֶעיָאגְט, נָאכְדֶעם וִוי עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט דֶעם אִיד אָנְגֶעשְׁלָאגְן. הָאט זִיךְ דֶער קְנֶעכְט דֶער עָרֵל גֶערִימְט פַאר זַיין בַּעַל-הַבַּיִת, אַז עֶר הָאט דֶעם אָרִימֶען אִיד מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט אַזֶעלְכֶע קְלֶעפּ, אַז עֶר הָאט אִיהְם שְׁעוּר נִישְׁט דֶערְ'הַרְגְ'ט אוּן אִיצְט גֶעפוּנְט עֶר זִיךְ דָארְט אִין יֶענֶעם וַואלְד, וואוּ מֶען קֶעם אִיהְם וַוייטֶער כַאפְּן אוּן פַארְבֶּעסֶערְן דִי קְלֶעפּ.

דָאס רֶעדֶענְדִיג, אִיז דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער שְׁנֶעל אַוֶועקְגֶעלָאפְן זוּכֶען דֶעם אָרִימֶען אִיד אוּן אִיהְם בֶּעטֶען, עֶר זָאל אִיהְם מוֹחֵל זַיין, וָואס עֶר הָאט אִיהְם גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן. הָאט דַאן דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער דֶעם רֶבִּי'ן רָ' אֱלִימֶלֶךְ גֶעטְרָאפְן שְׁטֵיין בַּיי אַ בּוֹים אוּן זָאגֶענְדִיג כְּסֵדֶר: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אָט וֶועל אִיךְ אִיצְט נִישְׁט דַאוֶוענֶען צוּ דִיר קֵיין מִנְחָה, וִוי לַאנְג דוּ וֶועסְט נִישְׁט אֵיינְלֶעשְׁן דִי שְׂרֵיפָה, וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעצִינְדְן אִין יֶענֶער קְרֶעטְשְׁמֶע!"

אִיז דַאן דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער גֶעפַאלְן דֶעם רֶבִּי'ן רָ' אֱלִימֶלֶךְ צוּ דִי פִּיס אוּן עֶר הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטְן, אַז עֶר זָאל אִיהְם מוֹחֵל זַיין דֶעם חֲשַׁד. וָואס עֶר הָאט אוֹיף אִיהְם גֶעהַאט וֶועגְן דֶעם בְּרוֹיט אוּן דֶעם בִּזָיוֹן וָואס עֶר הָאט אִיהְם אָפְּגֶעטָאן. וִוי עֶס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, הָאט דֶער רֶבִּי רָ' אֱלִימֶלֶךְ דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער אַלְצְדִינְג מוֹחֵל גֶעוֶוען - אוּן וֶוען דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער אִיז דַאן אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, אִיז שׁוֹין דָאס פַייעֶר אִין זַיין קְרֶעטְשְׁמֶע גֶעוֶוען פַארְלָאשְׁן.

---------------------------------------------

## די הצלה פון חברון

אִין דִי צַייט וֶוען דִי טֶערְקְן הָאבְּן גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז דֶער פַּאחָא פוּן אִיסְטַאנְבּוּל גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ בַּאזוּךְ קַיין חֶבְרוֹן. פְרַייטָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען דָארְט דַאוְונֶען. נָאכְ'ן דַאוְונֶען הָאט עֶר שְׁפַּאצִירְט אִין מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה, עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען בִּיז צוּ דֶער עֶפֶענוּנְג פוּן דִי מְעָרָה. עֶר בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ אַרַיינְצוּקוּקְן אִין דִי מְעָרָה, אִיז זַיין שְׁוֶוערְד אַרוֹיס גֶעפַאלְן אוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי מְעָרָה.

עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן שְׁרַייט "אוֹי מַיין שְׁוֶוערְד!" דִי וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם אִיהְם הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טָאן. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער פַּאחָא "אִיר וֵוייסְט וִוי טוֹיעֶר דֶער שְׁוֶוערְד אִיז?" ס'אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן גָאלְד, אוּן בַּאצִירְט מִיט דִי טַייעֶרְסְטֶע שְׁטֵיינֶער, יֶעצְט מוּז אֵיינֶער אַרָאפּ אִין דִי מְעָרָה אוּן דָאס בְּרֶענְגֶען.

קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט פוּן אָרְט. דֶער פַּאחָא הָאט בַּאפוֹילְן אֵיינֶעם אַרָאפּ צוּלָאזְן מִיט אַ שְׁטְרִיק עֶר זָאל בְּרֶענְגֶען דֶעם שְׁוֶוערְד. מְ'הָאט אִיהְם אָנְגֶעזָאגְט אַז נָאךְ 5 מִינוּט וֶוען דֶער שְׁוֶוערְד וֶועט זַיין אִין זַיין הַאנְט, זָאל עֶר גֶעבְּן אַ צִי אוֹיף דֶעם שְׁטְרִיק וֶועט מֶען אִיהְם צוּרִיק אַרוֹיף שְׁלֶעפְּן. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער 5 מִינוּט אוּן נָאךְ לֶענְגֶער אוּן עֶר צִיהט נִישְׁט דֶעם שְׁטְרִיק, הָאט מֶען אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן דֶעם שְׁטְרִיק הָאט מֶען גֶעזֶעהן וִוי דֶער מְשָׁרֵת אִיז נִישְׁט לֶעבֶּעדִיג. דֶער פַּאחָא הָאט גֶעשִׁיקְט נָאךְ אַ מְשָׁרֵת אוּן אַ דְרִיטְן צוּ אַלֶעמֶען אִיז גֶעשֶׁעהן דִי זֶעלְבֶּע וִוי בַּיים עֶרְשְׁטְן.

דֶעמָאלְט אִיז אַרַיין אַ מַחְשָׁבָה אִין דֶעם מוֹחַ פוּן דֶעם פַּאחָא אַז עֶר זָאל הֵייסְן אַרָאפּ לָאזְן אַ אִיד דָארְט בְּרֶענְגֶען דֶעם שְׁוֶוערְד. עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ דִי אִידִישֶׁע קְהִלָּה אַ בַּאפֶעהל אַז אוֹיב בִּיז דְרַיי טֶעג וֶועלְן זַיי אִיהְם נִישְׁט בְּרֶענְגֶען דֶעם שְׁוֶוערְד, וֶועט עֶר לָאזְן הַרְגְ'נֶען אַלֶע אִידְן פוּן שְׁטָאט.

דִי אִידְן הָאבְּן גְלַייךְ גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען, מְ'הָאט גֶעדַאוְונְט אוּן אַיינְגֶערִיסְן וֶועלְטְן. מְ'הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל, אוּן עֶס אִיז גֶעפַאלְן דֶער גוֹרָל אוֹיף רָ' אַבְרָהָם אֲזוּלַאי אַ זֵיידֶע פוּן דֶעם הֵיילִיגְן חיד"א. עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט צוּ דֶעם, גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אָנְגֶעטָאן תַּכְרִיכִים, אַ גַאנְצֶע נַאכְט בֶּעפַאר דֶעם הָאט עֶר גֶע'דַרְשְׁ'נְט וֶועגְן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים. וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ גֵיין, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹלָם מְ'זָאל כְּסֵדֶר דַאוְונֶען פַאר אִיהְם.

מְ'הָאט אִיהְם אַרָאפּ גֶעלָאזְט מִיט דֶעם שְׁטְרִיק. עֶר הָאט גֶעזֶעהן דֶעם שְׁוֶוערְד, דָאס גֶענוּמֶען, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעאַיילְט צוּ צִיהֶען דֶעם שְׁטְרִיק, עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁפַּאצִירְן אִין דִי מְעָרָה. בִּיז עֶר זֶעהט אַ מֶענְטְשׁ פַאר זִיךְ, פַאר גְרוֹיס שְׁרֶעק הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל". עֶר פְרֶעגְט יֶענֶעם "וֶוער בִּיסְטוּ?" יֶענֶער עֶנְטְפֶערְט "אִיךְ בִּין אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם". אוּן וֶוער בִּיסְטוּ? הָאט עֶר אִיהְם דֶערְצֵיילְט וֶועגְן דֶעם שְׁוֶוערְד. רָ'

אַבְרָהָם הָאט גֶעוָואלְט וַוייטֶער זֶעהְן דִי מְעָרוֹת, הָאט אֱלִיעֶזֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט פְּרֶעגְן דִי אָבוֹת רְשׁוּת. נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט הָאט עֶר בַּאקוּמֶען רְשׁוּת, אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִין דִי מְעָרוֹת פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב. עֶר הָאט גֶע'חַלָשְׁ'ט. וִוי עֶר לִיגְט אַזוֹי הְאט עֶר דֶערְשְׁמֶעקְט זַייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע רֵיחַ פוּן גַן-עֵדֶן אוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם. עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט דָארְט בְּלַייבְּן, אוּן גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת צוּ בְּלַייבְּן דָארְט. אָבֶּער דִי אָבוֹת הָאבְּן אִיהְם גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף צוּרִיק גֵיין אָבֶּער נִישְׁט פַּאר אַ לַאנְגֶע צַייט. רַבִּי אַבְרָהָם הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם שְׁטְרִיק אוּן מְ'הָאט אִיהְם אַרוֹיס גֶעצוֹיגְן צוּזַאמֶען מִיט דֶעם שְׁוֶוערְד. עֶר הָאט זַיי דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהן אִין דִי מְעָרָה. אָבֶּער עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר דַארְף זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אַלֶעמֶען וַוייל בְּקָרוֹב וֶועט עֶר שְׁטַארְבְּן. דִי גַאנְצֶע נַאכְט הָאט עֶר וַוייטֶער גֶע'דַרְשְׁ'נְט פַּאר דֶעם עוֹלָם פִיהל סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אִינְדֶערְפְרִיא וֶוען דֶער מָארְגְן שְׁטֶערְן אִיז אַרוֹיף הָאט עֶר גֶעלֵיינְט קְרִי"שְׁ, בַּיים עֶנְדִיגְן קְרִי"שְׁ אִיז זַיין רֵיינֶע נְשָׁמָה אַרוֹיס אוּן זִיךְ בַּאהָאפְטְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים.

-----------------------------------------------

# ווער איז דער בעל עגלה

אַ אִיד אַן עוֹשֶׁר הַאֵט גֶעהַאט אַן אֵייגֶענֶעם בַּעַל עֲגָלָה וֶועלְכֶער הַאֵט אִים אֲרוּמְגֶעפִירְט אִיבֶּערַאל וואוּ עֶר הַאֵט בַּאדַארְפְט פָארְן. אֵיינְמָאל זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן קֵיין פְּרָאג. אוּן הָאֶבֶן דָארְט אִיבֶּערגֶענֶעכְטִיקט אִין אַ גַאסְטְהוֹיז. אִין דֶער פְּרִי וֶוען דֶער עוֹשֶׁר הַאֵט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, זֶעט עֶר וִוי דֶער בַּעַל עֲגָלָה טְרָאגְט זַיינֶע קְלֵיידֶער. פְרֶעגְט עֶר אִים: "פַארְוָואס טְרָאגְסְטוּ מֵיינֶע קְלֵיידֶער?" "וָואס רֶעדְסְטוּ?" - עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל עֲגָלָה - "אֵיךְ טְרָאג מַיינֶע קְלֵיידֶער! דוּ בִּיסְט דֶער בַּעַל עֲגָלָה אוּן אַט לִיגְן דָא דַיינֶע בַּעַל-עֲגָלָה'שֶׁע בְּגָדִים" אוּן עֶר וַוייזְט אִים זַיינֶע אֵייגֶענֶע קְלֵיידֶער.

"וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ?" - פְרֶעגְט דֶער עוֹשֶׁר - "גִיבּ מִיר מַיינֶע קְלֵיידֶער, אוּן דוּ טוּ אָן דַיינֶע בַּעַל עֲגָלָה'שֶׁע קְלֵיידֶער". אָבֶּער דֶער בַּעַל עֲגָלָה שְׁרַייט: "וָואס? אֵיךְ זָאל דִיר גֶעבְּן מַיינֶע קְלֵיידֶער? צִי פַּאסְט דִיר מֶער נִישְׁט צַו זַיין אַ בַּעַל עֲגָלָה? טוּ זָאפָּארְט אָן, אוּן גֵיי שְׁפַּאן אַיין דִי פֶערְד. סְ'אִיז שְׁפֶּעט".

פְרֶעגְט דֶער עוֹשֶׁר: "בִּיסְטוּ פַארְרוּקְט גֶעוָוארְן? וָואס אִיז הַיינְט, פּוּרִים?" אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה שְׁרַייט וַוייטֶער: "בַּעַל עֲגָלָה! הֶער אוֹיף מִיט דַיינֶע שְׁטִיק, צִי הָאסְטוּ גֶעחָלוֹמְט אָז דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן דֶער בַּעַל הַבָּיִת?" "וָואס מַאכְסְטוּ אַ שֶׁפִּיל! - זָאגְט דֶער עוֹשֶׁר - אַט פְּאֵר אֵיךְ צוּרִיק אַהֵיים, וֶועלְן אַלֶע שְׁטָאטְס-לַייט עֵדוֹת זָאגְן אָז אֵיךְ בִּין דֶער בַּעַל הַבָּיִת. "דוּ בִּיסְט מִיַין בַּעַל עֲגָלָה" עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל עֲגָלָה - דוּ מוּזְט פָאלְגְן אַלַץ וָואס אֵיךְ הֵייס דִיר. דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פָארְן אַהֵיים, פִיר מִיךְ בְּלוֹיז דָארְט וואוּ אֵיךְ הֵייס דִיר.

דֶער עוֹשֶׁר הַאֵט אֵיינְגֶעזֶען אָז דֶער בַּעַל עֲגָלָה מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶער גַנָב וָואס ווִיל צוּנֶעמֶען זַיין פַארְמֶעגְן. אוּן ווִיל אָז עֶר, דֶער עוֹשֶׁר, זָאל אִים מְשַׁמֵּשׁ זַיין וִוי אַ בַּעַל עֲגָלָה דָא אִין דֶער פְרֶעמְד וואוּ קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט. הַאֵט עֶר בְּאֵין בְּרֵירָה אָנְגֶעטוּהן דִי בַּעַל עֲגָלָה'שֶׁע קְלֵיידֶער, הַאֵט אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן זַיי גֶעפִירְט אִין שְׁטָאט. בִּשְׁעַת זַיין בַּעַל עֲגָלָה אִיז זִיךְ גֶעזֶעסְן אוּנְטְן וִוי אַ בַּעַל הַבָּיִת.

אוֹיפְן וֶועג פַאלְט אַיין דֶעם עוֹשֶׁר צַו רוּפְן דֶעם בַּעַל עֲגָלָה צַו אַ

דִּין תּוֹרָה בַּיים פְּרָאגֶער רַב, הַגָּאוֹן הָקָדוֹשׁ בַּעַל נוֹדַע בִּיהוּדָה. דֶער בַּעַל עֲגָלָה הַאֵט מַסְכִּים גֶעוֶוען. ווִיסֶנְדִיק אָז דֶער עוֹשֶׁר הַאֵט נִישְׁט קַיין בַּאוַויַיז אָז עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת. זֶענֶען זַיי גֶעגַאנְגֶען צוּם נוֹדַע בִּיהוּדָה, אוּן הָאֶבֶן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם מְשַׁמֵשׁ נָאךְ וָואס זַיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען. דֶער מְשַׁמֵשׁ הַאֵט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דֶעם נוֹדַע בִּיהוּדָה, אוּן עֶר הַאֵט גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן וַוארְטְן אַבִּיסְל אִין פָּאדֶערשְׁטְן צִימֶער, זֶענֶען זַיי אַזוֹי גֶעזֶעסְן אַ האלְבֶּע שָׁעָה אוּן הָאֶבֶן גֶעוַוארְט.

פְּלוּצְלוּנְג גִיט זִיךְ שְׁנֶעל אַן עֶפְן דִי טִיר צוּם בֵּית דִין שֶׁטוֹב. דֶעם הֵיילִיקְן נוֹדַע בִּיהוּדָה'ס צוּרָה בַּאוַוייַזְט זִיךְ בַּיים אַרַיינְגַאנְג, אוּן עֶר רוּפְט אוֹיס:

"זָאל צוּ עֶרְשְׁט דֶער בַּעַל עֲגָלָה אַרַיינְקוּמֶען."

הַאֵט זִיךְ שְׁנֶעל אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶער מֶענְטְשׁ אִין דִי שֵׁיינֶע בְּגָדִים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּ דֶער רִיכְטוּנְג פוּנֶעם נוֹדַע בִּיהוּדָה'ס שֶׁטוֹב. אָבֶּער פְּלוּצְלוּנְג הַאֵט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט אָז עֶר אִיז מֶער נִישְׁט דֶער בַּעַל עֲגָלָה, אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּרִיקְקֶערְן צוּ זַיין אָרְט. שְׁרַייט דֶער נוֹדַע בִּיהוּדָה אוֹיס: "דוּ בִּיסְט דֶער אֶמֶת'עֶר בַּעַל עֲגָלָה! טוּישׁ שְׁנֶעל צוּרִיק דִי קְלֵיידֶער מִיט דַיין בַּעַל הַבַּיִת, אוּן הֶער אוֹיף דַיינֶע גְנֵבָה'שֶׁע שְׁטִיק."

עֶס הָאֶבֶן נִישְׁט גֶעהָאלְפְן קַיין שׁוּם טַעֲנוֹת. דֶעם מֶענְטְשֶׁנְ'ס פְּלוּצְלוּנְדִיקֶע הוֹדָאָה הַאֵט גֶעווִיזְן קְלָאר אָז עֶר אִיז דֶער אֶמֶת'עֶר בַּעַל עֲגָלָה. אַט אַזוֹי הַאֵט דֶער נוֹדַע בִּיהוּדָה מְבָרֵר גֶעוֶוען דֶעם אֶמֶת ווִיסֶנְדִיק בְּחָכְמָתוֹ אָז דֶער בַּעַל עֲגָלָה וֶועט זִיךְ פַארְגֶעסְן אִין דֶער רֶגַע אוּן ווַייזְן קְלָאר אָז עֶר אִיז טַאקֶע דֶער בַּעַל עֲגָלָה.

---

# תּוֹרָה לִשְׁמָהּ

גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶע חָכָם וָואס הָאט זַייעֶר פִיהל גֶעלֶערְנְט, אוּן צוּ דֶעם אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַ סַאךְ גֶעלְט אוּן פַיינֶע קִינְדֶער, עֶס הָאט אִיהְם גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט. סַיי אִין גֶעזוּנְט אוּן סַיי אִין פַּרְנָסָה . אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטֶען אַז דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן קוּמְט אִיהְם פוּן הִימְל וַוייל עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אָבֶּער פוּן הִימְל הָאט מֶען אִיהְם גֶעוָואלְט ווַייזְן אַז מְ'דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ אוּן נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער ווֶעלְט. וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶן?

אֵיינְמָאל הָאט עֶר שְׁפַּאצִירְט אִין דְרוֹיסְן פוּן זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז עֶר אִיז זַייעֶר ווַייט פַארְקְרָאכְן בִּיז אִין מִדְבָּר אַרַיין. ס'אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן זוּמֶער, זַייעֶר הֵייס , דֶער זוּן הָאט גֶעבַּאקְן, אוּן זַיין דָארְשְׁט אִיז גֶעוָוארְן אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער צוּ וַואסֶער. עֶר גֵייט אוּן גֵייט, אוּן ווֵייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּם שְׁטָאט אָדֶער עֶר דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ. אוּן דֶערְוַוייל הָאט אִיהְם דָאס דָארְשְׁט נָאךְ וַואסֶער זַייעֶר שְׁטַארְק פַארְנוּמֶען, אַזוֹי ווַייט בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ גֵיין ווַייטֶער אוּן עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד מַאכְטְלוֹיז.

ווִי עֶר לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד זֶעהט עֶר ווִי אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אוּן טְרָאגְט אַ גְרוֹיסֶע קְרִיגְל פוּן וַואסֶער, עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אִיהְם פַארְקוֹיפְן פוּן דִי וַואסֶער. זָאגְט יֶענֶער

מֶענְטְשׁ אַז עֶר וֶועט נִישְׁט פַּארְקוֹיפְן דִי וַואסֶער פַּאר קֵיין שׁוּם גֶעלְט אִין דֶער וֶועלְט נָאר אוֹיבּ עֶר וֶועט אִיהְם אִיבֶּער גֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן אִין זַיין לֶעבְּן. עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי אִיהְם אַז דָאס אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער פַּאר אִיהְם צוּ טָאן, בִּיז זַיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ פְּשָׁרָה אַז עֶר וֶועט אִיהְם אַװעקְגֶעבְּן הַאלְבּ פוּן זַיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת עֶר זָאל אִיהְם גֶעבְּן דֶעם קְרִיגְל פוּן וַואסֶער. דֶער פְרֶעמְדֶער הָאט אִיהְם אַװעק גֶעגֶעבְּן דֶעם קְרִיגְל פוּן וַואסֶער, אוּן מְ'הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען אַ פֶּען אוּן פַּאפִּיר אוּן מְ'הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶע'חַתְמְ'ט אַז עֶר פַארְקוֹיפְט אִיהְם הַאלְבּ פוּן זַיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת פַּאר דִי וַואסֶער אִין דֶעם קְרִיגְל. דֶער פְרֶעמְדֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם קְרִיגְל פוּן וַואסֶער אוּן אִיז זִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען.

דֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר דָארְשְׁטִיק הָאט אוֹיסְגֶעטְרוּנְקֶען דֶעם גַאנְצְן קְרִיגְל פוּן וַואסֶער אוֹיף אֵיינְמָאל. וִוי עֶר וִויל אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן גֵיין וַוייטֶער זֶעהט עֶר דָאס עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען גֶעפֶערְלִיכֶע בּוֹיךְ קְרַאמְפְּן פוּן טְרוּנְקֶען אַזוֹיפִיהל וַואסֶער אוּן זַיינֶע יִסוּרִים זֶענֶען גֶעוֶוען זַייעֶר שְׁטַארְק. עֶר לִיגְט אַזוֹי מִיט זַיינֶע יִסוּרִים, קוּמְט צוּ גֵיין אַ צְוֵוייטֶער מַאן. עֶר פְרֶעגְט אִיהְם וֶוער עֶר אִיז, זָאגְט עֶר אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער. בֶּעט עֶר אִיהְם עֶר זָאל אִיהְם אוֹיסְהֵיילְן פוּן זַיינֶע שְׁמֶערְצְן אוּן עֶר וֶועט אִיהְם גֶעבְּן וִויפִיל גֶעלְט עֶר וִויל. עֶנְטְפֶערְט דֶער דָאקְטֶער אוּן זָאגְט, פַּאר גֶעלְט וֶועל אִיךְ דִיר נִישְׁט אוֹיסְהֵיילְן, נָאר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר אַװעקְגֶעבְּן דַיין גַאנְצֶע תּוֹרָה מִיט אַלֶע מִצְוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטָאן דֶעמָאלְט וֶועל אִיך דִיר אוֹיסְהֵיילְן. עֶר זָאגְט אִיהְם אַז הַאלְבּ פוּן זַיין תּוֹרָה הָאט עֶר שׁוֹין פַּארְקוֹיפְט פַּאר אַ צְוֵוייטְן אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן נָאר הַאלְבּ. דֶער דָאקְטֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע הַאלְבּ פוּן זַיין תּוֹרָה אִיהְם אוֹיסְצוּהֵיילְן. דֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס הָאט גֶעהַאט גָאר שְׁטַארְקֶע יִסוּרִים הָאט נִישְׁט גֶעהַאְט קֵיין בְּרֵירָה אוּן הָאט ווִידֶער אַרוֹיס גֶענוּמֶען אַ פֶּען מִיט פַּאפִּיר אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶע'חַתְמְ'ט אַז זַיין גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת וָואס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן גֶעט עֶר אַװעק פַּאר דֶעם דָאקְטֶער עֶר זָאל אִיהְם אוֹיסְהֵיילְן. דֶער דָאקְטֶער הָאט אִיהְם אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן דֶער תַּלְמִיד חָכָם הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט זַייעֶר גוּט, אוּן בֵּיידֶע זֶענֶען זִיךְ גֶעגַאנְגֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זַיין וֶועג.

דֶער תַּלְמִיד חָכָם גֵייט אַזוֹי אַ שָׁעָה צַייט בִּיז עֶר זֶעהט שׁוֹין זַיין שְׁטָאט, עֶר קוּמְט אַהֵיים, עֶר פַאלְט אוֹיף זַיין בֶּעט, אוּן נֶעמְט זִיךְ וֵויינֶען אוּן שְׁרַייעֶן מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת. זַיין וַוייבּ פְרֶעגְט אִיהְם פַּאר וָואס עֶר וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק עֶנְטְפֶערְט עֶר, וַוייל עֶר הָאט יֶעצְט גֶעמוּזְט אַװעק גֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת פַּאר אַ צְוֵוייטְן אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַּאר זַיין וַוייבּ וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶן מִיט אִיהְם אִין מִדְבָּר.

פוּן רוֹב צַעַר הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן אוּן אִיז אַזוֹי אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן הָאט עֶר גֶעהַאט אַ חָלוֹם, עֶר חָלוֹמְ'ט ווִי עֶר זֶעהט דֶעם דָאקְטֶער פַּאר זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר פַאלְט צוּ זַיינֶע פִיס אוּן בֶּעט אִיהְם עֶר זָאל אִיהְם צוּרִיק גֶעבְּן דֶעם שְׁטַר. עֶר וֵויינְט אַזוֹי זַייעֶר שְׁטַארְק צוּ דֶעם דָאקְטֶער, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער דָאקְטֶער אוּן זָאגְט, הֶער אוֹיס ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אִיךְ בִּין אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, אוּן דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דִיר אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט דִי וַואסֶער. דָאס הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעטָאן וַוייל דוּ הָאסְט זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטֶען אַז אַלֶע גוּטֶע זַאכְן קוּמְט פַּאר דִיר וֶועגְן דַיין תּוֹרָה, הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעוָואלְט ווייזְן דִי דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ אוּן נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען גוּטֶע זַאכְן פַּאר דֶעם. פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען נָאר וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען פַּאר דֶעם שְׂכַר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אָן זֶעהט אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען אַ חָלוֹם, עֶר נֶעמְט זִיךְ שְׁטַארְק חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז הַיינְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט נָאר מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן נִישְׁט כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר.

---

## דער ביהמ"ק זאל דָארט אוֹיפגֶעבּוֹיט וֶוערְן.

אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי בְּרִידֶער וואס האבן זיך זֵייעֶר שְׁטַארק לִיבּ גֶעהַאט. דער עֶלטֶערֶער בְּרוּדֶער האט גֶעלֶעבְּט אַלֵיין. ער האט נישט גֶעהַאט קיין קִינדֶער. דער אִינגֶערֶער בְּרִידֶער האט גֶעהַאט א שְׁטוּבּ מיט קִינדֶער.

די בְּרִידֶער הָאבְּן זיך צוּטֵיילְט מיט א פֶּעלְד וואס זֵייעֶר טַאטֶע האט זיי אִיבֶּערגֶעלָאזְט. די פֶּעלדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אֵיינֶער לֶעבְּן צְוֵוייטְן.

איין נַאכט נָאכְן אָפּשְׁנֵיידְן זיין תְּבוּאָה איז דער עֶלטֶערֶער ברודער גֶעלֶעגְן אין בֶּעט און נישט גֶעקֶענט אֵיינשְׁלָאפְן. ער האט גֶעטְרַאכט פון זיין יוּנגֶערֶער בְּרוּדֶער." ער האט דאך א שְׁטוּבּ מיט קִינדֶערלֶעך און ער מוּטשֶׁעט זיך אזוי מיט פַּרנָסָה. נישט נאר דאס נאר ער האט מיר גֶעשִׁיקט זֵיינֶע זין זיי זָאלְן מיר הֶעלְפְן". ער טְרַאכט און טְרַאכט בִּיז ער גיט א קְלַאפּ מִיט די הֶענט.

"פַּארוָואס האב איך נִישׂט גֶעטְרַאכט פון דעם פְּרִיעֶר. איך וועל נֶעמְן אַבִּיסְל פון מֵיין תְּבוּאָה און עס גֶעבְּן פאר מיין בְּרוּדֶער. איך וועל עס לֵייגְן אויף זיין הוֹיפְן גֶעשְׁנִיטֶענֶע תְּבוּאָה און ער וֶועט גָארנִישְׂט וִויסְן." גֶעטְרַאכט און גֶעטוּן.

אויף דער אַנדֶערֶער זייט פון דער צוּטֵיילטֶער פֶּעלד, בֵּיים אַנדֶערֶער ברודער אין שְׁטוּבּ , לִיגט דער בְּרוּדֶער און טְרַאכט. " מיין עֶלטֶערֶער ברודער, ער איז נֶעבֶּעך אַזוֹי אָן קֵיינֶעם . ער האט קֵיינֶעם אוֹיף די וֶועלט . איך הָאבּ א שְׁטוּבּ מִיט קינדער וואס מַאכְן מיר פְרֵיילִיך, זאל ער אויך זֵיין פְרֵיילִיך. איך וועל אים טְרָאגְן אַבִּיסְל פון מיין תבואה, און ער וועט מֵיינֶען אז דער אייבערשטער האט אים גֶעמַאכט א נֵס און עס איז גֶעוָוארְן מער פון זיין וֵוייץ."

אזוי גֵייעֶן בֵּיידֶע ברידער מיט די וֵוייץ אויף זֵייעֶרֶע אַקסְלֶען און זיי גייען עס טְרָאגְן צו די אַנדֶערֶע ברודער. עס איז געווען פַּארטָאגְס , מען האט נישט גֶעקֶענט זעהן פוּנקְטְלִיך וואס עס טוט זיך אִינדְרוֹיסְן. מִיטאַמָאל זֶעהט דער עלטערער ברודער ווי עֶפּעֶס קוּמט אים אַנטְקֶעגְן. ער האט זיך זייער דֶערשְׁרָאקְן ווייל ער האט נישט גֶעקֶענְט זעהן אויב דאס איז א מֶענְטְשׁ אָדֶער א חַיָה.

די בְּרִידֶער גֵייעֶן וֵוייטֶער ביז זיי טְרֶעפְן זיך. די ברידער האבן זיך אָנגֶעקוּקט, און זיי הָאבְּן זיך אַרוּמגֶענוּמְן און גֶעקוּשׂט אֵיינֶער דעם צְוֵוייטְן.

אין הִימְל איז גֶעוָוארְן א גרויסע גֶערִידֶער פון די גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׂאפט פון די צְוֵויי ברידערס האט מען דַאן בַּאשְׁטִימט אז דער ביהמ"ק זאל דָארט אוֹיפגֶעבּוֹיט וֶוערְן.

וֶוען אידן הָאבְּן זיך לִיבּ אֵיינֶער דעם צְוֵוייטְן האט אונז דער אייבערשטער ליב און רוּט צְוִוישְׁן אוּנז און בּוֹיט זיין הוֹיז דער ביהמ"ק צְוִוישְׁן די אִידְן און אוֹיבּ ח"ו איז דא מַחלוֹקוֹת מיט קְרִיגֶערֵייעֶן צווישן די אידישע קינדער דֶען וֶוערט דער ביהמ"ק חָרוּב און עס וֶוערט נִישׂט אוֹיפגֶעבּוֹיט.

**וִיהִי רָצוֹן שֶׁהַיָמִים הָאֵלוּ יִתְהַפְּכוּ לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה בב"א**

---

## מֵיין רֵייכקֵייט איז נָאר פַאר כָּבוֹד הַתּוֹרָה

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא ר' עַקִיבָא אִיז אַמָאל אַרוֹיס אִין מַארְק מיט זֵיינֶע תַּלְמִידִים צו פַּארקוֹיפְן עֶטלִיכֶע פון זֵיינֶע טֵייעֶרֶע פֶּערְלשְׁטֵיינֶער.

דָארט איז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן וָואס איז גֶעוֶוען אָנגֶעטוּן אין אָרִימֶע קְלֵיידֶער וָואס אוֹיאִין ביהמ"ד איז ער גֶעזֶעצְן אֵייבִּיג אוּנְטְן צְווִישְׁן אַלֶע אָרִימֶעלֵייט, אָט דֶער אָרִימַאן הָאט גֶעוָואלְט אָפְּקוֹיפְן אַלֶע שְׁטֵיינֶער.

ר' עַקִיבָא הָאט אִים גֶעזָאגט די פְּרֵייז וִויפִיל עֶר וִויל פַאר אַלֶע

די שְׁטֵיינֶער.

דֶער אָרִימַאן האט פַארלַאנְגט אז ר' עַקִיבָא זָאל מיט קוּמְן מִיט אים אַהֵיים און דָארט וֶועט ער אִים בַּאצָאלְן די גַאנְצֶע גֶעלְט.

ר' עַקִיבָא האט גֶעטְרַאכְט בֵּיי זִיוִויאַזוֹי קֶען זֵיין אז דֶער אָרִימַאן וִויל אָפְּקוֹיפְן די אַלֶע שְׁטֵיינֶער פון ווי הָאט ער גֶעלְט אָבֶער ר' עקיבא איז מִיטגֶעגַאנְגְן מיט דער אָרִימַאן צו זֶען וָואס וֶועט דָא זֵיין.

ווען זיי זֶענֶען אָנגֶעקוּמְן נָאנְט צוּ דֶער אָרִימַאן'ס הוֹיז הָאט ר' עקיבא גֶעזֶען וִוי עס לוֹיפְן אים אַנטקֶעגְן צְוֵויי קְנֶעכט און מֶען הֵייבְּט אִים אוֹיף , מֶען וַואשְׁט אים די פִּיס און מען האט אים אַרָאפגֶעזֶעצְט אויף א גָאלדֶענֶע שְׁטוּל.

דער איד האט גֶעהֵייסְן זֵיינֶע קְנֶעכְט מען זָאל בַּאצָאלְן פאר ר' עַקִיבָא די גַאנצֶע גֶעלט וָואס ער האט גֶעבֶּעטְן פַאר די שְׁטֵיינֶער. אוֹיהאט ער בַּאפוֹילְן פַאר זֵיינֶע קְנֶעכט זיי זָאלְן נֶעמְן די שְׁטֵיינֶער אוּן צוּמָאלְן און מַאכְן דֶערפוּן א שְׁטוֹיבּ און דָאס אוֹיסמִישְׁן מיט פַארשִׁידֶענֶע מֶעדִיצִינֶען וָואס ער פְלֶעגט גֶעבְן פאר אָרִימֶע קְרַאנקֶע מֶענטשְׁן.

דֶערנָאך האט עֶר גֶעבֶּעטְן ר' עַקִיבָא מיט זֵיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְ'ן פַארבְּלֵייבְּן בֵּיי אים און עֶסְן א סְעוּדָה.

נאך די סְעוּדָה האט ר' עַקִיבָא אים גֶעפְרֶעגט "אוֹיבּ די בִּיסְט יָא אזוי רֵייפַארוָואס גֵייסטוּ אָנגֶעטוּן ווִי א אָרִימַאן און פארוואס זִיצְט די אין ביהמ"ד צְוִוישְׁן די אָרִימֶעלֵייט."

דער איד האט גֶעעֶנפֶערט , אִי ווִיל נִישְׁט אַרוֹיסוַוייזְן מֵיין עַשִׁירוּת וֶועגְן צְוֵויי טַעַמִים, דִי עֶרשְׁטֶע טַעַם איז ווייל ווען מען גייט אָנגֶעטוּן רֵייך בְּרֶענגט דָאס צו גַאוָוה און דֶער אייבערשטער האט פֵיינט א בַּעַל גַאוָוה, און די צְוֵוייטֶע טַעַם איז ווייל אוֹיבּ ח"ו אִיך וועל אַמָאל וֶוערְן אָרִים וֶועל איך מִיך נִישְׁט דַארפְן טוֹישְׁן מֵיינֶע קְלֵיידֶער , אָדֶער מֵיין פְּלַאץ אין ביהמ"ד וֶועגְן דעם גֵיי איך שׁוֹין יֶעצט אזוי און איך זִיץ צְוִוישְׁן דִי אָרִימֶעלֵייט.

די אֵיינצִיגְסְטֶע מָאל וָואס איך בַּאנוּץ זיך מִיט מֵיין רֵייכקֵייט איז נָאר פַאר כָּבוֹד הַתּוֹרָה אָדֶער פַאר די מִצְוָה פון צְדָקָה און אויך דֶעמָאלטס פְּרוּבִּיר איך עס צו טון בַּאהַאלטֶענֶערהֵייט אז קֵיינֶער זאל נישט וְויסְן.

ווען ר' עקיבא האט דאס גֶעהֶערט האט ער אים גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז ער זאל לַאנג לֶעבְן און ער זָאל זֵיין רֵייך וִוילַאנג עֶר לֶעבְּט.

---

**דער ירושלים'ער קינד מיט נאפוליאן**

אין די צייטן פון די ערשטע וועלט מלחמה, אין יאר תרע"ד, איז געווען זייער א שווערע תקופה פאר די אידן אין די הייליגע שטאט ירושלים. די טערקישע רעגירונג האט דעמאלטס געהערשט אויף ארץ ישראל, וואס דאס אליין איז געווען ביטער שווער פאר די אידן, און צו דעם איז נאך צוגעקומען די מלחמה צייטן, וואס האט געברענגט א געוואלדיגע ארעמקייט און הונגער, רחמנא ליצלן.

אין ירושלים האט דעמאלטס געוואוינט א חשוב'ער איד, א מוהל, וואס ער האט געהאט אוועקגעלייגט א גאנצע 'גאלדענע נאפוליאן', א טייערע מטבע, וואס מיט דעם וואלט מען געקענט איינקויפן עסן פאר די משפחה פאר א גאנצע יאר! דאס האט דער איד געהאט אוועקגעלייגט העכער א שאנק ביי אים אינדערהיים.

דער איד האט געהאט א זיבן-אכט יעריגער אינגל, און איין טאג האט דאס קינד באמערקט דעם גאלדענעם נאפוליאן ליגן אויפן שאנק. די אינגל האט נישט געוואוסט קיין חילוק צווישן 'חירעלעך', וואס איז געווען די ביליגע מטבע, אזוווי היינט א ניקל אדער דיים, אדער די טייערע גאלדענע נאפוליאן, וואס איז געווען ווערט ממש אזוווי אפאר טויזנט דאלער! ער האט געוואוסט אז מיט א מטבע קען מען גיין אין גראסערי, און מ'קען מיט דעם קויפן א קענדי אדער א ניסעלע.

דאס קינד איז זעט אויס געווען צוגעוואוינט פון די פריערדיגע צייטן, אז די טאטע פלעגט אים פון צייט צו צייט געבן א חירעלע זיך צו גיין קויפן א גוטע זאך, און יעצט ווען ער האט

געזען די נאפאליאן, וואס ער האט דאך נישט געוואוסט די חשיבות און טייערקייט דערפון, האט ער עס געגעבן א רוק אריין אין טאש, און געגאנגען צו זיין באליבטע קענדי סטאר נעבן זיין הויז, זיך איינקויפן א גוטע זאך.

-----

שפעטער נאכמיטאג, די טאטע קומט אהיים, און זיינע אויגן פאלן אויפן שאנק. ער קוקט נאכאמאל. ער שטעלט זיך אויף אויפן בענקל צו כאפן א נאנטערע בליק. אפשר דאך.... אבער ניין.

די נאפאליאן איז נישטא. ס'איז פארשוואונדן.

ער פרעגט די מאמע אויב זי האט עס גענומען?

ניין.

פלוצלינג זעט ער ווי זיין אינגעלע האלט אפאר קענדיס אין די הענט. פרעגט ער אים: דו האסט גענומען עפעס פון העכער די שאנק?

יא, כ'האב גענומען די געלט.

און וואס האסטו געטון דערמיט? פרעגט די טאטע אינגאנצן דערשראקן.

כ'האב עס גענומען צו די גראסערי און געקויפט אפאר קענדיס.

-----

**ג-נ-ב!!!**

מיט איין אטעם לויפט די מאמע ארויס צו די קענדי געשעפט.

דו רשע מרושע! דו האסט אונז בא'גנב'ט אונזער לעצטע האפענונג! דו האסט גענומען א גאנצע גאלדענע נאפאליאן פון מיין זון, און אנשטאט דעם אים געגעבן אפאר קענדיס?!? שעמסט זיך נישט?!? מיר וואלטן געקענט האבן עסן פאר א גאנצע יאר פאר די נאפאליאן, און יעצט האבן אונז גארנישט!!!

גיב שוין צוריק די גניבה!

דער בעל הבית פונעם געשעפט איז געווארן אינגאנצן פארלוירן.

וואס ווילן ענק פון מיר? וואס זענען די געוואלדעס? ענקער זון האט מיר געברענגט א 'חירעלע', נישט קיין נאפאליאן. וואס הייסט נישט קיין נאפאליאן? לאמיר אים איבערפרעגן נאכאמאל.

פון וואו האסטו געהאט די מטבע?

איך... האב... עס... גענ... גענומען... פון... ה.... העכ.... העכער די ש.... שש.... שאאאאנק.

וואס טראכסטו, פרעגט זי אויפגערעגט צום בעל הבית, דו האלטס מיר האבן באהאלטן חירעלעך העכערן שאנק?!?

אודאי איז עס געווען די נאפאליאן וואס מיר האבן דארט אוועקגעלייגט!

פון די קולות איז זיך צוזאמגעלאפן א גרויסער עולם, און פארשטייט זיך אז יעדער האט געגעבן גערעכט פאר די מאמע.

אומזיסט האט זיך דער געשעפטסמאן פראבירט זיך צו פארענטפערן ווען קיינער האט אים ניטאמאל אויסגעהערט.

מ'האט אים נאר באשריגן 'גנב' און 'רויבער...'

ענדליך האט מען גע'פועל'ט מ'זאל גיין צו דין תורה.

נאכן אויסהערן די גאנצע מעשה פונעם טאטן, און די טענות פון די געשעפטסמאן, האט דאס בית דין גע'פסק'נט אזויווי די דין איז, אז דער געשעפטסמאן דארף שווערן אז ער האט נאר באקומען א חירעלע און נישט א נאפאליאן.

האט דער געשעפטסמאן געזאגט, אפילו עס איז אמת אז איך האב נאר באקומען א חירעלע, פונדעסטוועגן דאך וויל איך נישט שווערן, נאר ענדערש וועל איך אפצאלן די נאפוליאן צוביסלעך ביז א באשטימטע צייט.

פארשטייט זיך אז דאס האט נאך מער פארשטערקערט די חשד אז ער האט עס יא גענומען, און וועגן דעם וויל ער נישט שווערן, ווייל עכט איז עס יא א פאלשע שבועה... און ער איז געבליבן ביי יעדעם אפגעסטעמפלט אלס א פאלנער גנב, וועלכע האט נעבעך נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון, און האט צוגענומען אזא גרויסע סכום אין אזעלכע שווערע צייטן.

פון דעמאלטס און ווייטער פלעגן מענטשן זיך צוריקהאלטן איינצוקויפן ביי אים, ביז נישט לאנג נאכדעם האט ער געמוזט אינגאנצן אפשפארן דאס געשעפט, און איז נעבעך געבליבן א בלוטיגער ארעמאן און אויסגעשלאסן פון געזעלשאפט.

-----

אפאר יאר שפעטער, די מלחמה האט זיך שוין אפגעשטילט, די ענגלענדער האבן איבערגענומען הערשאפט איבער ארץ

ישראל, און דער ירושלים'ער מוהל באקומט איין שיינעם טאג א בריוו אין פאסט.
אינעם בריוו שרייבט אים א אינגערמאן:

"פאר עטליכע יאר צוריק, אין די שווערע מלחמה צייטן, האב איך שפאצירט אויפן גאס אין ירושלים, ווען אינמיטן באמערק איך א קינד גייט מיט א גאלדענע נאפוליאן אין די האנט. איך בין געווען הונגעריג. מיינע קינדער זענען נעבעך געווען אזוי אויסגעמאגערט און אויסגעהונגערט. זייער צער איז מיר ארויפגעשווימען פאר די אויגן. כ'האב מיר פארגעשטעלט אז דאס קינד קומט זיכער פון א גאר רייכע שטוב, וואס ערלויבן זיך אז זייער קינד זאל זיך ארומשפילן מיט אזא טייערע מטבע, און פון די צווייטע זייט ביי מיר גייען די קינדער ממש אויס פאר הונגער, צוזאמען מיט מיר און מיין ווייב... האב איך געטראכט אז איך וועל אויסבארגן דאס געלט אויף דערווייל, און מיטן אויבערשטן'ס הילף, ווען די מצב וועט זיך פארבעסערן, וועל איך עס אפצאלן.
בין איך צוגעגאנגען צום קינד און אים געבעטן צו ווייזן וואס ער האלט אין זיין האנט. אזויווי ער האט מיר געוויזן דעם נאפוליאן, האב איך אים פארשפילט, און אויפגעטוישט די נאפוליאן פאר א חירעלע. דאס קינד האט ניטאמאל איגאכט גענומען דעם טויש, און איז אוועקגעגאנגען פרייליך און צופרידן!
אצינד, אז די מלחמה איז שוין פאראיבער, און מיין מצב האט זיך אויך פארבעסערט, צאל איך אפ די הלואה, און איך בעט אייך איבער אז איך האב עס געטון אן אייער וויסן, ווייל עס איז ממש געווען פיקוח נפש"!

בייגעלייגט איז געווען א גאנצע גאלדענע נאפוליאן.

פארשטייט זיך אז דער איד איז געווארן אויס מענטש! דער געשעפטסמאן איז געווען גערעכט! ער האט טאקע נאר באקומען א חירעלע פונעם קינד, און נישט קיין נאפוליאן. בליץ שנעל איז ער אריבערגעלאפן אים איבערבעטן ארויף די צער און עגמת נפש וואס ער האט אים פארשאפט, און פארשטייט זיך אים צוריקגעצאלט די נאפוליאן וואס דער געשעפטסמאן האט זיך אנגעפלאגט אזוי ערליך צו באצאלן, נאך וואס ער האט נישט געוואלט שווערן, טאקע אויף אן אמת!

-----

דער גרויסער ירושלים'ער מגיד ר' שלום שוואדראן זצ"ל פלעגט פארציילן די מעשה, און ער האט ארויסגעברענגט וואס מ'קען זיך אפלערנען פון די מעשה, ווי ווייט מ'דארף אלעמאל דן זיין א צווייטן לכף זכות. ווען ס'האט טאקע אויסגעזען פאר יעדעם אז דער געשעפטסמאן איז א ליגנער און א גנב, אבער באמת איז ער געווען ערליך און אפגעהיטן און נישט צוגערירט קיין פרעמדע געלט.

אבער שפעטער האט ער צוגעלייגט וואס ער האט געהערט פון א חשוב'ע עלטערע ירושלים'ער איד, וועלכע האט אליינס מיטגעהאלטן די מעשה, און האט צוגעלייגט א געוואלדיגע טיפע מוסר השכל.

-----

יארן שפעטער, די אלע אידן וועלכע זענען געווען פארמישט אין די מעשה זענען שוין נפטר געווארן, און ארויפגעקומען אויפן עולם האמת. מ'משפט זיי פאר אלע זייערע מעשים, און מ'קומט אויך אן צו די מעשה פון די גאלדענע נאפוליאן.

לאמיר מאכן א חשבון.
דער טאטע, וואס דורך אים האט דער געשעפטסמאן נעבעך באקומען אזעלכע בזיונות, אבער למעשה ער האט דאך געוואוסט קלאר אז דאס קינד האט גענומען די נאפוליאן, וואס איז טאקע געווען אמת, און האט נישט געקענט האבן קיין מינדעסטע ספק אז די געשעפטסמאן האט באקומען עפעס אנדערש. נו, ער איז מסתמא ארויס זכאי בדין.
דער געשעפטסמאן, אה! ער האט דאך אזויפיל געליטן אומזיסט! ער האט זיך אפילו אפגעפלאגט צו באצאלן וואס ער איז אין אמת'ן בכלל נישט געווען שולדיג! ער גייט זיכער גלייך אין גן עדן.
דער אינגערמאן וואס האט אויפגעטוישט די מטבעות ביים קינד און אנגעדרייעט די גאנצע סומאטוכע, אים קען מען אויך דן זיין לכף זכות אז ער איז נעבעך געווען אן אונס וועגן די

שווערע מצב, און צום סוף האט ער דאך מקיים געווען והשיב את הגזילה. נו, ער איז מסתם אויך ארויס זכאי בדין. דאס בית דין וואס האט גע'פסק'נט אז דער געשעפטסמאן דארף שווערן אדער צוריקגעבן די נאפוליאן, זיי זענען זיכער גארנישט שולדיג, ווייל "אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות", א דיין קען נאר פסק'ענען לויט וויאזוי ער זעט די מעשה.

אבער, הערט וואס דער צדיק האט געזאגט אונז דארפן זיך אפלערנען פון די מעשה, ווער ליידט נעבעך יא פון די מעשה? ווער איז נישט ארויס זכאי בדין אויבן אין הימל? דאס זענען די אלע ארומיגע מענטשן וועלכע האבן זיך אריינגעמישט אין די מעשה! די וועלכע האבן געשריגן אויפן געשעפטסמאן און אים פארשעמט! די וועלכע האבן אים נאכגעשריגן 'גנב' און גע'רודפ'ט אים און זיינע קינדער! די מענטשן האבן זיכער נישט קיין תירוץ פאר זייער אויפפירונג! די מענטשן, אדער בעסער געזאגט 'אוממענטשן', זיי זענען נעבעך באשטראפט געווארן פארן זיך מישן און אנדרייען א מחלוקת!

-----

לאמיר זיך אפלערנען פון און בן פלת'ס ווייב, וואס בלייבט לדורות עולם אלס די העלד פון די מעשה פון קרח! אלעמאל ווען מ'רעדט פון די מחלוקה פון קרח ועדתו קעגן משה רבינו, און די ביטערע סוף וואס זיי האבן נעבעך באקומען, פארציילט מען אויך אז און בן פלת האט זיך ארויסגעדרייט פון די מחלוקה וואס האט מיט אים נישט געהאט קיין שייכות.

ס'מאכט זיך אסאך מאל מ'זעט מענטשן קריגן זיך. אודאי איז מחלוקת א געפערליכע זאך, אבער זיך אריינמישן, דאס איז נאך סאך ערגער!

ווער זאגט דיך אז דער פאר וועם דו נעמסט זיך אן איז גערעכט? אפשר האסטו נישט געזען די גאנצע מעשה, און ווען דו מישסט זיך אריין מאכסטו נאר ערגער? און אפילו אויב דו ווייסט יא ווער ס'איז גערעכט, האסט אליין געזען וויאזוי ס'האט זיך אנגעהויבן, אפשר ציט זיך שוין די מחלוקה פון נעכטן? אפשר איז דא 'נאך עפעס' געווען וואס דו ווייסט נישט?

פון זיך נישט אריינמישן האט נאך קיינער נישט פארלוירן, אויב עפעס נאר פארדינט, אזוי ווי און בן פלת וועלכע איז למעשה געבליבן לעבן און איז נישט איינגעשלונגען געווארן אין די טיפע גרוב צוזאמען מיט קרח און דתן ואבירם.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן מ'זאל זיך קענען צוריקהאלטן פון מחלוקת, סיי זיך נישט אליין ארומקריגן מיט אנדערע, און זיכער נישט זיך אריינמישן ביי אנדערע מחלוקת, נאר לעבן מיט יעדן איינעם מיט שלום ושלוה אהבה אחוה ורעות, און דורכדעם זוכה זיין צו אלע ברכות, אזוי ווי די גמרא ענדיגט זיך סוף ש"ס, לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום.

)איבערגעטייטשט - מיט הוספות - פון ספר 'שאל אביך ויגדך' מאוצרו של ר' שלום שבדרון זצ"ל(

---

# קמצא און בר קמצא

די גמרא זאגט אז די ערשטע בית המקדש איז חרוב געווארן ווייל די אידן האבן עובר געווען אויף הארבע עבירות, אבער ביי דעם צווייטען בית המקדש האבן די אידן געלערנט און געטוהן מצוות, נאר זיי האבן פיינט געהאט איינער דעם צווייטען און זיי האבן געמאכט מחלוקת, עס איז געווען שנאת חנם, און נאר וועגן די עבירה איז דאס צווייטע בית המקדש חרוב געווארן, און וועגן דעם זענען מיר אלע אין גלות שוין כמעט צוויי טויזנט יאהר ביז צום היינטיגען טאג, דאס

קענען מיר זעהן פון די מעשה פון "קמצא בר קמצא." אין ירושלים האט געוואוינט א מענטש וואס האט געהאט א חבר "קמצא" און זיין פיינט האט געהייסען "בר קמצא". דער מענטש האט אמאהל געמאכט א גרויסע סעודה, און ער האט געשיקט רופן זיין חבר "קמצא, צו די סעודה, דער באדינער האט נישט פונקטליך געהערט און ער האט בטעות גערופן זיין פיינט "בר קמצא". ווען דער בעל הבית איז אריינגעקומען אין שטוב און ער האט געטראפן זיין פיינט "בר קמצא" זיצט ביי די סעודה האט ער צו איהם געזאגט: "דו ביסט דאך מיין שונא פון לאנג, וואס האסט דו צו טוהן ביי מיין סעודה? שטיי אויף און גיי ארויס!". האט "בר קמצא געזאגט: "איך בעהט דיך פארשעם מיך נישט, לאז מיך דא בלייבען און איך וועל דיר באצאהלען וואס איך וועל עסען און טרונקען". האט דער מענטש געענטפערט "איך וויל דיך נישט דא האבן" "איך וועל דיר צאהלן א העלפט וואס עס קאסט די גאנצע סעודה" "ניין!". איך וועל דיר באצאהלן וויפיהל עס קאסט די גאנצע סעודה אבער לאז מיר נאר דא בלייבען און פארשעם מיך נישט!" "ניין!". ער האט אהנגעכאפט בר קמצא ביי די האנט און האט איהם ארויסגעווארפן. בר קמצא האט צו זיך געזאגט: ס'איז דאך דארט געזעסן אסאך חשוב'ע רבנים און זיי האבן נישט געשטערט מן הסתם האבן זיי מסכים געוועהן מיך צו פארשעמען, איך וועל פאהרען קיין רוים און איך וועל זיי מסר'ן צום קיסר [קעניג], ער איז געפאהרען קיים רוים און ער האט געזאגט צום קיסר: "די אידן האבן ווידער געשפעניגט קעגן דיר". האט דער קיסר געזאגט: "ווער זאגט? אפשר זאגסטו ליגענט" האט בר קמצא געזאגט "שיק א קרבן קיין ירושלים מען זאל דאס מקריב זיין און דאן וועסטו זעהן אויב זיי וועלן דאס מקריב זיין."

דער קיסר האט דעמאלס געשיקט א דריי יאריקער קאלב קיין ירושלים מיט בר קמצא, בר קמצא האט אין מיטן וועג געמאכט א מום אין די ליפן (טייל זאגן אין די אויגן) וואס ביי אונז אידן איז דאס א מום אבער ביי די גוים הייסט עס נישט קיין מום, כדי די אידן זאלן דאס נישט מקריב זיין און זיי זאלן נישט קענען זאגען פאר'ן קיסר אז עס האט געהאט א מום, ווען בר קמצא איז אהנגעקומען קיין ירושלים האבן די רבנים געוואלט מקריב זיין דעם קרבן, כדי נישט צו דערצערענען דעם קיסר, רבי זכרי' בן אבקילס האט אבער געזאגט: "מענטשען וועלן זאגן אז מען מעג מקריב זיין א קרבן מיט א מום". בר קמצא איז געגאנגען און צוריק געברענגט דעם קאלב צום קיסר און געוויזן אז די אידן האבן טאקע מורד געוועהן אין איהם. האט ר' יוחנן געזאגט אז דאס פרומקייט און עניוות פון רבי זכרי' האט חרוב געמאכט דאס בית המקדש און אונז געשיקט אין גלות.

נירון קיסר איז געקומען קיין ירושלים. ווען ער איז שוין געוועהן נאנט צו ירושלים האט ער געוואלט אויספראוווען זיין מזל, האט ער געשאסן א פייל אויף מזרח זייט האט זיך די פייל אומגעקערט און געפאלען אויף ירושלים, האט ער געשאסן א פייל אויף מערב איז עס אויך געפאלען אויף ירושלים, אויף וועלכע זייט ער האט נאר געשאסן איז עס אלץ געפאלען אויף ירושלים, האט ער פארשטאנען אז ער וועט די שטאט איינעמען, דערנאך האט ער געטראפן א קליין קינד, און ער האט געזאגט צו איהם: זאג מיר דיין פסוק וואס דו האסט היינט געלערנט? האט דאס קינד געענטפערט "ונתתי נקמתי באדום וגו'". האט נירון קיסר געזאגט "דער אויבערשטער וויל זיין הויז חרוב מאכן און נאכדעם וויל ער נקמה נעמען פון דעם וואס האט עס געטוהן?" ער איז אוועק געלאפן און ער האט זיך מגייר געוועהן און עס איז ארויסגעקומען פון איהם דער הייליגער תנא ר' מאיר.

**ב**

דער קיסר האט דעמאלס געשיקט אספיינוס קיסר און ער איז געקומען קיים ירושלים און ער האט באלאגערט די שטאט ירושלים דריי יאהר. אין ירושלים האבן געוואוינט דריי עשירים: נקדימון בן גריון. בן כלבא שבוע. און בן ציצית הכסת. איינער פון זיי האט געזאגט איך וועל שפייזען די גאנצע שטאט מיט וויין, זאלץ און אויל. דער אנדערער האט געזאגט: אז איך וועל שפייזען די גאנצע שטאט מיט ווייץ און גערשטען. און דער דריטער האט געזאגט אז ער וועט שפייזען די גאנצע שטאט מיט האלץ. זיי האבן געהאט גענוג צו שפייזען די גאנצע שטאט איין און צוואנציג יאהר.!

אין שטאט זענען דעמאלס געוועהן אסאך שלעכטע מענטשן זיי האבן געהייסען "בריונים" די חכמים האבן געזאגט צו די בריונים "לאמיר ארויסגיין פון שטאט און מאכען שלו' מיט די רוימים". און די בריונים האבן געזאגט: לאמיר גיין האלטען מלחמה מיט די רוימים. די חכמים האבן דאס נישט געוואלט ווייל זיי האבן געוואוסט אז מען וועט נישט געווינען די

מלחמה און דאס בית המקדש וועט חרוב ווערן. זענען די בריונים געגאנגען און האבן פארברענט אלע אוצרות כדי מען זאל נישט האבן וואס צו עסען וועט מען מוזן גיין מלחמה האלטען און עס איז געווארען א גרויסע הונגער אין שטאט. ר' יוחנן בן זכאי איז געגאנגען שפאצירן אין די גאסן פון ירושלים האט ער געזעהן ווי מענטשען קאכן שטרוי און טרונקען דאס וואסער ווייל עס איז שוין נישט געווען קיין עסן אין שטאט, האט ער געזאגט: "מענטשען וואס קאכען שטרוי און טרונקען דאס וואסער וועלן דען קענען זיך א קעגן שטעלן קעגן דאס מיליטער פון אספיינוס?" עס איז נישטא קיין אנדערע עצה נאר אז איך זאל ארויס פון שטאט. אבא סיקרא איז געווען דער עלסטער פון די בריונים און ער איז געווען א זוהן פון ר' יוחנן'ס שוועסטער, ר' יוחנן בן זכאי האט געשיקט רופן נאך איהם ער זאל קומען צו איהם בסוד, און ר' יוחנן האט געזאגט צו איהם: "ווי לאנג נאך וועסטו אזוי טוהן און לאזן יעדן איינעם שטארבען פון הונגער?". האט אבא סיקרא געזאגט וואס זאל איך טוהן? אויב איך וועל זיי עפעס זאגען וועלן זיי מיך הרג'נען! האט ר' יוחנן געזאגט "געב מיר א עצה ווי אזוי איך זאל קענען ארויסגיין פון די שטאט אפשר וועל איך קענען כאטש עפעס ראטעווען. האט אבא סיקרא געזאגט: טוה אזוי! מאך דיך קראנק און אלע מענטשען וועלן קומען דיך מבקר חולה זיין דערנאך זאל מען לייגען א שטיק נבילה פלייש נעבן דיר וואס דאס האט א שלעכטע גערוך און מען וועט מיינען אז דו ביסט געשטארבען, אזוי וועט מען דיך לאזן ארויסטראגען צו באגראבען אויסער די שטאט, און נאר דיינע תלמידים זאלן דיך טראגען כדי מען זאל נישט וויסען אז דו לעבסט ווייל א לעבעדיגע מענטש איז גרינגער ווי א טויטע. ר' יוחנן האט אזוי געטוהן. ר' אליעזר האט איהם אהנגעכאפט צו קאפינס און ר' יושע צו פוס'נס און מען האט איהם ארויסגעטראגען פון ירושלים, מען האט איהם געטראגען ביז אספיינוס. ר' יוחנן האט זיך געשטעלט פאר אספיינוס און געזאגט צו איהם: "שלום עליכם קעניג! שלום עליכם קעניג!" אספיינוס האט זיך געבייזערט און געזאגט צו איהם "דו ביסט צווי מאהל חייב מיתה! איינמאהל ווייל דו האסט מיך גערופן קעניג און איך בין נישט קיין קעניג, און אויך, אויב איך בין יא א קעניג פארוואס ביזט דו נישט געקומען צו מיר ביז יעצט?" האט ר' יוחנן געענטפערט: באמת ביסטו יא א קעניג, און אויף די צווייטע שאלה – האב איך נישט געקענט פריער קומען ווייל די בריונים האבן מיך נישט געלאזט." אזוי ווי זיי האבן גערעדט איז געקומען א שליח פון רוים און האט געזאגט צו אספיינוס "שטיי אויף! דער קיסר פון רוים איז געשטארבען און מען האט דיך אויפגענומען אלץ נייע קעניג". אספיינוס איז געווען אהנגעטוהן איין שיך, האט ער געוואלט אהנטוהן דעם צווייטען האט ער נישט געקענט, האט דער קיסר געפרעגט ר' יוחנן בן זכאי "וואס איז דאס?" האט ר' יוחנן געענטפערט: "זארג דיך נישט, דו האסט געהערט א גוטע בשורה איז דייןביין פעט געווארן אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: "שמועה טובה תדשן עצם" נו וואס זאל איך טוהן? "לאז דיין פיינט דורך גיין פאר דיר וועט דיין ביין מאגער ווערן. האט דער קיסר אזוי געטוהן איז די שיך אראפגעקומען. אספיינוס האט געזאגט: איך מוז יעצט פאהרען קיין רוים און איך וועל שיקן א אנדערן אויף מיין ארט. נאר בעהט עפעס פון מיר און איך וועל דאס טוהן. האט ר' יוחנן געזאגט: "געב מיר די שטאט יבנה און איהרע חכמים און מאך עס נישט חרוב, און לאז לעבן די משפחה פון רבן גמליא'ל וואס ער קומט פון דוד המלך, און געב מיר א דאקטער צו היילען ר' צדוק". ווייל פאר ר' צדוק זענען די געדערם איינגעשרימפען געווארען פון וועגן אזוי פיהל פאסטען וואס ער האט געפאסט אז דאס בית המקדש זאל נישט חרוב ווערן. ר' עקיבא האט געזאגט אז דער אויבערשטער האט צוגענומען דאס שכל פון ר' יוחנן ווייל ער האט געדארפט בעהטן פון אספיינוס אפצולאזן ירושלים. אבער ר' יוחנן האט געטראכט אז אויב ער וועט בעהטען אזא גרויסע זאך וועט ער אפילו די קליינע אויך נישט טוהן.

### ג

אספיינוס איז געפאהרען קיין רוים און ער האט געשיקט זיין זוהן טיטוס הרשע קיין ירושלים. ער האט איינגענומען די שטאט און ער האט געזאגט: "וואו איז דער ג-ט פון די אידן וואס זיי פארלאזען זיך אויף איהם פארוואס קומט ער זיי נישט העלפן?" ער איז אריין געגאנגען אין קודש הקדשים וואס קיינער האט נישט געטארט אריינגיין נאר דער כהן גדול יום כיפור, און ער האט גענומען א ספר תורה און ער האט דאס אויסגעשפרייט אויף די ערד און ער האט דארט געטוהן שלעכטע זאכען. ער האט געמאכט די פרוכת אזוי ווי א קארב, ער האט אריינגעלייגט אין דעם אלע כלים פון בית המקדש, און ער האט עס אריינגעלייגט אין א שיף ער זאל זיך קענען גרויסהאלטען מיט זיי אין רוים.

ווען ער איז געפאהרען מיט די שיף אויפן ים איז געווארען א גרויסע שטורם אויפן ים און די שיף איז כמעט דערטראנקען געווארען. האט טיטוס הרשע געזאגט: "זעהט זיך אויס אז די ג-ט פון די אידן איז נאר שטארק אויפן וואסער, פרעה איז געקומען האטער איהם דעטראנקען אין ים, סיסרא איז אויך דערטראנקען געווארען אין וואסער און אזוי טוהט ער מיט מיר. אויב ער איז שטארק זאל ער מלחמה האלטען מיט מיר אויף דער טריקעניש". איז דעמאלס ארויס א בת קול פון הימעל און האט עזאגט: "דו רשע בן רשע. דו אייניקל פון עשו הרשע, איך האב א קליין באשעפעניש אויף די ערד וואס הייסט א פליג, קום אויף די טרוקעניש און מאך מיט איהר א מלחמה". ער איז ארויס אויף די טרוקעניש איז איהם די פליג אריין געפלויגן אין די נאז און עס האט איהם געלעכערט דעם מוח זיבן יאהר.

איינמאהל איז ער אדורך די טיהר פון א שמיד האט זיך די פליג דעשראקען פון דעם קול פון דעם האמער און האט אויפגעהערט צו לעכערן טיטוס קאפ, האט טיטוס געזאגט "ס'איז דאך דא א עצה". יעדן טאג האט מען געברענגט א שמיד ער זאל פאר איהם קלאפן מיט'ן האמער. פאר א גוי'שער שמיד האט ער געצאהלט פיהר זוזים, און פאר א איד האט ער גארנישט געצאהלט, ער האט געזאגט "ס'איז גענוג אז דו זעהסט די נקמה פון דיין שונא". ביז דרייסיג טעג איז די פליג שטיל געבליבען דורך די קול פונעם האמער, דערנאך איז די פליג געווארען צוגעוואוינט צום קלאפן און עס האט ווייטער געבויערט ביז ער איז געשטארבען.

רבי פנחס בן ארובא האט געזאגט: "איך בין געוועהן צווישען די חשוב'ע מענטשן פון רוים ווען ער איז געשטארבען, זיי האבן געעפענט זיין קאפ און זיי האבן געפונען דעם פליג. איז זי געוועהן אזוי גרויס ווי א פויגל, איהר מויל איז געוועהן פון קופער, און איהרע נעגעל פון אייזען.

אזוי ווי מיר האבן שוין פריער געזאגט איז דאס ערשטע בית המקדש חרוב געווארען וועגן עבודה זרה, גילוי עריות, און שפיכת דמים. און ביי דעם צווייטען בית המקדש האבן די אידן געלערנט און געדאוועט און געטוהן מצוות נאר עס איז געוועהן צווישן זיי שנאת חנם, זעהן מיר פון דעם אז שנאת חנם איז ערגער ווי די דריי גרויסע עבירות, און ווייל מען האט מבייש געוועהן בר קמצא און מען האט איהם ארויסגעטריבען פון די סעודה האט דאס גורם געוועהן אז דער אויבערשטער האט חרוב געמאכט דאס בית המקדש. איבער דעם דארפן מיר זעהן מען זאל קיינעם נישט פארשעמען און קיינעם נישט פיינט האבן און מיט קיינעם נישט מאכען קיין מחלוקת נאר אדרבה, מען זאל יעדן איינעם ליעב האבן אזוי ווי זיך אליינס, און אין דעם זכות וועט דער אויבערשטער אונז אויסלייזען פון דעם גלות און ער וועט אויפבויען דאס דריטע בית המקדש במהרה בימינו אמן.

---

# מרתא בת בייתוס

מרתא בת בייתוס איז געוועהן די רייכסטע אין ירושלים. האט זי געזאגט צו איהר קנעכט גיי אויפן מארק און קויף מיר ווייס זעמעל מעהל, ביז ער איז געקומען אויפן מארק איז שוין אלעס פארקויפט געווארען, איז ער געקומען און געזאגט: קיין ווייס זעמעל מעהל איז שוין נישטא, נאר דאס פראסטע ווייסע מעהל איז דא, האט זי געזאגט: גיי קויף, און איידער ער איז געגאנגען קויפן האט ער דאס ווייסע אויך פארשפעטיגט, איז ער ווידער געקומען און געזאגט: ווייס מעהל איז שוין אויך נישטא נאר גראב מעהל איז דא, האט זי געזאגט גיי קויף. און איידער ער איז געגאנגען האט ער דאס שוין אויך פארשפעטיגט, איז ער געקומען און געזאגט: קיין גראב מעהל איז שוין אויך נישטא, נאר גערשטען מעהל איז דא. האט זי געזאגט: גיי קויף. און איידער ער איז געגאנגען האט ער דאס שוין אויך פארשפעטיגט. האט זי זיך נאך נישט געהאט אהנגעטוהן

איהרע שיך, האט זי געזאגט: איך וועל אליין גיין זעהן, אפשר וועל איך באקומען עפעס צו עסען. ווען זי איז געגאנגען האט זיך איהר אהנגעקלעפט צואה פון א בהמה אויף איהרע פוס, און זי האט זיך פארעקעלט און זי איז פון דעם געשטארבען, ווייל זי איז געוועהן זייער איידעל. עס זענען דא וואס זאגען אז נישט פון דעם איז זי געשטארבען, נאר זי האט אויפגעגעסען די פייג פון ר' צדוק און פון דעם איז זי געשטארבען. ווייל ר' צדוק האט געוואוסט אז דאס בית המקדש גייט חרוב ווערן, האט ער געפאסט פערציג יאהר אז עס זאל נישט חרוב ווערן, און ווען ער האטגעגעסען האט מען געזעהן פון אויסענווייניג וואס ער האט געגעסען, און יעדע נאכט ווען ער האט געוואלט אויספאסטען האט מען געברענגט א פייג און ער האט ארויסגעזויגען די אינעווייניגסטע און ער האט דאס נאכדעם אוועק געווארפען, און די פייג האט מרתא געטראפען און פאר גרויס הונגער האט זי דאס אויפגעגעסען, און זי איז פון דעם געשטארבען ווייל זי האט זיך פאר'מיאוס'ט. ווען זי האט געהאלטען ביים שטארבען, האט זי גענומען איהר גאלד און זילבער, און ווארפן אויף די גאסען, און האט געזאגט: וואס דארף איך דאס נאכ'ן טויט.? אזוי איז מקוים געווארן דער פסוק אין יחזקאל ז' "כספם בחוצות ישליכו" זייער זילבער און גאלד וועלן זיי ווארפן אין די גאסען.

וועגן א האן מיט א הינדעל איז חרוב געווארן די שטאט טור מלכא. ווייל עס פלעגט זיין א מנהג ווען מען האט געפיהרט א חתן מיט א כלה אונטער די חופה, האט מען געטראגען פאר זיי א האן מיט א הינדל, צו ווייזען אז זיי זאלן זיך מערן אזוי ווי די הינער. איינמאהל איז אדורך געגארנגען די ארמיי פון רוים, און האבן אוועק גענומען די הינער. זענען די אידן זיי באפאלען. איז דאס ארמיי געקומען אויף זיי, צווישן זיי איז געוועהן איינער וואס האט געהייסען "בר דרומה". ער פלעגט געבען איין שפרונג אויף איין מייל און האט גע'הרג'ט אלע וואס זענען געשטאנען אין דעם מייל, האט דער שר הצבא פון די רומים געזאגט: "רבונו של עולם! אויב דו ווילסט אז איך זאל אומקומען, זאלסטו נישט איבערגעבען מיך מיט מיין פאלק אין די הענט פון איין מענטש." און דער בר דרומה האט איהם זיין מויל געשטרויכעלט ווייל ער האט געזאגט: "דו ג-ט האסט אונז פארלאזט און דו גייסט נישט אין אונזערע מלחמות". איז ער געגאנגען אין בית הכסא איז געקומען א שלאנג און האט איהם געלאזט א גיפט אין זיינע געדערים, און ער איז געשטארבען, האט דער שר הצבא געזאגט: "ווייל ג-ט האט מיר געטוהן א נס, דערפאר וועל איך אצינד גארנישט טוהן פאר די שטאט" און ער איז אוועק געגאנגען פון די שטאט. אזוי ווי די אידן האבן דאס געזעהן אז ער איז אוועקגעגאנגען, זענען זיי פרייליך געווארן, און זיי האבן געגעסן און געטרונקען און אהנגעצינדען אסאך ליכט, ביז מען האט געקענט פאר איין מייל פון די שטאט דאס שריפט וואס איז געוועהן אויף דעם רינגעל פון א פינגער. אזוי! האט דער שר הצבא געזאגט, "זיי שפעטען און זענען פרייליך"! האט ער זיך ווידער אומגעקערט צו די שטאט, זאגן די חכמים אז דריי הונדערט טויזענט מענטשן מיט בלויזע שווערדן זענען מיט איינמאהל אריין אין שטאט, און האבן גע'הרג'ט דריי טעג און דריי נעכט און אין זייט פון די שטאט האט מען געוויינט און געקלאגט, און אין די אנדערע זייט שטאט האבן זיי געטאנצט, און זיי האבן נישט געוואוסט איינער פון אנדערען אזוי גרויס איז געוועהן די שטאט. עס שטייט אין פסוק [איכה ב'] "בילע ה' ולא חמל אל כל נאות יעקב" דאס איז טייטש אז ג-ט האט פארדארבען און ער האט זיך נישט דערבארעמט אויף איבער אלע וואוינונג פון יעקב, דאס מיינט מען אז ינאי המלך האט געהאט זעקס הונדערט טויזענט שטעט, און אין יעדע שטאט איז געוועהן אזויפיהל אידן וואס זענען ארויס פון מצרים, און דריי שטעט זענען געוועהן וואס אין יעדע פון זיי איז געוועהן דאפעלט ווי עס איז ארויס פון מצרים, און זיי האבן געהייסען: כפר סכניא, כפר שחלים, און כפר דכריא. און זיי זענען אלע חרוב געווארען, פארוואס זענען זיי חרוב געווארען, ווייל זיי האבן נישט ריכטיג געטרויערט אויפן חורבן בית המקדש.

---

# מעשה בר כזיבא וחורבן ביתר

### א

צוויי און פופציג יאר האט די שטאט ביתר אויסגעהאלטן אקעגן די רומיים נאך דעם חורבן פון ירושלים און דער בית המקדש. דערנאך איז עס חרוב געווארן אויך אין תשעה באב. די מעשה איז געווען אזוי:

דער מנהג איז דעמאלס געווען אז ווען א קינד איז געבוירן געווארן האט מען איינגעפלאנצט א טענען בוים אין גארטן. ווען דאס קינד איז אויפגעוואקסן און האט חתונה געהאט האט מען געמאכט די חופה שטאנגען פון דעם בוים. איינמאל איז די טאכטער פונ'ם קיסר דורך געפארן און עס האט זיך צובראכן איר וואגן. אירע קנעכט האבן אראפגעשניטן א טענען בוים צו פארעכטן דעם וואגן. ווען די יודען האבן דאס געזען האבן זיי באפאלען די קנעכט און זיי געשלאגן. די קנעכט האבן דאס באלד דערציילט פאר'ן קיסר און זיי האבן געזאגט "די יודען ווידערשפעניגן אין דיר, גיי מאך מיט זיי א מלחמה!" אכציג טויזנט סאלדאטן האבן באלאגערט [ארום גענומען] די שטאט ביתר. אין ביתר האט געוואוינט א שטארקע מענטש, א גיבור, מיט'ן נאמען "בר כוזיבא" [ער האט אויך געהייסן בר כוכבא]. ער האט געהאט א מיליטער פון צוויי הונדערט טויזנט יונגע יודען מיט אפגעהאקטע פינגער! [זיי האבן זיך געמוזט אפהאקן זייערע פינגער צו ווייזן זייער שטארקייט]. האבן די חכמים געזאגט צו עם "ווילאנג וועסטו נאך מאכן די יודען בעלי מומין?". האט בר כוזיבא זיי געזאגט "ווי אזוי דען קען איך זעהן ווער איז שטארק?" די חכמים האבן עם געענטפערט "ווער עס קען ארויסרייסען א טענען בוים רייטענדיג אויף א פערד קענסטו אריין נעמען אין דיין מיליטער. האט ער דאן צוזאמגעקליבן נאך! צוויי הונדערט טויזנט פון די גיבורים און ער האט אלעס צוזאמען געהאט פיר הונדערט טויזנט גיבורים. וואס איז געווען די שטארקייט פון בר כוזיבא? ער פלעגט כאפן די גרויסע שטיינער וואס די רומיים האבן געווארפן אויף די יודען און ער האט זיי צוריק געווארפן אויף זיי און אזוי געהרג'ט אסאך מענטשן.

### ב

דריי און א האלב יאר האט אנדרינוס קיסר מיט זיין מיליטער באלאגערט די שטאט ביתר. ס'האט דארט געוואוינט דער גרויסער תנא ר' אלעזר המודעי. ער איז געזעסן א גאנצן טאג אנגעטון מיט א זאק און געפאסט. ער האט כסדר מתפלל געווען "רבונו של עולם, מאך נישט היינט קיין משפט אויף אונז!"

ווען אנדרינוס האט געזען אז ער קען נישט איין נעמען די שטאט, האט ער געוואלט זיך צוריק אהיים קערן. האט א כותי עם געזאגט "ווילאנג דער האן [מיינענדיג ר' אלעזר וואס האט כסדר געדאווענט] באדעקט זיך מיט אש וועסטו נישט קענען געווינען, ווארט פאר מיר און איך וועל ערלעדיגען אז דו זאלסט נאך היינט איינעמען די שטאט"! ער איז אריין געקראכן אין די שטאט און ער האט דארט געטראפן ר' אלעזר המודעי דאווענען. ער האט זיך געמאכט אזוי ווי ער זאגט אריין א סוד אין זיין אויער כדי מ'זאל מיינען אז ר' אלעזר וויל אויסזאגן ווי אזוי אנדרינוס זאל קענען אריין קומען אין שטאט זי איינעמען! מען האט דאס דערציילט פאר בר כוזיבא. ער האט געלאזט רופן דעם כותי און בר כוזיבא האט עם געפרעגט וואס ער האט גערעט מיט ר' אלעזר. האט דער כותי געזאגט אז ער קען עם דאס נישט ענטפערן... בר כוזיבא האט דאן טאקע געמיינט אז ר' אלעזר וויל איבערגעבן די שטאט פאר די גוים, און ער האט געהייסן ר' אלעזר קומען פאר עם. ווען ר' אלעזר איז געקומען האט ער עם געפרעגט "וואס האט דער כותי געזאגט צו דיר?" האט ער געענטפערט "איך ווייס נישט וואס ער האט מיר געזאגט, איך האב געהאלטן אינמיטן דאווענען און איך האב גארנישט געהערט"! "און וואס האסטו עם געזאגט?" "גארנישט". בר כוזיבא האט זיך שטארק אויפגערעגט און ער האט עם געשטויסן מיט זיין פוס, און ער האט עם געהרג'ט!. דאן האבן די עבירות גורם געווען און די שונאים האבן איינגענומען די שטאט און געהרג'ט בר כוזיבא.

### ג

מ'האט געברענגט די קאפ פון בר כוזיבא צו אנדרינוס קיסר. האט ער געפרעגט "ווער האט עם געהרג'ט?" האט א כותי געענטפערט אז ער האט עם געהרג'ט. האט דער קיסר געזאגט "גייט און ברענגט זיין קערפער". מ'איז געגאנגען טוהן דעם באפעל פונ'ם קיסר, און מ'האט געטראפן א שלאנג געוויקלט ארום זיין האלדז. האט אנדרינוס זיך אנגערופן "אויב דער אויבערשטער וואלט עם נישט געהרג'ט, ווער וואלט עם געקענט הרג'נען"?

די רומיים זענען אריין אין ביתר און האבן דארט געהרג'ט מענער פרויען און קינדער ביז דאס בלוט איז אריינגערונען אין ים הגדול וואס איז געווען א מייל אוועק פון שטאט. די חכמים זאגען אז עס איז געווען א גרויסע טייך וואס האט געהאט צוויי חלקים וואסער און איין חלק בלוט פון די הרוגי ביתר" זיבען יאהר האבן זיי דארט נישט גע׳דארפט באמיסטיגען זייערע פעלדער, ווייל דאס בלוט פון די הרוגי ביתר איז דארט געלעגען.

אנדרינוס האט געהאט גאר א גרויס וויינגארטן און ער האט געמאכט א וואנט ארום מיט די געהרג'טע פון ביתר. ער האט געמאכט א גזירה אז מ'זאל נישט באגראבן די געהרג'טע פון ביתר [הרוגי ביתר]. עס איז געשען א נס אז די מתים זענען געבליבן פריש און זענען נישט פארפוילט געווארן. יאהרן שפעטער איז אויפגעשטאנען א אנדערע קעניג און ער האט יא געלאזט באגראבן די טויטע, יענע טאג איז געווען חמשה עשר באב, איבער דעם [און אויך אנדערע טעמים] מאכן מיר יענעם טאג א שטיקל יום טוב און מען זאגט נישט קיין תחנון. דעם טאג וואס מען האט געלאזט באגראבן די הרוגי ביתר האבן די חכמים אין יבנה מתקן געווען צו זאגו די פערטע ברכה ביים בענטשען, דאס הייסט ברכת הטוב והמטיב. הטוב – אז זיי זענען נישט פארפוילט געווארן, והמטיב – אז מען האט זיי געלאזט באגראבן.

ר' חייא זאגט: א זקן פון ירושלים האט מיר געזאגט: אז אין דעם טאהל האט נבוזרדן גע'הרג'ט צוויי הונדערט און צעהן טויזענט מענטשען, און אין ירושלים האט ער גע'הרג'ט פיהר און ניינציג מאהל צעהן טויזענט מענטשען אויף איין שטיין ביז דאס בלוט איז גערונען צו די בלוט פון זכרי' הנביא וואס די אידן האבן איהם גע'הרג'ט אין בית המקדש, און ווען נבוזרדן האט געזעהן דאס בלוט וואס זיד און הערט נישט אויף, האט ער געפרעגט די אידן, "וואס פאר א בלוט איז דאס?, וואס די בלוט וויל נישט שווייגען"? האבן זיי געזאגט: דאס איז בלוט פון די קרבנות וואס איז פארגאסן געווארען און וויל נישט רוהען, האט ער געהייסען ברענגען בלוט פון קרבנות און ער האט עס צוגעגליכען און עס איז נישט געווען גלייך, האט ער געזאגט: ווערט איהר מיר זאגען דעם אמת איז גוט, און ווען נישט וועל איך רייסען אייער פלייש מיט אייזערנע קעמלאן.! האבן די אידן געזאגט: וואס זאלן מיר לייקענען? מיר האבן געהאט א נביא א צווישן אונז, וואס האט אונז געשטראפט ווייל מיר האבן שלעכטס געטוהן האבן מיר נישט געוואלט ליידען, האבן מיר איהם גע'הרג'ט, און עס איז שוין אסאך יאהרן וואס זיין בלוט וויל נישט רוהען.
האט נבוזרדן געזאגט: איך וועל דאס בלוט מאכען רוהען! און ער האט גענומען די חשובע לייט פון די אידן, די גרויסע סנהדרין און די קליינע סנהדרין, און ער האט זיי גע'הרג'ט אויף דעם בלוט, און דאס בלוט האט נישט געוואלט רוהען, האט ער גענומען בחורים און בתולות און האט זיי גע'הרג'ט אויף דעם בלוט און עס האט נאך אלץ נישט געוואלט רוהען, האט ער גענומען קינדער פון חדר און ער האט זיי גע'הרג'ט אויף דעם בלוט, און די בלוט האט נאך אלץ נישט גערוהט, האט נבוזרדן געזאגט: זכרי'! איך האב שוין אלע חשובע לייט גע'הרג'ט, און דיין בלוט וויל נישט רוהען! ווילסט דו אז איך זאל אלע הרג'נען?, איז באלד דאס בלוט שטיל געווארן. האט זיך נבוזרדן געטראכט, די אידן האבן נאר גע'הרג'ט איין מענטש, האט זיי דער אויבערשטער געשטראפט, איז אוודאי איך וואס איך האב גע'הרג'ט אזוי פיהל טויזענטע מענטשען וועל איך אוודאי געשטראפט ווערן.
האט ער אהיים געשריבען א צוואה, און ער איז אוועקגעלאפן און האט זיך מגייר געווען און איז געווארען א גר צדק.

-----------------------------------------------------

# ירמיהו און די מלאכים

נאכ'ן חורבן האט דער אויבערשטער געזאגט צו די מלאכים, "מיר וועלן גיין אין מיין הויז און מיר וועלן זעהן וואס דער שונא האט אין איהר געטוהן."?

אזוי זענען זיי געגאנגען און ירמי' איז מיט געגאנגען מיט זיי, און ווי דער אויבערשטער האט געזעהן דאס בית המקדש האט ער געזאגט: "דאס איז אוודאי מיין הויז און די שונאים האבן געטוהן אין איהר וואס זיי האבן געוואלט, וואו זענען מיינע פריינד? אבער וואס זאל איך אייך טוהן איך האב אייך געגוג געווארנט און איהר האט נישט געוואלט צו הערן מיינע רייד."

דערנאך האט דער אויבערשטער געזאגט צו ירמי': "איך בין היינט גלייך צו איינער וואס ער האט געהאט א זוהן און האט איהם געמאכט א חופה און דער זוהן איז געשטארבען אונטער די חופה וואס עס איז נישטא קיין גרעסערע ווייטאג ווי דעם אזוי לייד איך יעצט פון מיין זוהן די אידן.

דער אויבערשטער האט געזאגט צו ירמי': "גיי רוף מיר אברהם יצחק ויעקב און משה זאלן זיי אויפשטיין פון זייערע קברים און זאלן וויינען, ווייל זיי האבן פיהל צו וויינען וועגן זייערע קינדער."

האט ירמי' געזאגט: "איך וייס נישט ווי משה רבינו איז באגראבען."

האט דער אויבערשטער געזאגט צו ירמי' גיי שטעל זיך ביים ירדן און זאג: בן עמרם שטיי אויף און זעה דיינע שאף ווייל די פיינד האבן זיי איינגעשלונגען."

אזוי באלד איז ירמי' געגאנגען אין די הייל ווי די אבות ליגן און האט געזאגט: "איהר אבות שטייט אויף, איהר זענט געווארען איינגעלאדענט צו קומען צום אויבערשטען."

האבן די אבות איהם געפרעגט: וואס איז היינט מער ווי אלע טאג?

האט ער געזאגט איך וייס נישט, ווייל ער האט מורא געהאט זיי צו זאגען כדי זיי זאלן איהם נישט זאגן דו ביזט דאך געוועהן זייער נביא פארוואס האסטו זיי נישט ריכטיג געווארענט. ירמי' איז פון דארט אוועק געגאנגען און האט זיך געשטעלט ביים ברעג פון ירדן און געשריגען: משה בן עמרם שטיי אויף! עס איז די צייט וואס דו ביסט געלאדענט צו קומען צום אויבערשטען.!

האט משה געפרעגט: וואס איז היינט מער ווי א אנדערע מאהל? האט ירמי' געענטפערט: איך וייס נישט. ווייל ער האט נישט געוואלט זאגן.

איז משה געגאנגען צו די מלאכים וואס ער האט זיי געקענט פון מתן תורה, און געזאגט צו זיי: איהר דינער'ס פונעם אויבערשטען צו ווייסט איהר פארוואס איך בין היינט גערופן געווארען צום אויבערטען?

האבן די מלאכים איהם געזאגט: דו ווייסט נישט אז דאס בית המקדש איז חרוב געווארען און די אידן זענען פארטריבען געווארן?

אזוי האט משה אהנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען ביז ער איז אהנגעקומען צו די אבות, האבן די אבות אויך אהנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען ביז זיי זענען אהנגעקומען צום בית המקדש אריין.

ווי דער אויבערשטער האט דאס געזעהן האט ער אויך אהנגעהויבען מיט צו וויינען מיט זיי און זיי זענען געגאנגען פון איין טויער צום צווייטען און געשריגען און געוויינט גלייך ווי איינער וואס עס ליגט א מת פאר איהם.

## אברהם אבינו בעהט פאר זיינע קינדער

אין די צייט איז אברהם אבינו געקומען פאר'ן אויבערשטען און געוויינט און געקלאגט און ער זאגט פאר'ן אויבערשטען: פארוואס בין איך געווארן פארענדערט פון אלע פעלקער וואס איך בין געקומען צו שאנד און פארשעמונג?

ווען די מלאכים האבן דאס געזעהן האבן זיי אהנגעהויבען צו קלאגען שורות ווייז, און זיי האבן געזאגט צום אויבערשטען: די וועגן וואס דו האסבט געמאכט קיין ירושלים אז די אידן

זאלן עולה רגל זיין ווי האסטו זיי חרוב געמאכט? און ווי אזוי האסטו פארשוועכט די הבטחה וואס דו האסט צוגעזאגט צו אברהם אבינו וואס ער האט דיך געמאכט דערקענען אויף די גאנצע וועלט, און ווי אזוי האסטו פארשעמט די אויסדערוועהלטע שטאט ירושלים.?

האט דער אויבערשטער געזאגט צו די מלאכים: וואס קלאגט איהר שורות ווייז? האבן די מלאכים געזאגט: וועגן דיין פריינד אברהם וואס איז געקומען אין דיין הויז און ער קלאגט און וויינט.

האט דער אויבערשטער געזאגט: פון דעם טאג וואס מיין פריינד איז געשטארבען איז ער נישט געוועהן אין מיין הויז, איז וואס וויל ער יעצט אין מיין הויז?

האט אברהם געזאגט פאר'ן אויבערשטען: פארוואס האסטו פארטריבען מיינע קינדער און דו האסט זיי געגעבען אין די הענט פון בייזע גזלנים און זיי האבן זיי געטייטעט מיט אלע סארטען מיתות משינות, און דו האסט פארוויסט דעם ארט וואס איך האב געברענגט מיין זוהן פאר א קרבן.?

האט דער אויבערשטער געענטפערט: זיי האבן געזינדיגט און עובר געוועהן אויף די גאנצע תורה און אויף די גאנצע אל"ף בי"ת.

## די תורה הקדושה שווייגט!

האט אברהם געזאגט: רבונו של עולם! ווער וועט עדות זאגן אויף די אידן אז זיי האבן דאס עובר געוועהן?

האט דער אויבערשטער געזאגט: די תורה זאל קומען און עדות זאגען!

איז די תורה געקומען און געוואלט זאגען עדות, האט אברהם צו איהר געזאגט: מיין ליבע טאכטער, דו ווילסט עדות זאגען אויף די אידן אז זיי האבן עובר געוועהן, ווי שעמסטו זיך נישט פאר מיינע קינדער? געדענק אין דעם טאג וואס מען האט דיך געגעבען און דער אויבערשטער האט דיך ארום געטראגען צו אלע פעלקער אבער קיינער האט דיך נישט געוואלט נעמען און מיינע קינדער זענען געקומען צום בארג סיני און זיי האבן דיך געהערעט. און היינט ווילסטו קומען עדות זאגען איבער זיי אינעם טאג פון זייערע צרות.?

האט זיך די תורה געשטעלט אין א זייט און נישט געוואלט עדות זאגען.

## די אותיות ווערן גערופן!

האט דער אויבערשטער געזאגט צו אברהם: זאלן קומען די צוויי און צוואנציג אותיות פון די אלף בית און עדות זאגען.

זענען באלד געקומען די אותיות און געוואלט זאגען עדות, האט אברהם צו איהר געזאגט: די אל"ף די ביסט די ערשטע אות פון אלע אותיות און דו ווילסט זאגען עדות אויף מיינע קינדער אין זייערע נויט?, געדענק דעם טאג וואס דער אויבערשטער האט געגעבען די תורה אויפן בארג סיני און האט אהנגעהויבען מיט דעם אל"ף "אנכי" און קיינער האט דיך נישט געוואלט מקבל זיין נאר די אידן, און יעצט ווילסט עדות זאגען אויף זיי.?

האט דער אל"ף געשטעלט אין א זייט און נישט געוואלט עדות זאגן.

דערנאך איז געקומען דער בי"ת און געוואלט עדות זאגען, האט אברהם צו איהר געזאגט: "מיין טאכטער, דו ווילסט עדות זאגן אויף די אידן? געדענק אין די תורה וואס הייבט זיך אהן מיט א בי"ת "בראשית" און קיינער האט איהר נישט געוואלט מקבל זיין נאר די אידן און דו ווילסט אויף זיי עדות זאגען."?

האט זיך דער בי"ת אויך געשטעלט אין א זייט און נישט געוואלט עדות זאגען.

דערנאך איז געקומען דער גימ"ל און געוואלט עדות זאגען, האט אברהם צו איהר געזאגט: דו ווילסט עדות זאגען אויף די אידן? ווי נאך איז דא אזא פאלק ווי די אידן וואס זענען מקיים די מצוות ציצית וואס זי הייבט זיך אהן מיט א גימ"ל ווי עס שטייט אין פסוק "גדילים תעשה לך" דו זאלסט מאכן ציצית."

האט זיך דער גימ"ל געשטעלט אין א זייט, און האט נישט געוואלט עדות זאגען,וועןן די אנדערע אותיות האבן געזעהן ווי אברהם האט זיי געמאכט שווייגען האבן זיי זיך געשעמט און האבן נישט געוואלט גיין עדות זאגן.

## די געבעהט פון די אבות

האט אברהם אהנגעהויבען צו זאגען פאר'ן אויבערשטען: "רבונו של עולם! צו הונדערט יאהר האסטו מיר געגעבען א זוהן און ווען ער איז אלט געווארן זיבען און דרייסיג יאהר

האסטו מיר געזאגט אז איך זאל איהם שחט'ן פאר א קרבן, און איך האב איינגעהאלטען מיין רחמנות און איך האב איהם אליין געבונדען, זאלסטו מיר דאס נישט געדענקען און דו זאלסט זיך נישט דערבארעמען אויף מיינע קינדער.״?

דערנאך האט יצחק אהנגעהויבען צו זאגען: ״רבונו של עולם! ווען מיין פאטער האט מיך געוואלט ברענגען פאר א קרבן, האב איך זיך פאר דיין הייליגען נאמען אויפגעהאלטען מיט מיין גוטן ווילן און זיך געלאזט בונדען אויפן מזבח און איך האב אויסגעשטרעקט מייט האלדז צום שחט'ן, זאלסטו מיר דאס נישט געדענקען און דו זאלסט זיך נישט דערבארעמען אויף מיינע קינדער.״?

דערנאך האט יעקב אהנגעהויבען צו זאגען: ״רבונו של עולם! צוואנציג יאהר האב איך געדינט ביי לבן צוליעב מיינע קינדער, און ווען איך בין פון איהם אוועק געגאנגען האט מיך באגעגענט מיין ברודער און ער האט מיך מיט מיינע קינדער געוואלט הרג'נען, האב איך איינגעשטעלט מיין לעבען צוליעב מיינע קינדער און היינט זענען זיי אין די הענט פון זייערע פיינט, ווי שאף וואס מען וויל זיי שחט'ן, און איך האב זיי ערצויגען אזוי ווי אינגע קינדער און איך האב א סאך צער געליטען ביז איך האב זיי ערצויגען, און דו זאלסט זיך נישט דערבארעמען איבער מיינע קינדער?

דערנאך האט משה רבינו געזאגט: ״רבונו של עולם! בין איך דען נישט געוועהן א געטרייע אמת'ר פאסטאך איבער די אידן פערציג יאהר און איך בין פאר זיי געלאפן אין מדבר, און ווען עס איז געקומען די צייט אז זיי זאלן אריין אין ארץ ישראל האסטו מיר געזאגט אז איך זאל שטארבען אינעם מדבר און איך זאל נישט אריינגיין אינעם לאנד, און יעצט אז זיי זענען פארטריבען געווארען האסטו געשיקט נאך מיר אז איך זאל וויינען און קלאגען.״?

## ביים טייך בבל

דעמאלס האט משה רבינו געזאגט צו ירמי': ״קום מיט מיר איך וועל זיי ארויסנעמען פון דעם גלות און איך וועל זעהן ווער וועט זיי ארויסנעמען פון מיין האנט.״

האט ירמי' געזאגט: ״מען קען נישט גיין וויל די הרוגים ליגן אויפן וועג.״

האט משה עזאגט: ״פונדעסטעגנוועגן וועלן מיר גיין״. אזוי זענען געגאנגען משה און ירמי' און זיי זענען געקומען צום טייך בבל, האבן די אידן דעזעהן משה'ן און האבן געזאגט איינער צום אנדערן: ״משה איז אויפגעשטאנען פון זיין קבר ער וועט קומען אונז אויסלייזען פון אונזערע פיינט.״

איז געקומען א בת קול פון הימעל און געזאגט: ״עס איז א גזירה פון פאר מיר און עס קען נישט אנדערש זיין.״

האט משה געזאגט צו די אידן: ״מיינע ליבע קינדער, איך קען אייך אויך נישט ארויסנעמען, ווייל עס איז נגזר געווארען פאר ג-ט דער האר אז ג-ט זאל אייך אויסלייזען.״

ווי זיי האבן דאס געהערט האבן זיי אלע אהנגעהויבען צו וויינען אזוי ווי אין פסוק שטייט: על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו.

דערנאך איז משה רבינו געגאנגען צו די אבות האבן זיי איהם געפרעגט ״וואס האבן די שונאים געטוהן מיט אונזערע קינדער.״?

האט ער געזאגט: ״א טייל האבן זיי גע'הרג'ט און א טייל האבן זיי ארום געבונדען די הענט, א טייל זענען געפאנגען, און א טייל ליגען נאקעט אין די גאס טויטערהייט און די חיות עסן זייער פלייש.״

האבן זיי אלע צוזאמען אהנגעהויבען צו שרייען: ״אוי ווי געשריגען וואס איז געשעהן מיט אונזערע קינדער? ווי זענט איהר אזוי פארלוירען געווארען אהן א פאטער? ווי זענט איהר געשלאפן זומער אין די מיטאג שעה'ן אהן קליידער? ווי טוהט איהר גיין אויף די בערג און שטיינער בארוועס אהן שיך? ווי זענען אייערע הענט געבונדען אויף ארונטער.?

דערנאך האט משה געזאגט: פארשאלטען זאל זיין די זין, פארוואס איז זי נישט פינסטער געווארען אין די שעה וואס דער שונא איז אריין אין בית המקדש.?

האט די זין צו איהם געענטפערט: ״דו געטרייע פאסטאך! וואס האב איך דען געקענט טוהן? מען האט מיך געשלאגען זעכציג שלעק מיט א פייערדיגע רוט און מען האט מיר געזאגט: גיי לייכט דיין ליכט.״

דערנאך האט משה געזאגט: ״אוי ווי געשריגען אויף די לויטערקייט פון בית המקדש וואס איז פארפינסטערט געווארען, אוי ווי, ווי איז געקומען די צייט וואס דו ביסט חרוב געווארען און די היכל איז פארברענט געווארען, און די טאטע'ס און די קינדער גייען אין געפענגעניש.״?

## דער רבונו של עולם נעמט אהן רחל'ס געבעהט

אין די צייט איז געקומען רחל אונזער מוטער פאר ג-ט און האט געזאגט: "רבונו של עולם! דו ווייסט אז דיין קנעכט יעקב האט מיך זייער ליעב געהאט, און האט געדינט פאר מיין פאטער זיבען יאהר וועגן מיר, און איך האב זיך דערבארעמט איבער מיין שוועסטער לאה זי זאל נישט פארשעמט ווערן און איך האב איהר אויסגעזאגט די סימנים וואס יעקב האט מיר איבערגעגעבען כדי יעקב זאל נישט וויסען אז זי איז לאה און איהר האב פאר איהר גערעדט כדי יעקב זאל נישט דערקענען אין דעם קול און איך האב אין איהר נישט מקנא געווען, און היינט זעה רבונו של עולם איך בין א מענטש פון בלוט און פלייש, פון ערד און אש, און איך האב נישט מקנא געווען מיין שוועסטער, און דו ביזט א ג-ט א דערבארעמדיגער פארוואס האסטו מקנא געווען אין די אידן וואס האבן געדינט עבודה זרה."?

אזוי באלד האט זיך דער אויבערשטער דערבארעמט און געזאגט: "רחל! אין דיין זכות וועל איך די אידן צוריק קערן צו זייער לאנד צו ארץ ישראל" אמן סלה.

---

## עקיבא! האסט אונז געטרייסט!

רבן גמליא'ל, רבי אלעזר בן עזרי'ה, רבי יושע, און רבי עקיבא, ווען זיי זענען אמאהל אריין אין די שטאט רומי, האבן זיי געהערט די גערודער פון די מאסן מענטשן פון די שטאט, ווי עס הערט זיך פון דעם ארט פוטלילוס, און דער גרויש און דער היכער גערודער האט זיך געהערט אויף הונדערט און צוואנציג מייל, - אזא גרויסע עולם איז דארט געווען צוזאמען געזאמעלט.

רבן גמליא'ל, רבי אלעזר בן עזרי'ה, רבי יושע, האבן אהנגעהויבען צו וויינען, און רבי עקיבא פון זיין האט זיך צושמייכעלט.

וואונדערן זיך די חברים: עקיבא! מיר וויינען און דו שמייכעלס'ט?

נו פארוואס ווינט איהר טאקע? פרעגט ער זיי. האבן זיי געענטפערט: ווי אזוי זאלן מיר נישט וויינען, אז די גוים די געצן דינער וואס ביקען זיך צו זייערע אייגענע געמאכטע געטשקעס, זיצן זיך זיכער אין פרידן אהן קיין זארג, וואס אין די זעלבע צייט וואס דאס הויז פון אונזערע הייליגע באשעפער דאס בית המקדש, איז פארברענט אין פייער און עס וואוינען דארט ווילדע חיות – און ווי אזוי זאלן מיר נישט וויינען?

האט זיי רבי עקיבא געענטפערט: טאקע וועגן דעם שמייכעל איך. אויב פאר די גוים וואס דערצערענען איהם און זענען עובר אויף זיינע מצוות געט דער אויבערשטער רוהיגקייט און פרידען, איז דאך אוודאי, אז פאר די וואס טוהן אפהיטען זיינע מצוות וועלן ענדליך געניסען פון זיינע גוטסקייטען מער און מער.

א אנדערע מאהל זענען אט די פיהר חכמים ארויף געגאנגען קיין ירושלים, ווען זיי זענען אהנגעקומען צו הר הצופים, פון ווי זיי האבן דאס ערשטע מאהל געזעהן דאס ארט פון בית המקדש נאכ'ן חורבן, האבן זיי צוריסן זייערע קליידער, - ווי עס איז דער דין ווען איינער זעהט דעם חורבן בית המקדש. ווען זיי זענען אהנגעקומען צום הר הבית, האבן זיי געזעהן ווי א פוקס גייט ארויס פון קודש הקדשים, - די הייליגסטער ארט,

ווי נאר דער כהן גדול האט געמעגט אריינגיין – נאר איינמאהל א יאהר, ווען זיי האבן דאס געזעהן, האבן רבן גמליא'ל, רבי אלעזר בן עזרי'ה, רבי יושע, גענומען וויינען און רבי עקיבא האט געשמייכעלט.

וואונדערן זיך די חבירים: עקיבא שטענדיג טוהסטו אזוי, און דו טוסט אונז פארוואונדערן מיט דיין אויפפירונג – מיר וויינען און דו שמייכעלסט!

האט ער זיי געפרעגט: איהר – פארוואס וויינט איהר. ענטפערן זיי איהם: ווי אזוי זאלן מיר נישט וויינען? אט אויף דעם הייליגען ארט וואס אויף איהם שטייט געשריבען "והזר הקרב יומת" אז א מאן וואס איז נישט קיין כהן אויב ער גייט אריין אין דעם ארט איז ער חייב מיתה, און אצינד איז עס אזוי וויסט אז א פוקס גייט פון דארט ארויס! איז דאך ליידער מקוים געווארן דער פסוק אין איכה "על הר ציון ששמם, שועלים הלכו בו."

האט זיי רבי עקיבא געענטפערט: אויך איך - צוליעב דעם שמייכעל איך, דער אויבערשטער האט דאך צוגעזאגט "ואעידה לי עדים נאמנים = איך וועל זיך נעמען באגלייבטע עדות, את אורי'ה הכהן ואת זכריה'ו בן יברכיה'ו" איז וואס איז די צוגלייך צווישן אורי'ה הנביא און זכרי' הנביא? אורי'ה האט דאך געלעבט אין די צייט פונעם ערשטען בית המקדש, און זכרי' – האט גאר געלעבט ביים צווייטען בית המקדש? נאר: וואס האט אורי'ה געזאגט "כה אמר ה' צבקות: ציון שדה תחרש, וירושלים עיים תהי'" און וואס האט זכרי' געזאגט "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים, ואיש משענתו בידו מרב ימים" און נאכדעם שטייט אויך דארט: "ורחובות העיר ימלאו ילדים וילדות, משחקים ברחובותיה."

האט דער אויבערשטער געזאגט: אט האב איך אט די צוויי באגלייבטע עדות, און אויב עס איז מקוים געווארען די ווערטער פון אורי' – וועלן אויך מקוים ווערן די ווערטער פון זכרי', און אויב די ווערטער פון אורי' וועט נישט צושטאנד קומען – דעמאלס וועלן אויך די ווערטער פון זכרי' אויך חס ושלום בטל ווערן, האב איך זיך געפריידט אז די ווערטער פון אורי' זענען מקוים געווארען, און דער מקום קדוש איז וויסט און פוסט און ליידיג, און אויפגעאקערט, ווייל דאס איז טאקע א צייכען אז ענדליך וועלן אויך מקוים ווערן די ווערטער פון טרייסט פון זכרי.'

האבן די דריי חבירים געענטפערט מיט די ווערטער: **עקיבא, דו האסט אונז געטרייסט! עקיבא, דו האסט אונז געטרייסט !**דו זאלסט אויך געטרייסט ווערן ווען עס וועט קומען די בשורה און דו זאלסט זוכה זיין צו זעהן ווי עס קומט די גאולה.

---

# נַקְדִימוֹן בֶּן גוּרְיוֹן

וֶוען דֶער ביהמ"ק אִיז גֶעשְׁטַאנְן פְּלֶעגְן דִי אִידְן עוֹלָה רֶגֶל זֵיין צוּם ביהמ"ק דְרֵיי מָאל אִין יָאר "פֶּסַח שבוּעוֹת אוּן סוּכּוֹת". אֵיינמָאל וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגְן עוֹלָה רֶגֶל זַיין פַאר יו"ט סוּכּוֹת אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג וַואסֶער פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן . דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פַאר וַואסֶער אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן וואוּ צוּ נֶעמְן.

אִין יְרוּשָלַיִם הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען נַקְדִימוֹן בֶּן גוּרְיוֹן אוּן עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן דִי צַעַר פוּן דִי אִידְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין וַואסֶער צוּ טְרִינְקְן. אִיז עֶר גֶעגַאנְגְן צוּ אַ הַאר פוּן דִי רוֹמִים אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים בָּארְגְן זֵיינֶע צְוֶועלף גְרִיבֶּער מִיט וַואסֶער.

דֶער שַׂר הָאט גֶעפְרֶעגט "וִויאַזוֹי וֶועסטוּ מִיר צוּרִיקצָאלְן" הָאט נַקְדִימוֹן בֶּן גוּרְיוֹן גֶעעֶנטפֶערט " אִין דֶעם יו"ט סוּכּוֹת בֶּעטְן מִיר פַאר רֶעגְן וֶועל אִיך בֶּעטְן דֶער אֵייבּעֶרשְׁטֶער זָאל שִׁיקְן רֶעגְן אוּן עֶס וֶועט זִיךְּ צוּרִיק אָנפִילְן אַלֶע דֵיינֶע גְרִיבֶּער מִיט וַואסֶער."

דֶער שַׂר הָאט נָאך אַלץ נִישְׁט גֶעוָואלט גֶעבְּן דִי וַואסֶער אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגט " אוּן וָואס וֶועט זֵיין אוֹיבּ עֶס וֶועט נִישְׁט

רֶעגֶענֶען

הָאט נַקדִימוֹן גֶעזָאגט ״אוֹיבּ עֶס וֶועט נִישְׁט רֶעגֶענֶען וֶועל אִיך דִיר צָאלְן צְוֶועלף זִילבֶּער שְׁטִיק אֵיין שְׁטִיק פַּאר יֶעדֶע גְרוּבּ.״ דֶער שַׂר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם גֶעשֶׁעפט אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁטִימט אַ צֵייט וֶוען נַקדִימוֹן דַארף צוּרִיקצָאלְן דִי וַואסֶער. נַקדִימוֹן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אַז יֶעצט הָאבְּן שׁוֹין דִי אִידְן וַואסֶער צוּ טְרִינקְן.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער דֶער יו״ט סוּכּוֹת אוּן עֶס הָאט נָאכנִישְׁט גֶערֶעגְנֶט,עֶס אִיז אַרִיבֶּער דִי וִוינְטֶער אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנֶט . עֶס אִיז שׁוֹין בַּאלְד פַּארִאיבֶּער דֶער זוּמֶער אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין זֵכֶר פוּן רֶעגְן.

עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמְן נָאנְט צוּם טָאג וָואס נַקדִימוֹן הָאט בַּאשְׁטִימט אָפּצוּצָאלְן דִי וַואסֶער אוּן עֶס הָאט נָאךְ נִישְׁט אַפִילוּ גֶערֶעגְנֶט אֵיין טְרָאפּ.

וֶוען דֶער טָאג אִיז אָנגֶעקוּמְן הָאט דֶער שַׂר גְלֵייךְ אִינדֶערפְרִי גֶעשִׁיקט אַ שְׁלִיחַ צוּ נַקדִימוֹן בֶּן גוּרְיוֹן אַז עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אָדֶער וַואסֶער אָדֶער גֶעלט אַזוֹיוִוי מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסט. נַקדִימוֹן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערט ״אִיךְ הָאבּ נָאךְ צֵייט אַ גַאנְצֶע טָאג דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן.״

נָאכמִיטָאג הָאט דֶער שַׂר נָאכאַמָאל גֶעשִׁיקט צוּ נַקדִימוֹן ״גֶעבּ מִיר וַואסֶער אָדֶער גֶעלט ״. הָאט נַקדִימוֹן גֶעעֶנטְפֶערט ״אִיךְ הָאבּ נָאךְ צֵייט עֶס אִיז נָאר נָאכמִיטָאג.״

פַּארנַאכטס הָאט דֶער שַׂר וִוידֶער גֶעשִׁיקט צוּ נַקדִימוֹן ״גֶעבּ מִיר וַואסֶער אָדֶער גֶעלְט״

הָאט נַקדִימוֹן גֶעעֶנטְפֶערט ״דִי טָאג אִיז נָאכנִישְׁט פַּארִאיבֶּער עֶס אִיז נָאךְ דָא אַבִּיסְל צֵייט.״

דֶער שַׂר הָאט אִים אוֹיסגֶעלַאכט ״עֶס הָאט גָארנִישְׁט גֶערֶעגְנֶט בִּיז יֶעצט אוּן פוּנקט יֶעצט וֶועט רֶעגֶענֶען.״?

דֶער שַׂר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט אַז בַּאלד וֶועט אִים נַקדִימוֹן מוּזְן גֶעבְּן צְוֶועלף זִילבֶּער שְׁטִיק אוּן עֶר וֶועט וֶוערן זֵייעֶר רֵייךְ. נַקדִימוֹן אִיז דֶערוֵייל טְרוֹיעֶרִיגֶרהֵייט אַרֵיין אִין בִיהמ״ק אוּן זִיךְ גֶענוּמְן דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

״רבש״ע דִי וֵוייסט אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן פַּאר מֵיינֶע כָּבוֹד וֶועגְן נָאר פַּאר דֵיינֶע כָּבוֹד וֶועגְן אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן וַואסֶער צוּ טְרִינקְן אוּן יֶעצט וִויאַזוֹי וֶועל אִיךְ צוּרִיק גֶעבְּן דִי וַואסֶער צוּם שַׂר.״

אוּן יענֶע מִינוּט הָאט זִיךְ אוֹיפְן הִימְל בַּאוִויזְן וָואלקֶענֶעס אוּן עֶס הָאט אָנגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעגֶענֶען אַז בִּיז אַפָּאר מִינוּט זֶענֶען אַלֶע גְרִיבֶּער גֶעוָוארְן אָנגֶעפִילט מִיט וַואסֶער אוּן עֶס הָאט אַפִילוּ אִיבֶּערגֶערִינֶען.

נַקדִימוֹן אִיז אַרוֹיס פוּן בִיהמ״ק פוּל מִיט שִׂמְחָה. אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר בַּאגֶעגֶענט דֶעם שַׂר .עֶר הָאט גֶעזָאגט ״אִיךְ זֶעה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכט אַ נֵס פַאר דִיר אָבֶער דִי מוּזְט מִיר נָאךְ אַלץ גֶעבְּן דָאס גֶעלט וֵוייל דִי זוּן אִיז שׁוֹין אוּנטֶער גֶעגַאנְגְן וֶוען עֶס הָאט אָנגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעגֶענֶען אוּן עֶס הָאט גֶערֶעגְנֶט בֵּיינַאכט נִישְׁט בֵּייטָאג.״

אִיז נַקדִימוֹן צוּרִיק אַרֵיין אִין בִיהמ״ק אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן״ רבש״ע וֵוייז אַז דִי הָאסט לִיבּ דֵיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מַאךְ נָאךְ אַ נֵס פַאר זֵיי״

גְלֵייךְ אִיז גֶעקוּמְן אַ וִוינט אוּן אַוֶועקגֶעבְּלָאזְן אַלֶע וָואלקֶענֶעס אוּן דִי זוּן הָאט גֶעשִׁיינט.

דֶער שַׂר הָאט גֶעזֶען אַז דִי זוּן שַׁיינט נָאךְ יָא אוּן עֶס אִיז נָאכנִישְׁט נַאכט אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגְן אָן דִי גֶעלט אוּן נַקדִימוֹן בֶּן גוּרְיוֹן אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגְן צוּפְרִידְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן.

---

# אַ מִצְוָה לִשְׁמָה

דער יום-טוב סֻכּוֹת האָט זיך דערנעענטערט און קיין איין אֶתְרוֹג איז נישט געווען אין גאַנץ באַרדיטשוב. אַזאַ מאַנגל אין אֶתְרוֹגים איז נאָך קיינמאָל נישט געווען.

דער באַרדיטשעווער צַדִּיק ר׳ לֵוִי יִצְחָק האָט געהאַט פיל צַער דערפון. ער האָט אַרויסגעשיקט שְׁלוּחִים צו שטיין אויף אַלע וועגן, טאָמער פאָרט פאַרביי אַ איד מיט אַן אֶתְרוֹג, זאָל מען אים בעטן צו פאַרקויפן, אָדער, לְכָל הַפָּחוֹת, צו זיין סֻכּוֹת אין באַרדיטשוב און מְזַכֶּה זיין די גאַנצע שְׁטאָט מיט די מִצְוָה פון ד׳ מִינִים.

האָט זיך טאַקע געמאַכט, אַז אַ איד איז געפאָרן אַהיים אויף סֻכּוֹת און האָט געפירט מיט זיך אַ מְהֻדָּר׳דיגן אֶתְרוֹג מיט אַ לוּלָב און הֲדַסִּים און עֲרָבוֹת. די שְׁלוּחִים האָבן אים געפרעגט, אֶפְשָׁר וויל ער פאַרקויפן דעם אֶתְרוֹג, וועט מען אים געבן וויפל געלט ער וועט נאָר בעטן.

"דעם אֶתְרוֹג פאַרקויף איך נישט", האָט דער איד געענטפערט. האָבן זיי אים געבעטן, ער זאָל לְכָל-הַפָּחוֹת פאַרברענגען סֻכּוֹת אין באַרדיטשוב, וועט ער זיין אַ חָשׁוּבער גאַסט און מְזַכֶּה זיין די גאַנצע קְהִלָּה מיט דער מִצְוָה פון ד׳ מִינִים.

דער איד האָט אָבער געענטפערט, אַז דאָס קען ער אויך נישט טאָן: ער איז שוין אַ לאַנגע צייט נישט געווען אינדערהיים און ער וויל פאַרברענגען יום-טוב מיט זיינע קינדער. עס האָבן נישט געהאָלפן קיינע דינגעניש׳ן. די שְׁלוּחִים האָבן קוים גע׳פּוֹעֶל׳ט ביי דעם איד, אַז ער זאָל אַריינקומען צום באַרדיטשעווער צַדִּיק,

דער באַרדיטשעווער צַדִּיק האָט געפּרוּווט פּוֹעֵל׳ן ביי דעם איד ער זאָל פאַרבלייבן אויף יום-טוב. ער האָט אים דערקלערט וואָס פאַר אַ גרויס זְכוּת עס וועט זיין פאַר אים מְזַכֶּה צו זיין אַ גאַנצע קְהִלָּה מיט דער מִצְוָה פון ד׳ מִינִים. אַלע רייד זענען אָבער געווען אוּמזיסט, ביז דער צַדִּיק האָט אים צוגעזאָגט "עִמִּי בִּמְחִיצָתִי", אַז דער איד וועט האָבן זיין חֵלֶק אין גַן-עֵדֶן צוזאַמען מיט דעם באַרדיטשעווער צַדִּיק. אויף דעם איז שוין דער איד איינגעגאַנגען און האָט מַסְכִּים געווען צו פאַרבלייבן אויף יום טוב און לאָזן די גאַנצע קְהִלָּה בענטשן אויף זיין אֶתְרוֹג.

מען האָט דעם איד באַזאָרגט מיט אַ שיינער אַכְסַנְיָא, און די נייעס אַז עס וועט זיין אַ אֶתְרוֹג אויף יום טוב איז בליץ שנעל פאַר שפּרייט געוואָרן. עס איז געוואָרן אַ גרויסע שִׂמְחָה אין שטעטל.

די ערשטע נאַכט יום טוב, נאָך מַעֲרִיב, ווען דער איד האָט געוואָלט אַריינגיין אין דער סֻכָּה פון דעם בַּעַל אַכְסַנְיָא צו מאַכן קִידּוּשׁ און מְקַיֵּם זיין די מִצְוָה פון לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה, האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזט. עס האָבן נישט געהאָלפן זיינע טַעֲנוֹת וועלכער איד וועט נישט מאַכן קִידּוּשׁ און עסן אַ כְּזַיִת אין סוּכָּה, און נאָך דערצו די ערשטע נאַכט פון סֻכּוֹת? בְּלֵית בְּרֵירָה איז דער איד געגאַנגען צו אַ שָׁכֵן. ער האָט פאַר אים געוואָלט אויסגיסן זיין ביטער הַאַרְץ אויף דעם בַּעַל אַכְסַנְיָא, און בעטן אים, ער זאָל אים דערלויבן צו מאַכן קִידּוּשׁ און עסן אַ כְּזַיִת ברויט אין זיין סוּכָּה אָבער איך דער שָׁכֵן האָט אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין סוּכָּה אַזוי איז אויך געווען מיט אַ צווייטן און אַ דריטן.

א צעטומלטער און פאַרצווייפלטער איז דער איד געלאָפן צום צַדִּיק ר׳ לֵוִי יִצְחָק. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז מִסְתָּם האָט דער צַדִּיק אָנגעזאָגט אין שטאָט, אַז מען זאָל אים נישט אַריינלאָזן אין אַ סֻכָּה.

מיט טרערן אין די אויגן האָט זיך דער איד באַקלאָגט, וואָס מ׳לאָזט אים נישט אַריין אין אַ סוּכָּה ; דאָס איז דאָך אַן אוּמדערהערטע עַוְולָה ! "אָט אַזוי באַצאָלט מען פאַר אַ טוֹבָה? איך בין געבליבן דאָ וואַלגערן זיך יום טוב אין דער פרעמד, כְּדֵי צו מְזַכֶּה זיין די שטאָט מיט אַן אֶתְרוֹג, און צום סוֹף לאָזט מען מיר נישט מְקַיֵּם זיין די מִצְוָה פון לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה"

דער באַרדיטשעווער צַדִּיק האָט געזאָגט פאַר דעם איד "אוֹיב איר וועט מיר מוֹחֵל זיין די צוזאָג וואָס איך האָב אייך צוגעזאָגט - 'עִמִּי בִּמְחִיצָתִי' וועל איך שוין זען, אַז מ׳זאָל אייך אַריינלאָזן אין אַ סוּכָּה", האָט דער צַדִּיק געזאָגט! דאָס האָט דעם איד נאָך מער צעטומלט. דער נִסָּיוֹן איז געווען אַ גרויסער זאָל ער נאָכגעבן אויף אַזאַ צוזאָג צוליב דער מִצְוָה פון סוּכָּה, אָדער דאָס איז אַ צו גרויסער פּרייז צו באַצאָלן פאַר אַ מִצְוָה? נאָך אַ לאַנגער איבערטראַכטעניש, האָט דער איד באַשלאָסן מוֹחֵל צו זיין די צוזאָג, אַבי ער זאָל קענען מְקַיֵּם זיין די מִצְוָה פון לֵישֵׁב בְּסֻכָּה "רֶבִּי, איך בין מוֹחֵל די צוזאָג !" האָט דער איד געזאָגט.

אַ צופרידענער שְׁמֵייכְל האָט באַלויכטן דעם צַדִּיק׳ס פָּנִים, און ער האָט צום איד געזאָגט "איצט גיב איך דיר צוריק די צוזאָג איך האָב נאָר געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין אַ פאַרדינטע און נישט קיין אוּמזיסטע ! און וויבאַלד דו האָסט געהאַט אַזויפיל מְסִירַת נֶפֶשׁ פאַר דער מִצְוָה פון לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה, האָסטו דאָס טאַקע כָּשֵׁר פאַרדינט."

---

# דער בעל שם פון מיכלשטאט אלץ קינד

הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נָתָן אַדְלֶער זְצַ"ל הָאט גֶעהַאט אַ גָאר חָשׁוּבְן תַּלְמִיד פוּן דֶער שְׁטָאט מִיכְלְשְׁטַאט מִיטְן נָאמֶען רַבִּי יִצְחָק אַרְיֵה זֶעקְל. עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס דֶער "בַּעַל שֵׁם פוּן מִיכְלְשְׁטַאט."

אַלְס קִינְד אִיז עֶר גֶעוֶוען אוֹיסְגֶערוּפְן אִין דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט וִוי א זֶעלְטְן אוּן וואוּנְדֶערְלֶעדְקלוּג קִינְד. הָאט אַמָאל דֶער מַאיָאר פוּן מִיכְלְשְׁטַאט גֶעבֶּעטְן בַּיי יִצְחָק אַרְיֵה'ס פָּאטֶער צוּ שִׁיקְן דָאס קִינְד צוּ זַיין פַּאלַאץ. עֶר וִויל מִיט אִים שְׁמוּעְסן. אוֹיף דֶעם פָּאטֶער'ס פְּרַאגֶע וֶוען עֶר זָאל אִים אֲהִינְשִׁיקְן. הָאט דֶער מַאיָאר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, מָארְגן זֵייגֶער 3 נָאכְמִיטָאג. עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶר בֶּעט דָאס קִינְד זָאל קוּמֶען אַלֵיין, אָן בַּאגְלֵייטֶער.

אַ פָּאר מִינוּט פַאר 3 אֲזֵייגֶער, הָאט דֶער מַאיָאר גֶעהֵייסְן זַיינֶע בַּאדִינֶער זִיךְ בַּאהַאלְטְן כְּדֵי דָאס קִינְד זָאל זֵיי נִישְׁט קֶענֶען פְרֶעגְן וואוּ צוּ גֵיין. עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶען צִי עֶר וֶועט אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין וואוּ זַיין צִימֶער אִיז. דֶער מַאיָאר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים פֶענְצְטֶער פוּן זַיין צִימֶער. אוּן אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אִינְדְרוֹיסְן דוּרְךְ דֶעם פִירְהַאנְג וָואס אִיז גֶעהָאנְגֶען אִיבֶּערְן פֶענְצְטֶער, וַוארְטְנְדִיק אוֹיפְן קִינְד.

זֵייגֶער 3 קוּמְט אָן דָאס נַיין-יֶערִיק קִינְד אִין פָּאדֶערְשְׁטְן הוֹיף פוּן פַּאלַאץ. אוּן עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ. נִישְׁט וִויסֶנְדִיק וואוּהִין צוּ גֵיין, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס שׁוֹמְרִים שְׁטֵייעֶן נִישְׁט דָא. אוּן הָאט בַּאלְד פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מַאיָאר וִויל אִים אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צִי עֶר וֶועט אַלֵיין וִויסְן וואוּ צוּ גֵיין. גִיט עֶר אַ קוּק אַרוּם אַרוֹיפְצוּ, אוּן בַּאלְד גֵייט עֶר אַרַיין אִין אֵיינֶעם פוּן דִי טִירְן. אוּן וֶוענְדֶעט זַיינֶע טְרִיט אַרוֹיף מִיט דִי שְׁטִיגְן צוּם צְוֵוייטְן שְׁטָאק. עֶר גֵייט צוּ אַיין טִיר, קְלַאפְּט אָן דֶערוֹיף, אוּן דֶער מַאיָאר עֶפְנְט עֶס, פְרֶעגְט דֶער מַאיָאר:

–וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ בִּין אִין דֶעם צִימֶער אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען גְלַייךְ אַהֶער דָא?

אֲרַיינְקוּמֶענְדִיק אִין פָּאדֶערְשְׁטְן הוֹיף, הָאבּ אִיךְ אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אוּן בַּאמֶערְקְט וִוי דִי פִירְהֶענְגֶער אוֹיף דִי פֶענְצְטֶער פוּן אַלֶע שְׁטִיבֶּער זַיינֶען אָפְּגֶערוּקְט אִין דֶער זֵייט כְּדֵי דִי טָאג-לִיכְטִיקַייט זָאל אַרַיינְקוּמֶען, אוּן בְּלוֹיז דָאס פֶענְצְטֶער פוּן אַיין שְׁטוּבּ אִיז פָארְהַאנְגֶען אִינְגַאנְצְן, הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דֶער מַאיָאר. וֶועלְכֶער שְׁטֵייט אוּנְטֶער דֶער צוּגֶעדֶעקְטֶער פֶענְצְטֶער כְּדֵי צוּ זֶען וָואס אִיךְ וֶועל טוּהן...

---

## דער עושר זעט איין זיין פעלער

ס'איז געווען אין די צייטן פונעם בעל שם טוב הקדוש א איד וואס איז געווען א גרויסער עושר, און האט זיך אויסגעצייכנט מיט די מצוה פון הכנסת אורחים וועלכע ער פלעגט מקיים זיין בסבר פנים יפות. יעדער גאסט וואס איז געקומען אין זיין שטאט פון נאנט און פון ווייט, האט שוין געהערט אז ביי דעם איד קען מען אלעמאל טרעפן אן אפענעם טיר, און ווי אויך א אפענע האנט ווען מ'דארף, מיט'ן זיין גאנצן חיות פלעגט ער שטענדיג עוסק זיין אין אט די גרויסע מצוה.
איין פעלער האט ער נאר געהאט, אז נאכדעם וואס ער פלעגט אויפנעמען א גאסט אזויווארעם און בשלימות און ווייזן זיין גאנצע פארמעגן וואס ער האט פארמאגט, די אלע הייזער ארום און די פעלדער און שיינע גערטנער, פלעגט ער אבער אלעמאל ענדיגן מיט א פראגע צום אורח, וואס זאגט איר איז דען מעגליך אז דאס גרויסע עשירות זאל אמאל אוועקגענומען ווערן פון מיר, און איך זאל דארפן אמאל צוקומען צו אן אנדערן בעטן א שטיקל ברויט....?
דער איד איז געוואקסן גרעסער און גרעסער מיט זיין הצלחה ביז ער איז שוין געווען אזוי נאנט מיט די שרי מלוכה, אז אפילו דער מלך אליין איז אים געקומען באזוכן צו אים אין שטוב, און ווי פארשטענליך אז דעם אידס זיכערקייט ביי זיך איז אויך געווארן שטארקער און פלעגט ווייטער אנגיין מיט זיין שטייגער צו פרעגן יעדן אורח די אויבנדערמאנטע פראגע.
האט דער בעל שם טוב אמאל געזען, אז אין הימל ביים בית דין של מעלה איז דא א גרויסער קטרוג אויף דעם איד וואס ער איז אזוי זיכער ביי זיך מיט זיין עשירות און מ'וויל ארויסגעבן א גזר דין אויף דעם איד אז ער זאל פארלירן זיין גאנצע פארמעגן און ער זאל מוזן ארומגיין ח"ו נע ונד פון טיר צו טיר ער זאל נישט האבן צו געבן א שטיקל ברויט פאר זיינע קינדער.

האט דער הייליגער בעל שם טוב פארלאנגט אז מ'זאל נאךווארטן מיט'ן פסק, ער וויל נאך קודם אויספריוון דעם איד, אפשר וועט ער ענדערן זיין אויפפירונג צום גוטן, און אויב עס וועט נישט העלפן דעמאלט וועט מען ארויסגעבן די גזירה אויף אים, האט מען מן השמים מסכים געווען צו ווארטן.
דער הייליגער בעל שם טוב האט אויסגעוועלט פון צווישן זיין הייליגע חבריא איינעם פון זיינע חשוב'סטע תלמידים דעם גרויסן צדיק ר' דוד'ל מיקאלאיעווער זכר צדיק לברכה, און האט אים איבערגעגעבן וואס ער האט צו טאן, און ער האט אים געשיקט ער זאל פאָרן צו דעם איד.
ר' דוד'ל האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג און איז געפארן ביז ער איז אנגעקומען אין דער שטאט וואו דער איד האט געוואוינט, ר' דוד'ל האט זיך נאכגעפרעגט אויף דעם איד, האט מען גלייך געוויסט צו זאגן וואו דער איד וואוינט, ווען ר' דוד'ל איז אנגעקומען איז אים דער איד טאקע אנטקעגנגעקומען מיט א ברייטן שלום עליכם און מיט אווארעמע אויפנאמע פונקט ווי ער איז געווען געוואוינט אלעמאל אויפצונעמען אלע געסט, ער האט אים צוגעגרייט א פיינע סעודה ווי ס'פּאַסט און ער האט אים מכבד געווען ער זאל זיך וואשן צו די סעודה.
ווען ר' דוד'ל האט געענדיגט די סעודה, האט אים דער איד אנגעהויבן צו ווייזן און דערציילן זיין גרויסן רייכטום וואס ער פארמאגט ביז ער איז צוגעקומען צו זיין "פראגע" און געפרעגט נו, וואס זאגט איר ר' דוד קען איך דען אמאל פארלירן אזא עשירות, איז דען מעגליך אז איך זאל נאך אמאל דארפן צוקומען צו יענעם?
ווי נאר ר' דוד'ל האט געהערט די פראגע, האט ער געענטפערט הערט מיר אויס ר' איד, עס איז שוין שפעט, און איך בין מיד פון דער נסיעה, ווייזט מיר אָן יעצט א פלאץ וואו איך קען זיך לייגן שלאָפן, און מארגן אם ירצה השם ווען איך וועל זיין אויסגערועט וועלן מיר ווייטער שמועסן וועגן דעם ענין.
דער איד האט מסכים געווען און האט איבערגעהאקט דעם שמועס, און האט אנגעוויזן פאר ר' דוד'ל א פלאץ צו שלאפן און זיי זענעןביידע געגאנגען שלאפן.
אזוי אינמיטן שלאף האט זיך דעם איד גע'חלומ'ט אז ער זיצט אין זיין שיינעם גאָרטן און פלוצלונג קומט א ידיעה אז דער קעניג קומט אים באזוכן, ער איז מיט גרויס פרייד אקעגן געגאנגען און אויפגענומען דעם קעניג און ער האט אים אריינגעפירט אין זיין פּראַכטפולן אויפנאמס צימער, און ער האט מכבד געווען דעם קעניג מיט א ווארימע טיי, און זיי האבן

אנגעפאנגן זייער שמועס, ווי דער קעניג האט אבער אויסגעטערונקען זיין טיי, האט דעם איד אנגעכאפט א שרעק זעענדיג ווי דער קעניג איז אראפגעפאלן און ל״ע געשטארבן אויפ'ן פלאץ.

עס איז געווארן תיכף א גרויסער רעש און טומל צווישן די שרי המלוכה וועלכע זענען געווען דארט אנוועזנט, און אזוי ווי זיי האבן ממילא געהאט קנאה אויף דעם איד וואס זיין הצלחה און זיין גרויסקייט האט געהאלטן אין איין וואקסן, האבן זיי גלייך ארויסגעגעבן דעם אורטייל, אז דער איד האט געהרג'עט דעם קעניג דורך א סם וואס ער האט אריינגעלייגט אין די טיי און ס'קומט אים טויט שטראף, און מ'האט גלייך ארויסגעלאזט א ידיעה אין די גאנצע שטאט, אז מ'זאל זיך צוזאמקומען זען ווי מ'גייט הענגען דעם איד רחמנא ליצלן.

א גרויסער עולם האט זיך פארזאמעלט און מ'האט שוין ארויסגעפירט דעם איד צום תלוי', אלעס איז שוין געווען מוכן ומזומן, פלוצלונג האט אויסגעבראכן א גרויסע שריפה אין די שטאט און די אלע פארזאמעלטע זענען זיך פאר שרעק צולאָפן זען וואס עס האט פאסירט, אפשר קען מען עפעס ראטעווען, קינדער אדער פארמעגנס.

דער איד האט געזען וואו ער האלט, האט ער זיך צוזאמגענומען די כוחות און האט אנגעהויבן צו לויפן איבער פעלדער און וועלדער פון דאָרף צו דאָרף וויפיל כח ער האט נאר געהאט, איז ער געלאפן מ'זאל אים נישט טרעפן נאכאמאל, ביז ער האט שוין געמוזט בלייבן שטיין ווייל ער האט שוין נישט געהאט קיין כח צו גיין ווייטער, האט ער געזען אז ער געפינט זיך אין א דערפל האט ער זיך נאכגעפרעגט וואו עס וואוינט א איד, און ער האט זיך געשלעפט ביז צו דעם איד אין הויז, און האט זיך איינגעבעטן ביי דעם איד אין שטוב און געפרעגט אויב ער קען דארטן איינשטיין. דער בעל הבית איז פונקט דעמאלט נישט געווען אין שטוב, נאָר די משפחה האט אים אויפגענומען און מכבד געווען מיט א שטיקל טרוקן ברויט און אביסל וואסער, און זיי האבן אים אנגעוויזן א ווינקל אין שטוב וואו ער קען זיך לייגן שלאפן.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה האט ער זיך געמוזט זעצן עסן דאס טרוקענע שטיקל ברויט און נאכטרונקען מיט'ן וואסער וואס ער האט באקומען, און ער זיך געגאנגען לייגן שלאפן און אויסרוען זיך אביסל צוריק צוקומען צו די כוחות. אינדערפרי ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער געפרעגט איינעם פון די משפחה, צי ער וועט קענען דא בלייבן א לענגערע צייט? ער איז גרייט אנצונעמען ארבעט ער זאל קענען באצאלן פאר'ן קאָסט און קוואטיר.

האבן זיי אים געענטפערט, זייער גוט, אונזער טאטע איז א וואסער טרעגער און אויך א האָלץ האקער, און ער איז יעצט אין שטאט, און ער דארף היינט צוריקקומען, ער זוכט טאקע א העלפער צו זיין ארבעט, דער איד האט זיך דערפרייעט אז ער האט שוין א שטיקל מנוחה, אבער אין די מחשבה האט ער זיך אנגעהויבן מאכן א חשבון הנפש געוואלד! וואו בין איך דא? וואס איז געשען מיט מיר...?

ס'איז געווארן נאכאמאל נאכט און דער איד האט זיך ווייטער געלייגט שלאפן אין זיין ווינקל, און פלוצלונג עפענט זיך די טיר דער בעל הבית איז אריינגעקומען פון שטאט, אין שטוב איז א שמחה, יעדער פרייעט זיך, די מאמע, די קינדער, דער טאטע איז אהיימגעקומען.

ער הייבט אָן צו דערציילן די לעצטע נייעס אין שטאט, איר הערט? עס איז געשען א מורא'דיגע מעשה אין א שטאט נישט ווייט פון דא האט מען געטראפן דעם קעניג טויט אין דעם שטוב פון א איד אן עושר, וואס דער עושר האט אים פאר'סמ'ט מיט א גלעזל טיי און מ'האט גע'פסק'נט פאר דעם עושר אז עס קומט אים צו הענגען און דורך א פלוצים'דיגע שריפה וואס האט אויסגעבראכן נעבן די תלוי', איז דעם עושר געלונגען צו אנטלויפן אין די לעצטע מינוט, און דער רעגירונג האט ארויסגעגעבן א מודעה אז ווער סוועט אים טרעפן און צוריקברענגען דער וועט באקומען א געוואלדיגע סומע געלט, אויך האט מען אויסגעמאלן א בילד פון די צורה פון דעם עושר, ווי אזוי ער זעט אויס און מען האט עס ארומגעשיקט איבעראל, איך האב מיך אויך גוט צוגעקוקט אין זיין צורה פונקטליך וויאזוי ער זעט אויס, און ווער ווייסט אפשר איז דער גרויסע גליק באשערט פאר אונז? הלואי זאל ער נאך אריינקומען אין מיינע הענט, ס'וואלט זייער גוט געווען...

ס'איז איבעריג צו שילדערן די געוואלדיגע שרעק וואס האט אנגעכאפט דעם "עושר" וואס איז שוין געלעגן אויף זיין געלעגער הערנדיג ווי דער מצב זעט אויס, ער האט זיך איינגעצויגן און זיך צוגעדעקט וויפיל ער האט געקענט, און ער זיך פרובירט צו שטארקן ער זאל זיך נישט פארלירן אין אזא שרעקליכן מצב.

ס'איז שוין אדורך נאך א פאָר שעה, און ווען ער איז שוין געווען

זיכער אז יעדער שלאפט שוין, האט ער זיך פלוצלונג אויפגעכאפט און אנטלאפן וואו ער האט געקענט און ער איז ווייטער געלאפן ביז ווילאנג ער האט נאך געהאט דאס לעצטע ביסל כח, ווען ער האט שוין נישט געקענט ווייטער לויפן, האט ער זיך אריינגעווארפן אין א גרוב וואס ער האט דארט געפינען, און ער האט פון גרויס צער און צובראכנקייט אנגעהויבן צו מאכן א חשבון הנפש, וואס ער העאט אדורכגעלעבט אין אזא קורצע צייט ווי ווייט ער איז ארונטערגעפאלן פון זיין מדריגה פון איין עק ביז צום אנדערן, און ער אליין האט זיך אנגעהויבן צו מתוודה זיין, אז דאס אלעס איז געקומען אויף אים צוליב זיין אויפפירונג, וואס ער איז געווען אזוי זיכער ביי זיך אין דעם "כוחי ועוצם ידי" אז דער אויבערשטער קען אלעס און פירט יעדע זאך ווי מיר זאגן אין דעם ערשטן אני מאמין, אז מיר גלייבן באמונה שלימה אז דער אויבערשטער באשאפט און פירט אלע באשעפענישן, און ער האט געטאן און טוט און וועט טאן אלע מעשים, פון דעם גרעסטן געשעעניש ביז'ן קלענסטן ריר.

און אזוי ליגענדיג און טראכטענדיג האט ער זיך פלוצלונג אויפגעכאפט, און ער האט זיך דערזען אז ער ליגט ביי זיך אין זיין רייכע שטוב, די גאנצע זאך איז נאר געווען א חלום, מיט א קלאַפענדיג הארץ האט ער איבערגעקלערט דעם גאנצן ענין וואס דא האט פאסירט, און האט קלאָר פארשטאנען דעם וואונק וואס דער חלום האט אים געוואלט ווייזן.

ס'איז געווארן טאג, דער עולם איז אויפגעשטאנען, ר' דוד'ל איז צוגעגאנגען צום עושר, און ער האט אים געזאגט נו יעצט בין איך שוין אויסגערועט, און איר קענט מיר פרעגן וואס איר ווילט, און איך בין אייך גרייט צו ענטפערן, דער עושר האט אים געענטפערט איך האב שוין נישט וואס צו פרעגן פון אייך, ווייל די נאכט האט מען מיר שוין זייער קלאָר געענטפערט אויף מיין פראגע...

האט אים ר' דוד'ל געזאגט, איר זאלט טאקע וויסן אז טאקע נאר צוליב דעם בין איך צו אייך געקומען, ווייל פון הימל האט מען שוין געוואלט ארויסגעבן אויף אייך א שלעכטע גזירה חס ושלום, נאר מיין רבי דער הייליגער בעל שם טוב האט אויסגע'פועל'ט אז מ'זאל נאךווארטן ביז מען וועט אייך געבן דעם לעצטן געלעגענהייט, אפשר וועט איר אייך צוריקקערן צום גוטן וועג.

און דאס אלעס איז נאר אין דעם זכות פון הכנסת אורחים און צדקה, וואס איר זענט מקיים, האט איר געהאט די זכי' געראטעוועט צו ווערן פון די שווערע גזירה רחמנא ליצלן. און איר זאלט וויסן פון היינט און ווייטער, אלעמאל זיך צו האלטן פעסט בייצושטיין אלע נסיונות און האבן די קלארע ריינע אמונה אז דער אויבערשטער איז דער וואס מאכט רייך און ער מאכט ארים צוגלייך, און אין די זכות פון אמונה וועט דער אויבערשטער ווייטער העלפן, און עס וועט אייך זיין אלעמאל גוט סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענע וועלט.

---

אמאל איז דער הייליגער שפאלער זיידע זכותו יגן עלינו געפארן מיט אן עלטערע איד וועלכער האט נאך געקענט דעם בעל שם טוב זי"ע, און אויפ'ן וועג האט אים דער שפאלער זיידע געבעטן ער זאל אים דערציילן א מעשה פונעם בעל שם טוב.

האט אים דער איד דערציילט, אז איינמאל יום כיפור נאך שחרית איז דער בעל שם טוב צוגעגאנגען צו זיין תלמיד ר' וואלף קיצעס, און אים אריינגערוימט עפעס שטילערהייט אין זיין אויער, יענעם יום כיפור האט אינמיטן טאג געשיינט די זין, און פאר תפלת נעילה איז געווארן פארוואלקענט, מ'האט געדאווענט נעילה מיט מעריב, נאכן דאווענען האט מען נישט געקענט מאכן קידוש לבנה ווייל ס'איז געווען זייער פארנעפלט, האט דער הייליגער בעל שם טוב מיט זיינע תלמידים געמאכט הבדלה און זיי האבן עפעס טועם געווען, און זיי האבן זיך זייער געפרייעט, און זיי האבן געטאנצן, און דער בעל שם טוב האט מיטגעטאנצט מיט זיי.

ביני לביני האט איינער פון די תלמידים באמערקט אז ר' וואלף קיצעס איז נישטא, און ער האט געפרעגט וואו ער איז, אבער

דער הייליגער בעל שם טוב האט אים געווינקען ער זאל שווייגן און זיך נישט וואוסענדיג מאכן פון דעם, דערנאך זענען זיך אלע תלמידים צוגעגאנגען און זיי זענען געגאנגען שלאפן. אינמיטן די נאכט איז ר' וואלף געקומען און געקלאפט אויפ'ן פענסטער פון בעל שם טוב און אים געזאגט, רבי מ'קען שוין קומען מחדש זיין די לבנה ווייל די וואלקענעס האבן זיך שוין צושפרייט און דער הימל איז שוין קלאר, און דער הייליגער בעל בעל שם טוב מיט זיינע תלמידים האבן מחדש געווען די לבנה מיט א גרויסע שמחה, נאכדעם וואס זיי האבן מחדש געווען די לבנה האבן זיך דער הייליגער בעל שם טוב און ר' וואלף זייער געפרייעט און זיי האבן געטאנצט און אלע תלמידים האבן מיטגעטאנצט מיט זיי, אבער זיי האבן נישט געוואוסט וואס איז פארגעקומען, אבער זיי האבן פארשטאנען אז ס'איז עפעס אינטערסאנט.
אזוי ווי אלע יארן האט זיי דער בעל שם טוב דערציילט וואס עס האט זיך אפגעטאן אין די עולמות העליונים, האט ער זיי דערציילט, אז בשעת'ן דאווענען שחרית, האט מען אים מודיע געווען פון הימל אז ס'איז דא א גרויסער קטרוג אויף אידישע קינדער, און ער וועט דארפן גיין פון דער וועלט, און מ'האט מיר געגעבן א סימן אז בשעת מ'וועט דאווענען נעילה וועט ווערן פארוואלקענט און מ'וועט נישט קענען מחדש זיין די לבנה, דערפאר האט דער בעל שם טוב ארייגערוימט דעם סוד פאר זיין תלמיד ר' וואלף, און ר' וואלף האט שטארק איינגעריסן ביי זיין דאווענען ווילאנג ער האט אויסגע'פועלט אז דער הייליגער בעל שם טוב זאל בלייבן לעבן צווישן אונז. דאס אלעס האט דער עלטערער איד דערציילט פאר דעם הייליגער שפאלער זיידע, און ווען ער האט געענדיגט צו דערציילן די מעשה, האט אים דער שפאלער זיידע געזאגט מען זעט פון די מעשה אז ס'איז אמת, כי האמת ניכר. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

----------------------------------------------------------------

## מעשה נורה מענין של תשובה

אין די צייטן פון דעם מקובל ר' משה דיליאן זכותו יגן עלינו, וואס ער איז געווען א גרויסער צדיק, און מ'האט געזאגט אויף אים אז די שכינה רוט אויף זיין פנים, און ווער עס שטייט אין זיינע ד' אמות פאלט אויף אים א שרעק און ווערט באלד נתעורר לתשובה, און ער קומט בעטן א תיקון אויף זיינע עבירות, האט אמאל פאסירט אז א גרויסער רשע וואס ער האט געטאן אלע הארבע עבירות איז איינמאל אדורכגעגאנגען דעם ר' משה דיליאן, און ס'איז געפאלן א מורא'דיגן פחד אז ער האט גלייך מהרהר געווען בתשובה, און איז געקומען צו ר' משה בעטן ער זאל אים ארויסגעבן א תשובה, און ער האט אים געזאגט אז ער האט נישט קיין אנדערע תיקון נאר אז ער מקבל אויף זיך שריפה, דאס מיינט אז מ'זאל אריינגיסן אין זיין האלז הייסע בליי, און דער רבי האט אים צוגעזאגט אז אויב ער וועט אזוי טאן דעמאלט איז מען אים מוחל אלע עבירות וואס ער האט געטאן, און ער וועט זוכה זיין צו עולם הבא.
דער רשע האט גענומען אויף זיך אז זיין טויט זאל זיין א כפרה אויף אלע זיינע עבירות, דער רב האט געברענגט א אייזערנע לעפל אנגעפולט מיט בליי און האט דאס געלייגט אויפ'ן פייער ביז די בליי איז געווארן אויפגעלאזט, דערנאך האט ער געהייסן דעם איד ער זאל זיך אראפלייגן אויף דער ערד, דער רב האט גענומען א שמאטע און ארומגעבינדן זיינע אויגן, און האט אים געהייסן זאגן ווידוי אויף זיינע עבירות, און ליינען קריאת שמע, דער איד האט געטאן ווי דער רב האט אים געהייסן און האט געליינט קריאת שמע מיט גרויסע בכיות, דערנאך האט אים דער רב געזאגט, עפן דיין מויל און כ'וועל אריינגיסן די בליי און דו וועסט אויסגיין אויף קידוש השם פאר'ן גאנצן עולם וואס זענען יעצט דא.
דער בעל תשובה האט גלייך געעפענט זיין מויל, דער רב האט גענומען א לעפל און עס אנגעפולט מיט האניג און אריינגעגאסן אין זיין האלז און האט אויסגערופן דעם פסוק

וסר עונך וחטאתך תכופר, דער איד האט זיך אויפגעשטעלט פון דער ערד און אנגעהויבן ביטערליך צו שרייען אז דער רב האט אים אויסגענארט, ווייל ער האט מקבל געווען צו שטארבן מתוך תשובה, האט אים דער רב געזאגט, דארפסט נישט מורא האבן פאר דעם, ווייל השי"ת וויל נאר אז מ'זאל תשובה טאן, און מיט דעם וואס דו האסט מקבל געווען אויף דיר פון דיין אייגענעם גוטן ווילן צו שטארבן, ווערט גערעכענט ווי דו וואלסט געשטארבן און מ'האט דיר מוחל געווען אויף דיינע עבירות.

---------------------------------------------------------------

**מעשה נורא פון רבי מרדכי יפה בעל הלבושים**

=-=-=-=-=-=-=-=-=-=-=-=-=-=-=-=-=-=-=-====

א מעשה נורא וועגין דעם חשיבות פון ענטפערען אמן יהא שמיה רבא

א מעשה רב ונורא איז פארגעקומען אין דער צייט פון דעם גאון רבי מרדכי יפה דער בעל הלבושים. אין די מעשה וואס האט פאסירט איז אזוי:

דער גאון ר' מרדכי יפה איז געווען דער אב בית דין און ראש ישיבה אין א קלענער שטעטעל, און השי"ת האט אים דערהויבן צו זייער א גרויסער מדריגה און זיין נאמען איז געווארען שטארק מפורסם,ביז עס איז געקומען שלוחים פון דער גרויסער קהלה קדושה פוזנא אים אויפצונעמען אלס דעם אב בית דין און ראש ישיבה ביי זייער שטאדט.

ווייל ער איז געווען זייער גרויס אין נגלה און אויך אין נסתר, ווי יעדער קען דאס זעהן פון זיינע הייליגע ספרים, וואס ער האט מחבר געווען מיט דעם נאמען "עשרה לבושים". אין אנפאנג איז זייער כוונה געווען צו מערען דעם כבוד שמים, ווייל זיי האבען נאר גענומען אן אב"ד נאר א גדול בתורה, און ווען זיי האבען אים געברענגט דעם"איגרת הרבנות" , ווי דער מנהג איז, האט דער גאון געענפערט צו די שליחים , אז איך וועל מקבל זיין דעם "כתב רבנות" פון אייך און איך בין וויליג צו ווערען אייער מורה הוראה.אבער באלד אויף דעם מאמענט קען איך נאך נישט קומען צו אייער שטאדט און זיין מיט אייך.דאס איז דערפאר וואס איך האב נאך נישט גענוג געלרענט די חכמה פון "עיבור החודש" און דערפאר וויל איך פריער פאהרען אין דער מדינה פון איטאליע אין דער שטאדט וויניציאה צו די "חכמי הספרדים" ווייל זיי זענען קלאר אין דער גרויסע חכמה,און ערשט דערנאך וועל איך זיין גרייט איבערצונעמען דאס רבנות אין אייער שטאדט פוזנא.

און כך הוה דער גאון איז באלד געפארען און אנגעקומען קיין איטאליע, און געלערנט ביי דעם גרויסען חכם מהר"י אבוהב. ער האט דארט פארברענגט ביי דעם גרויסען חכם מהר"י אבוהב אן ערך פון דריי חדשים צייט און ער האט זיך אויסגעלערנט די גאנצע חכמה גאר גוט . ווי מיר קענען דאס זעהן פון זיין ספר "לבוש אדר יקר" פון הלכות ראש חודש. פון דארטען קען מען זעהן אביסעל דאס גרויסקייט פון דעם גאון אויך אין דער חכמה פון עיבור החוודש.ווען ער האט שוין געהאלטען ביי דער ענדע פון די דריי חדשים וואס דער גרויסער גאון האט פארברענגט ביי דעם מהר"י אבוהב, איז געשעהן די מעשה.

דער מהר"י אבוהב האט געהאט א אינגעל. וועלכער איז דעמאלט אלט געווען פינף יאר . און דאס אינגעל האט געהאט אין דער האנט א פרי און דאס אינגעל האט געמאכט א ברכה "בורא פרי העץ" – און דער גאון רבי מרדכי יפה זצ"ל האט אומווילענדיג נישט געענטפערט אמן אויף דעם קינדס ברכה (ווי ליידער צום באדויערן זיינען דער רוב עולם געשטרויכעלט וואס זענען אין דעם נישט נזהר) און ווי דער חכם דער רבי פון דעם פריער דערמאנטען גאון

האט דאס געזעהן , אז ער האט נישט געענפערט אמן אויף די ברכה פון דעם קינד, איז ער זייער שטארק אין כעס געווארען אויף אים (אויף דעם גאון רבי מרדכי יפה) און ער האט געשריגען אויף אים און ער האט אים מנדה געווען. דער גאון רבי מרדכי יפה האט געווארט ביז נאך דרייסיג טעג ווי דער דין איז ווען א רבי איז מנדה זיין תלמיד, און דערנאך איז דער גאון רבי מרדכי יפה געגאנגען צו זיין רבי'ן און געוואלט אים מפייס זיין אבער דער רבי זיינער האט זיך נישט געלאזט מפייס זיין.

דער גאון האט געזאגט צו זיין רבי'ן זייט מיר מוחל מיין האר מיין זונד, וואס האב איך זיך אזוי שטארק פארזינדיגט אקעגען אייך און פארוואס איז אייער צארן אויף מיר אזוי גרויס . האט דער חכם אים געענפערט און געזאגט דו זאלסט וויסען אז א גרויסע ליבשאפט האב איך דיך ליב געהאט אזא אהבה שאינה תלויה בדבר , איך האב דיך ליב געהאט נאך מער ווי איך האב ליב מיין זון אבער דו זאלסט וויסען מיט אמונה אז דו ביזט געוועהן מחויב מיתה. אין דער צייט ווען דו האסט נישט געענפערט אמן אויף דער ברכה פון מיין קינד אבער איך בין דיר מוחל מיט אן אמת און מיט א גאנצקייט . נאר אויף דעם תנאי אז אין יעדען ארט און אין יעדער קהלה ווי נאר דיינע טריט פון דיינע פיס וועלען טרעטען זאלסטו דארטען דרש'נען ברבים און דו זאלסט זיי מודיע זיין די זינד און דעם גרויסען פגם וואס עס טוט דער וואס ענפערט נישט קיין אמן אויף א ברכה וואס ער הערט פון א איד.

און איך באפעל דיר אז דו זאלסט באפעלען פאר דיינע קינדער און אייניקלעך ביז דעם סוף פון אלע דורות אז זיי זאלען דערציילען די גרויסע און שרעקליכע מעשה וואס איך וועל דער יעצט דערציילען און אזוי איז געוועהן די מעשה.

אין די מדינות פון שפאניע איז געוועהן פאר די גזירות פון יאהר תתנ"ו גרויסע קהלות קדושות און אין איינע פון די מדינות איז געוועהן א גרויסע שטאדט פון אידען יראים ושלמים און דער שטאדט איז געוועהן אמלך וואס האט שוין פיל מאהל געוואלט פארטרייבען די אידען פון דער שטאדט נאר דארט איז געוועהן א רב וואס איז געוועהן א גרויסער למדן און א חסיד און א גרויסער עניו ער איז אויך געוועהן זייער יריך און ער האט נושא חן געוועהן ביים מלך . יעדעס מאהל ווען דער מלך האט געוואלט פארטרייבען די אידען איז דער רב געקומען און פארשטערט די עצות פון די שונאי ישראל און אפגשריגען די די ביטערע גזירה.

איין טאג איז דער קעניג אין כעס געווארען אויף די אידען או ער האט ארויסגעגעבען א באפעהל צו פארטרייבען די אידען פון דער שטאדט זיינען געקומען די מענטשען פון דער קהלה צום רב דער גרויסער חסיד, און זיי האבען אים געבעטען אז ער זאל גיין ממליץ זיין פאר זיי ביי דעם מלך און ער זאל מבטל זיין די גזירה ווי ער פלעגט דאס צו טוהן פון צייט צו צייט.

אבער ליידער איז דאס מאהל געלונגען דעם שטן בעוה"ר . די מענטשען זיינען געקומען צו דעם צדיק מנחה צייט און אוונט און דער חסיד האט זיי געזאגט אז ער וויל פריער דאווענען מנחה און דערנאך וועט ער גיין צו דעם מלך, ווי עס שטייט אין פסוק "ראשית חכמה יראת ה'" און די מענטשען האבען אים שטארק געבעטען און זיי האבען צום אים געזאגט אז דאס איז אויך א מצוה צו ראטעווען דעם כלל ישראל און איצט איז אן עת רצון פאר דעם מלך, און דערנאך קענט איר דאווענען מנחה.

דער חסיד האט אזוי געטוהן און ער איז מיט זיי מיטגעגאנגען צום קעניגליכען פאלאץ. ווי נאר דער קעניג האט אים דערזעהן האט ער זייער נושא חן געוועהן ביי דעם מלך, און דער מלך איז אים אנטקעגען געלאפען און ער האט אים געהאלדזט און געקושט דעם גרויסען חסיד. דער חסיד איז געוועהן זיכער ביי זיך אז עס וועט אים אוודאי געלונגען מבטל צו זיין די גזירות פון דעם גירוש. דערוויל האט דער חסיד גערעדט מיט דעם מלך אין אנדערע ענינים.

און מיטען דערינען איז געקומען א גלח פון ערגעץ א מדינה פון דעם קעניג פון די מרחקים וואס האט באלאנגט צום מלך און ער איז געפאלען פאר די פוס צום מלך און ער האט גענומען זאגען אלאנגע און חשוב'ע ברכה פאר דעם מלך אין דער לאטיינישער שפראך.

ווי דער חסיד האט דערזעהן אז די צייט פון מנחה וועט באלד פאראיבער גיין איז ער זיך אוועקגעגאנגען און אן אנדער ווינקעל כדי צו דאווענען מנחה און דער חסיד האט געמיינט אז ער וועט נאך האבען גענוג צייט צו פארענדיגען זיין דאווענן מנחה נאר איידער דער גלח וועט ענדיגען די ברכה פאר דעם קעניג.

דערוויל אין מיטען דערינען ווען דער חסיד האט געהאלטען

אין מיטען שמונה עשרה. איז דער גלח אויפגעשטאנען פון דער ערד אויף זיינע פיס און ער האט באפוילען פאר די אלע אנוועזענדע וועלכע זיינען דעמאלס געוועהן ביי דעם מלך אין פאלאץ אז מען זאל ענטפערען אמן אויף זיין ברכה דערמיט עס זאל מקוים ווערען אלץ וואס ער האט געבענטש דעם קיסר און אלע צוזאמען האבען געענפערט אמן.
אבער דער חסיד האט נישט גענפערט ווייל ער האט נישט געוואלט מפסיק זיין אין מיטען דאווענען
דעמאלס האט דער גלח געפרעגט די אלע וועלכע האבען זיך געפונען אין דעם זאל אויב אלע האבען געענפערט אמן האבען זיי געזאגט אז יא האט דער גלח ווייטער געפרעגט צו דער איד וואס שטייט דארטען אין ווינקעל האט אויך געענפערט אמן? האבען זיי געזאגט אז ניין און דאס איז דערפאר ווייל ער דאווענט דארטען.
ווי נאר דער גלח האט דערהערט אז דער איד האט נישט געענפערט אמן נאך זיין ברכה פאר דעם קעניג האט ער זיך גענומען רייסען די האר פון קאפ און איז ארויס מיט א גרויס געשריי , און ער האט געזאגט אוי וויי איז מיר אויף דער שלעכטער מעשה וואס צוליב דעם אידען וועט די ברכה וואס איך האב געבענטשט דעם קעניג נישט מקויים ווערין ווייל דער איד האט נישט געענפערט אמן אויף מיין ברכה!
און ווי נאר דער קעניג האט דערהערט די רייד פון דעם גלח איז ער אריין אין א גרויסען צארן און א גרויסען כעס אויף דעם חסיד און ער איז אינגאנצען איבערגעקערט געווארען פון א ליבהאבער צום חסיד אויף אן אכזר און ער האט באלד ארויסגעגעבען א באפעל צו זיינע באדינער אז מען זאל דעם חסיד גלייך הרג'ענען און אים צושניידען אויף שטיקער און מען האט דעם באפעל דורכגעפירט גלייך ווי דער קעניג האט באפוילען . און מען האט גע'הרג'עט דעם גרויסען חסיד מיט שרעקליכע און שווידערליכע יסורים בעוה"ר און מען האט אים צושניטען און דעם צושניטענעם קערפער האט מען אריינגעלייגט אין א קלייד און מען האט דאס געטראטען אינזיין שטוב און נאכדעם האט דער מלך פארטריבען אלע אידען..

און דער שטאדט איז געוועהן נאך א חסיד וואס ער איז געוועהן דער חבר פון דעם חסיד וואס איז גע'הרג'עט געווארען . ער האט געוויסט אז דער פריער דערמאנטער חסיד איז געוועהן א גרויסער צדיק און א איש קדוש . און דער חבר פון דעם חסיד וואס איז גע'הרג'ט געווארן איז געוועהן ווי א מתרעם אויף די מדות פון הקב"ה ח"ו האט ער דאך נישט געוואלט ביי זיך באשליסען אז חס ושלום איז דען הקב"ה נישט גערעכט מיט זיינע מעשים איז דען הקב"ה חשוד ח"ו אז ער זאל טוהן א דין אהן א משפט האט ער באשלאסען אז עס מוז זיין אז דער דערהרג'עטער חסיד האט עובר געוועהן עפעס אן עבירה פארבארגענהייט און דער חסיד האט געפאסט און געוויינט און מתפלל געוועהן אז מען זאל אים מודיע זיין פון הימעל פאר וועלכען חטא איז זיין חבר דער חסיד גע'הרג'עט געווארען מיט אזא מיתה משונה.
דער חסיד האט זיך מתבודד געווהן אין א חדר מיוחד און ער איז געזעסען און געטראכט און זידמתבונן געוועהן פאר וואס יענער חסיד זיין חבר איז דערהרג'עט געווארען.
אין דעם זעלבען טאג האט זיך צו אים באוויזען זיין חבר דער חסיד וואס איז דערהרגעט געווארען . ער איז שטארק דערציטערט געווארן און ער האט זיך שטארק דערשראקען ווען ער האט דערזעהן ווי זיין חבר האט זיך באוויזען צו אים .

דער חסיד וואס איז דערהרגעט געווארען האט געזאגט צום אים האב נישט קיין מורא און שרעק זיך נישט.
זאגט אים דער לעבעדיגער חסיד
איך ווייס דאך אז דו ביזט געוועהן א גרויסער חסיד און דערפאר בעט איך דיך אז דו זאלסט מיר מגלה זיין פארוואס האט מען דיר אזוי געטוהן און פארוואס איז אויף דיר געקומען אזא גרויסע צארן און עונש
האט אים דער דערהרגעטער חסיד געזאגט איך וועל דיר זאגען דעם אמת אין מיין גאנצען לעבען האב איך נישט געטוהן קיין שום עבירה נאר ווי דו ווייסט דאס אז הקב"ה איז מדקדק עם סביביו כחוט השערה צדיקים אפילו ווען זיי זענען עובר אויף א קליינע עבירה ווי א האר איז הקב"ה מדקדק דערויף און דער רוב העולם איז נישט פארזיכטיג בעוה"ר איקד ער עביר האון ער דערציילטוואס פאר אן עבירה ער האט אויבער געוועה.
אייןמאהל האט מיין קליין קינד גמאכט א ברכה אויף ברויט און איך האב געהערט די ברכה פון אים און נישט געענפערט דערויף אמן אונה קב"ה האט מאריך אויף געוועהן אויף מיר ביז די מעשה וואס איז מיט מיר פארגעקומען ווען איך בין געשטאנען פאר דעם מלך א מלך בשר ודם וואס איך האב נישט געענפערט אמן אויף דער ברכה וואס מען האט אים

געבענטשט און דער מלך בשר ודם איז אויף מיר אין כעס געווארען און פונקט דעמאלס אין דער זעלבער צייט האט דער בית דין של מעלה מיך גע'משפט פאר מיין נישט ענטפערען אמן אויף מיין קינד'ס ברכה.
און דערפאר בעט איך דיך מיין פריינד אז דו זאלסט דאס דערציילען פאר דיינע זין און פאר דיינע אייניקלעך און פאר דער גאנצער וועלט אט די מעשה און דו זאלסט זיי ווארענען אז זיי זאלען נזהר זיין און ענטפערען אמן.
נאכדעם איז דער חסיד דער איש האמת צוריק פארשווינדען. ווען דער ספרדישער חכם האט געענדיגט דערציילען די מעשה פאר דעם גאון רבי מרדכי יפה הנ"ל , האט ער צו אים געזאגט זיי נישט ברוגז אויף מיר וואס איך האב דיך מנדה געווען ווייל מיין כוונה איז געווען אז כדי דו זאלסט האבען א כפרה אויף דער עבירה און איך בין דיר מוחל נאר בתנאי אז דו זאלסט דרש'ענען ברבים און זיי ווארענען אז מען זאל זיין נזהר צו ענטפערען אמן.
און ווען איך בין אויפגענומען געווארען אלס בעל דרשן אין א סאך מדינות האט מיר דערציילט מיין שווער ז"ל וויבאלד דו ביסט געווארען משודך מיט די קינדער פון דעם גאון מוה"ר מרדכי יפה הנ"ל ליגט אויף דיר א פליכט צו גיין דרש'ענען אין אלע מקומות וועגען אים און דערציילען די מעשה נורא און דו זאלסט ווארענען די אלע אידען וועגען דעם אז מען זאל זיין געווארענט צו ענטפערן אמן.
און דערפאר דארף יעדער איד וואס איז א ירא שמים און איז פארזיכטיג פאר א דבר ה' אז ער זאל אדורכליינען די מעשה נורא וויניגסטענס איין מאהל אין א חודש און ער זאל מודיע זיין די מעשה און דער גרויסען עונש וואס עס קומט פאר דעם וואס מען ענפערט נישט נאך קיין אמן נאך א ברכה און אפילו נאך א ברכה פון א קליין קינד.
און פון דאנען קען מען זיך נעמען א בייספיל אז דאס איז די שטראף אויב מען ענטפערט נישט אויף א ברכה פון א קינד איז דאך אוודאי געוויס ווען מען געפינט זיך אין בית המדרש אדער אין דער שוהל , און דער בעל תפלה זאגט די הויכע שמונה עשרה און מען פארפעלט צו ענטפערען , וואס זאל שוין דעאמלס זיין...
געדענקט דעם מוסר השכל פון דער מעשה נורא!!!

---

**געווארן שומרי שבת און עכטע בעלי תשובה**

ר' יוסף יצחק פרנס ע"ה איז געבוירן געווארן י"ג טבת תרל"ה. ער איז געווען די עלטסטער זוהן פון ר' אברהם יהושע פרנס ע"ה. ווען ער איז עלטער געווארן, איז יוסף יצחק'ס התמדה התורה געווען פונקט אזוי שטארק ווי זיין יראת שמים און אהבת הבורא.
ר' יוסף יצחק'ס משפחה איז ארגינעל געווען זייער רייך. זיין טאטע איז געווען א תלמיד חכם און א גרויסע בעל צדקה, אבער נאכדעם וואס ר' יוסף האט חתונה געהאט און האט געהאט אכט קינדערלעך, האט זיך זייער פינאנציעלער מצב אויסגעדרייט צום שלעכטען. דער ארימער פאטער האט באקומען אן אנווייזונג פון זיין רבי'ן ר' משה'לע דאמבראוווער זצ"ל, ארויס צו וואנדערען מיט זיין משפחה צו די פאראייניגטע שטאהטן-אמעריקא.
ר' יוסף יצחק איז אנגעקומען קיין אמעריקא אין יאהר תרס"ה, און זיין פאמיליע איז ארויסגעפאהרן אביסל שפעטער, זיי האבן זיך באזעצט אין דער לאוער איסט סייד.
אין די פריע יאהרן אין אמעריקא, איז פאר ר' יוסף יצחק זייער שווער אנגעקומען די פרנסה. עס איז נישט געווען קיין געלט צו צאהלן די רענט, און צום סוף האט מען זיין גאנצע משפחה ארויס געווארפן פון זייער וואוינונג. נישט האבענדיג קיין אנדערע ברירה האט זיך ר' יוסף יצחק אריינגעצויגען אין דעם קעלער פון די שוהל ווי ער האט געדאווענט.
איין טאג, איז א מאן, וועלכע האט געהאט יאהרצייט, געקומען דאווענען אין שוהל. ער איז צופעליג אראפ אין

קעלער און ער האט באמערקט ווי קינדער לויפן ארום. "וואס טוט זיך דא"? האט ער געפרעגט דעם שמש. דער שמש האט אנגעוויזען אויף ר' יוסף יצחק, וועלכע איז געשטאנען אין א ווינקל און אריין געקוקט אין א ספר. "איר זעהט דעם מאן דארט לערנען? די זענען זיינע קינדער, זיי וואוינען שוין דא אין קעלער עטליכע וואכן, ווייל מען האט עם ארויס געווארפן פון זיין דירה."

דער מאן איז געווארן באריִרט פון ר' יוסף יצחק'ס קלעם. ער איז צו געגאנגען צום פלאץ ווי ר' יוסף יצחק האט געלערנט. "ר' איד, איך זעה אז אייער משפחה האט זיך געדארפט אריינציען אין דעם טינקלען קעלער, צווישן די אויוועגעס און קוילן. איך קען נישט צוקיקן אזא זאך. ביטע, גיי טרעף זיך א וואוינונג, און איך וועל דיר געבן די רענט פאר עטליכע חדשים. "איך זעה אז איר האט נאך נישט געדאווענט", האט ר' יוסף יצחק געענטפערט, "קודם גייטס דאווענען און דאן וועל איך אייך געבן א ענטפער."

פאר דעם מאן איז עס געווען א רעטעניש, וואס האט מען צו טראכטן וועגן אננעמען אזא פארשלאג? ער איז אבער טאקע געגאנגען דאווינען.

אין דער צייט האט ר' יוסף יצחק זיך נאכגעפרעגט וועגן דעם מאן. "איז ער א שומר שבת? האט ער געפרעגט. "ניין", האט מען עם געענטפערט, "דעם מאן'ס ביזנעס איז אפען און שבת." ווען ער האט געענדיגט דאווענען איז דער מאן ווידער צוגעגאנגען צו ר' יוסף יצחק, "נו, וואס זאגסטו"? "א גרויסן דאנק פאר אייער גוטן ווילן, אבער איר קענט מיר נישט העלפן."

דער מאן האט זיך נישט געוואלט גלייבן. "וואס מיינט איר צו זאגן, אז איך קען אייך נישט העלפן? פון ווי ווייסט איר"? "איר זעהט", האט ר' יוסף יצחק מסביר געווען, "איך האב א פרינציפ נישט צו ניצן קיין שום געלט וואס איז פארדינט געווארן און הייליגן טאג שבת. איך הער אז אייער ביזנעס איז אפען און שבת, דערפאר קענט איר מיר נישט העלפן."

"איך קען עס פשוט נישט פארשטיין", האט דער מאן געזאגט, ,איר מעגט זיין פרום פאר זיך אליין, אבער וויאזוי קענט איר זיין אזוי אכזריות'דיג צו אייער קינדער?" פארביטערט און צוטימלט, האט דער מאן פארלאזט די שוהל. ווען ער איז אהיים געקימען האט זיין ווייב עם באגריסט. "הער זיך צו", האט ער איר געזאגט. "די וועסט נישט גלייבן די מעשה. ער האט איר פארגעשטעלט ר' יוסף יצחק'ס ארימע צושטאנד. דאן האט ער איר ווייטער דערציילט, ווי אזוי ר' יוסף יצחק האט אפגעזאגט זיין שיינעם פארשלאג.

"אמת'דיג? איך מיז דאס זעהן!"

די פרוי איז מיטגעגאנגען מיט איר מאן מנחה צייט, און זי איז אראפ אין קעלער. ווען זי איז אראפ די טרעפ איז א אינגל אויך אראפ אין קעלער, האלטידיג א פעקל אין זיין האנט. "וואס האסטו אין דעם פעקל, מיין קינד"? האט זי געפרעגט מיט א פריינדליכע שמייכל. דער אינגל האט איר געוויזן זיין סחורה. עס איז געווען שטיקלעך בענאנעס פון דעם פרוכט פארקויפער, וואס זענען געווען צושניטן, דער שלעכטע חלק איז געווען אראפגעשניטן.

די פרוי איז צוגעגאנגען צו ר' יוסף יצחק. "מיין מאן וויל אייך העלפן, מיט'ן געבן פאר אייך געלט פאר רענט. פארוואס ווילט איר עס נישט אננעמען? ווי אזוי קענט איר צוקיקען ווי אייער פרוי און קינדער ליידען אזוי?"

"איך נוץ נישט קיין געלט וואס איז פארדינט געווארן און שבת". האט ר' יוסף יצחק געענטפערט מיט פשטות.

"אבער די מענטשען וועלכע זענען שומרי שבת, אפפערן אייך נישט קיין געלט", האט זיך דער פרוי מתווכח געווען. "דאן, דארפן מיר עס נישט. אויב השי"ת וויל מיר זאלן האבן, וועט ער אונז דאס שיקן דירעקט, אדער דורך א שומר שבת איד. אויב ער שיקט עס נישט, איז א סימן אז מיר דארפן אזוי לעבן."

די פרוי איז געווען באריִרט ביי ר' יוסף יצחק'ס אמת'דיגע אמונה. זי האט גענימען איר מאן אין דער זייט. "דאס איז א זעלטענע געלעגנהייט, אפשר זאלן מיר צומאכן אינזער ביזנעס נאר פאר איין שבת"? און אזוי, וועט דאס געלט וואס מיר וועלן פארדינען נעקסטע וואך זיין כשר, און מיר וועלן עם קענען געבן דאס געלט."

דער מאן האט מסכים געווען, און ווען ער האט עס איבערגעגעבען פאר ר' יוסף יצחק, האט ער אויך מסכים געווען צו דעם געדאנק.

יענעם שבת האט דער מאן פארשפארט זיין ביזנעס און ער האט געגעבען פאר ר' יוסף יצחק דאס געלט פאר זיין רענט. אבער, די מעשה ענדיגט זיך נישט דא. דער מאן און זיין ווייב האבן אנגעהאלטן זייערע קאנטאקט מיט ר' יוסף יצחק, און ווי חז"ל זאגן, "מצוה גוררת מצוה" – "איין מצוה ברענגט צו א צווייטע מצוה". פון האלטן איין שבת און די מצוה פון צדרה,

זענען זיי ענדליך געווארן שומרי שבת און עכטע בעלי תשובה. יאהרן שפעטער, ווען ר' יוסף יצחק איז נפטר געווארן, האט איינער, וועלכע איז צוריק פון די לוי' באטאנט, "האסטו געזעהן די מענטשען וועלכע זענען געוועהן אין חסידיש'ע מלבושים און האבן געטראגען דעם ארון אויף זייערע פלייצעס א לאנגע וועג? זיי זענען די קינדער און אייניקלעך פון דעם פארפאלק, וועלכע האבן געצאהלט די רענט."

----------------------------------------------------------------------

## די שרעקליכע גניבה אין די סוכה

אין פנקס הקהל פון די שטאט קראקא איז פארשריבן א מעשה נורא וואס ס'האט פאסירט ביים מגלה עמוקות אלס יונגערמאן, ומעשה שהיה כך היה
אין די שטאט קראקא האט געוואוינט א איד א גביר א ת"ח ויר"ש, ער האט גענומען איידעמער תלמידי חכמים מופלגין, דריי איידעמער האט ער געהאט, פאר זיין יונגסטע טאכטער האט ער גענומען א חתן, א בחור א געוואלדיגער ירא שמים און א גרויסער למדן, (ער האט געהייסן ר' נתן נטע שפירא זי"ע מחבר פון ספרה הקדוש מגלה עמוקות), וועלכער האט זיך געפירט בקדושה ובטהרה בפרישות יתירה, זיין שווער האט אים ליב געהאט אהבת נפש, דרכו בקודש איז געווען אז ער פלעגט אויפשטיין יעדע נאכט חצות און אפגעראכטן תיקון חצות מיט גרויס בכיות, אמאל האט ער אנגעזאגט פאר זיין פרוי אז זי זאל אנזאגען שטרענג איר פאטער און זיינע קינדער אז זיי זאלן נישט אריינקומען אין זיין צומער ווען ער רעכט אפ תיקון חצות, ווייל ס'וועט זיי אריינשטעלן אין א סכנה ח"ו. ווען זיי האבן דאס געהערט, האבן זיי זיך אויסגעלאכט דערפון, זיינע שוואגערס האבן געזאגט היתכן, ווי קומט פאר אזא יונגערמאן זיך צו האלטן אזוי בגאות און שטאלצירן מיט זיך אז קיינער קען נישט זיין דעמאלטס מיט אים אין צימער!, האבן זיי זיך אפגעשמועסט איינער מיט'ן אנדערן, אז ווען ער וועט גיין מערביד דאווענען אין שוהל אריין, וועלן זיי זיך דעמאלטס באהאלטן אין יענעם צימער צו זעהן וויאזוי ער רעכט אפ תיקון חצות, און ס'וועט זיי זיכער נישט שאדן, ס'וועט זיי גארנישט געשעהן.
זיי האבן טאקע אזוי געטוהן, זיי האבן זיך באהאלטן אונטער א בעט, און דא האט פאסירט אן אומגליק, ווען דער הייליגער יונגערמאן האט אנגעהויבן זאגן דעם תיקון, זענען זיי רח"ל אויסגעגאנגען אויפ'ן פלאץ, אנדעם וואס איינער זאל האבן אפילו געוואוסט פון עפעס.
דעם אנדערען צופרי ווען זיי זענען נישט אהיין געקומען, זענען די ווייבער זייערע געווארן שטארק אומגעדולדיג וואס מיט זיי איז געשען, איז מען זיי געגאנגען זוכן אין ביהמ"ד וואו זיי האבן פריער געלערענט, אבער מ'האט זיי נישט געטראפן דארט, ווען דער הייליגער יונגערמאן איז געגאנגען אין שוהל אריין דאווענען שחרית, איז דער משרת אריין אין זיין צימער אויפרוימען, ווי ער עפענט די טיר האט זיך מיט אים געווארפן פאר פחד זעענדיג פאר זיך די צוויי איידעמער פונם בעל הבית זיינעם ליגן אויף דער רח"ל, ס'איז געווארן א גרויסער רעש, אלע האבן געוואוסט אז זיי זענען אויסגעגאנגען הערנדיג דעם תיקון חצות פון דעם הייליגען יונגערמאן ר' נטע. די גאנצע שטאט איז געווען איינגעהילט אין גרויס טרויער, יעדער איז געגאנגען אפגעבן דעם כבוד אחרון פאר די נפטרים, ס'זענען פארגעקומען רייסענדע בכיות ביי די לוי', און דער יונגערמאן ר' נטע ווידער האט נישט געהאט קיין מנוחת הנפש וויסענדיג אז צוליב אים איז געשען דער

אומגליק, האט ער געטראכט בשעת די לוי' אז אזוי ווי זיינע שוואגערס זענען אוועק נאר ווייל ס'האט זיי געשאדט דאס הערן מיין תיקון חצות, בין איך דאך בגדר פון א הורג נפש בשגגה וואס על פי תורה בין איך מחויב גלות, דערפאר האט ער מחליט געווען צו גיין גלות ליידן אלס א כפרה אויף דעם חטא.

ס'איז אדורך די שבעה רח"ל, האט ער דערציילט זיין ווייב וואס ער האט באשלאסן, ער האט איר באשוואוירן למען השם קיינעם נישט מגלה זיין דעם סוד, ער האט זיך איבערגעטוהן אין אנדערע מלבושים און אזוי ארויס שפאצירט פון שטאט און זיך צוגעטשעפעט צו א חברותא פון ארעמע ארחי פרחי'ס, און מיט זיי אינאיינען געגאנגען פון טיר צו טיר. אין דעם זעלבע צייט איז ביי זיין שווער געווארן חושך, דער הייליגער טייערער יונגערמאן נטע'לע איז נישט דא, מ'האט אים געזוכט און געזוכט אין אלע גאסן אבער אן ערפאלג, ער איז נישט דא, זיין שווער האט אפגעשריבן פריוון צו אלע רבנים פון די ארומיגע שטעט, אזו אויב זיי וועלן זעהן זיין איידעם מיט די און די סימנים, זאלן זיי אים פארשטענדיגען תיכף ומיד, ער וועט דערפאר באצאלן א שיינם סכום. ר' נטע איז אזוי ארום געגאנגען א גאנץ קיילעכדיג יאר מיט די באנדע ארימעלייט, ביז ס'איז אנגעקומען חודש אלול, האט ער אנגעהויבן זיך צו זארגען, וואו וועל איך טרעפן א אתרוג א הדר, וואו וועל איך קענען מקיים זיין די מצוה פון שלאפן אין א סוכה אזוי ווי איך בין געווען צוגעוואוינט ביי מיין שווער, ער איז אנגעקומען פאר יו"ט אין א גרויסע שטאט און איז צוזאם מיט אלע ארעמעלייט אריבער געגאנגען צום פרנס החודש אז ער זאל זיי געבן א גורל צו וועלכען בעה"ב ער זאל אנקומען און זיין דארט איבער יו"ט, דער פרנס איז געווען א שטיקל מבין אויף א צורה פונעם מגלה עמוקות, האט ער אים געפרעגט ווער ער איז? האט ער אים געענטפער אז ער איז אן עני ואביון אזוי ווי די אנדערע דא, ער האט אים נישט געוואלט זאגען ווער ער איז. דער פרנס האט אים געגעבן דעם גורל-צעטיל אין איז געגאנגען דערמיט צו א גביר דארטן, א בר אוריין א ת"ח, אזוי ווי דער יונגערמאן ר' נטע האט נאר איבערגעטרעטן די שוועל פון דעם גביר איבערגעבנדיג אים דאס צעטיל, האט דער בעל אכסניא געזעהן אויף אים, אז ער איז עפעס א העכערע מענטש און פרעגט אים ווער ער איז, ר' נטע האט נישט געענטפערט קיין קלארע תשובה, ער האט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות, אריינגענומען אין אן עקסטערן חדר, מכבד געווען אזוי ווי ס'פאסט זיך פאר אזא איד, ער האט אים געוויזן זיין הערליך שיינעם אתרוג און אים געזאגט אז ער קען אויך אתרוג בענטשן דערמיט, ר' נטע האט געדאנקט דעם באשעפער פאר האבן די מעגליכקייט מקיים זיין די מצות ארבעה מינים מהודרים אויך אין דער פרעמד.

ביינאכט נאכ'ן דאווענען זענען זיי אריין אין די הערליכע און שיין אויסגעצירטע סוכה, וכלים מכלים שונים, זילבערנע און גאלדענע כלים אויפ'ן טיש, ר' נטע האט געמאכט קידוש מיט גרויס התלהבות דקדושה און מחדש געווען חידושי תורה ביים טיש, דער בעה"ב דער גביר האט זיך מיט אים שטארק געווען משתעשע געווען און פארברענגט מיט אים א האלבע נאכט, נאכ'ן בענטשן זאגט אים דער בעה"ב אז ער קען שלאפן אין די סוכה א גאנצען יו"ט נאר איין זאך פארלאנגט ער פון אים, נישט צו פארגעסן צו צומאכן די טיהר פון די סוכה ווען ער גייט שלאפן, דער בעה"ב איז זיך געגאנגען לייגן שלאפן און ר' נטע האט ארויסגענומען פון טאש א קבלה ספר און זיך אראפגעשטעלט אין מיטן די סוכה און אזוי שטייענדיג געלערנט א גאנצע נאכט און אפילו נישט מרגיש געווען אז ס'זענען אריין געקומען די גנבים און גענומען אלעס פון טיש מיט די בעטגעוואנט אינאיינעם, און ער איז געשטאנען בהתפשטות הגשמיות נישט געזעהן און נישט געהערט גארנישט.

אין די פריע שעה'ן זייענדיג שוין שטארק מיעד, האט ער זיך אראפגעלייגט אביסל און געדרימלט, אביסל שפעטער איז דער בעה"ב אריינגעקומען אין די סוכה און צו זיין שטוינונג, טרעפט ער די טיר אפען אויסגעליידיגט פון אלעם, ער וועקט אויף ר' נטע'ן און פרעגט אים ר' איד וואו זענען אלע זאכן פון די סוכה? ער ווייסט נישט וואס מ'וויל פון אהם האבן, דער בעל הבית איז געווארן אין כעס און האט אים געשלאגין. באלד דעם ערשטן טאג חוהמ"ס, האט אים דער גביר גענומען צום רב פון שטאט און דערציילט אים וואס דער אורח האט געטוהן, און ר' נטע ענטפערט דעם רב, אז דער איינציגער באשפער איז עדות אז ער ווייסט נישט פון קיין גניבה, ער פילט זיך נאר שולדיג מיט דעם וואס ער האט פארגעסן וואס דער בעה"ב האט אים אנגעזאגט צו צושפארן די טיר פון די סוכה,

דער רב איז אויך געווען פון די צו וועמען ס'איז אנגעקומען א בריוו פון ר' נטע'ס שווער וועגן זיין "אנטלויפן" פון דער היים מיט אלע סימנים זיינע, אזוי קוקענדיג אויף אים און קוקענדיג אינעם בריוו, האט זיך דעם רב צוגעדאכט אז דא שטייט פאר נישט קיין אנדערער ווי דער "איידעם" פון קראקא, די סימנים שטימען! זאגט ער דעם גביר לאז אים אריין טראגען צו מיר אין צימער און דארט וועט ער מודה זיין אויף די גניבה, דער גביר האט מסכים געווען,

דער רב טראגט אים אריין און ווייזט אים דעם בריוו און פרעגט אים, "יונגערמאן" וואס זאגסט דו צו דעם בריוו? ר' נטע איז שטיין געבליבן און זאגט אים, יא! דאס איז מיין שווער פון קראקא, האט אים דער רב געזאגט איך בין גוזר בגזירת מרא דאתרא אז די זאלס מיר דערציילן די סיבה פון דיין אנטלויפען פון דיין שווער, ר' נטע האט נישט געהאט קיין ברירה און האט דערציילט אלעס וואס איז געשעהן מיט זיינע שוואגערס, אז זיי זענען געווען און זיין שטוב בשעת ער האט געזאגט תיקון חצות, און זענען דארט אויפן פלאץ אויסגעגאנגען ל"ע, דערפאר זעהט ער זיך א שוליגער דערין וואס ער האט דערפאר דעם דין ווי א הורג נפש בשגגה, האט ער דעריבער גענומען אויף זיך גלות ליידן, האט אים דער געפרעגט ער זאל אים זאגען די סיבה פון וואס זענען די שוואגערס געשטארבן? האט ער אים געענטפערט אז "ווען איך רעכט אפ תיקון חצות, וויין איך אזוי שטארק אז מ'קען עס נישט אויסהאלטן הערענדיג, און איך האב א זכי' פון הימעל אז איך הער דעמאלטס דאס זינגען פון די מלאכי השרת און דאס האלט מיך ביים לעבן, דערפאר האב איך אנגעווארענט יעדן אז קיינער זאל זיך נישט געפונען דעמאלטס אין צימער ווייל עס וועט זיי שאטן, מיינע שוואגערס האבן זיך אויסגעלאכט דערפון זאגענדיג, ס'איז גארנישט, מ'דארף נישט מורא האבן, און זענען יא אריינגעקומען, הערנדיג דאס קול פון די מלאכי השרת זענען זיי פון נעימות הקול דאס זיסן און געשמאקן קול אויסגעגאנגען רח"ל.

און וועגן די גניבה מעג מיר דער רב גלייבן אז איך בין אינגאנצען ריין דערפון, ער האט דערציילט דעם רב אז ער האט געלערנט א גאנצע נאכט אין די סוכה און ער האט גארנישט באמערקט און גארנישט געהערט און נישט געזעהן. דער רב איז שטארק נתפעל געווארן פון דעם יונגערמאן און איז ארויס צום גביר וועלכער האט געווארט אינדרויסן און ער האט אים געזאגט, לפי דעתי איז דער איד ריין פון די גניבה און דו דארפסט אים מפייס זיין יעצט דא, דער גביר הערנדיג דאס איז שטארק נתפעל געווארן און איז צוגעגאנגען צו אים מיט גרויס הכנעה און געבעטן פון אים מחילה, האט אים דער יונגערמאן ר' נטע געזאגט אזוי, "זאלסט וויסן, אז ווען דו האסט מך געשלאגען אויף מיין פנים צוויי דריי מאל אן קיין שום חקירות ודרישות, האט מען גע'פסק'נט אין הימעל אויף דיר אדער דארפסטו אוועקגיין פון די וועלט רח"ל, אדער זאלסטו א גאנץ לעבן זיין א גרויסער ארעמאן ועני חשוב כמת", די ברירה איז ביי דיר אין די האנט אויס צו וועהלן איינע פון די צוויי.

דער גביר איז געווארן שטארק דערשראקן, און מיט א צעבראכן הארץ האט ער אויסגעוועהלט און מקבל געווען אויף זיך עניות, באלד איז ביי אים געשעהן א גרויסע שריפה, ס'איז אים אפגעברענט דאס גאנצע פארמעגן ל"ע, זעענדיג דאס, איז דער בעל הבית געפאלן צו די פיס פון דעם יונגערמאן און אים געבעטן אז ער זאל רחמנות האבן אויף אים, האט ער אים געזאגט, איך האב רחמנות אויף דיר און איך בין דיר מוחל במחילה גמורה וואס דו האסט מיך געשלאגען, ווייל ווען נישט דו וואלט עס אן אנדערער געטוהן אויב דארף איך עס באקומען, דערפאר בין איך מבטל דעם פסק דין דעם הארבן, נאר איך פסק'ען אז דו זאלסט מער קיין עושר נישט זיין, נאר פרנסה זאלסטו האבן,

דער סוף איז געווען אז ער האט געטראפן די גניבה, און ער האט זיך געמאכט א געשעפט און פון דעם האט ער געצויגען זיין פרנסה, פרנסה בדרך כבוד, אויף צו קענען לעבען. דערנאך האט ר' נטע געזאגט דעם רב, אז ער וויל שוין אהיים פארן קיין קראקא דער רב איז מיטגעפארן מיט אים, די שמחה ביי זיין שווער איז געווען עד אין לשער, עטליכע טעג שפעטער איז דער רב אין קראקא נפטר געווארן האט מען געוואלט אויפנעמען אויף זיין פלאץ דעם רב, האט ער געזאגט, איך וויל נישט איבערלאזן מיין שטאט, נאר איך בין אייך מייעץ אז איר זאלט אויפנעמען פאר רב דעם יונגערמאן ר' נטע, ווייל ער איז א גאון און קדוש, מ'האט אזוי געטוהן און ר' נטע איז דאן געווארן די רב אין די גרויסע שטאט קראקא, ער האט דארט מחבר געווען דאס הייליגע ספר "מגלה עמוקות זי"ע.

---

**ארייננגעברענגט אן הרהור תשובה**

ביים בעל התניא איז געוועהן א חסיד וואס האט געהאט א זוהן וואס איז געווארן א פורק עול ר"ל ער האט נישט געוואלט היטען מער די תורה מ'האט גערעדט מיט אים עטליכע מאהל אבער ס'האט גארנישט געהאלפען.
דער חסיד איז געקומען צום רבי'ן און אים דערציילט זיין פראבלעם און געפרעגט אן עצה וואס מ'קען מיט אים טוהן, מחזיר למוטב צו זיין. האט אים דער רבי געזאגט אז ער זאל אים ברענגען צו אים, דער חסיד האט געזאגט ער וועט דאך אוודאי נישט איינגיין דערויף צו קומען צום רבי'ן. האט אים דער בעל התניא געזאגט אז מען זאל זיך משתדל זיין און אים אריינפאפן מיט אן ערמה דא אהער צו קומען.
בקיצור מ'האט אנגעוואנדען אלעס ביז מ'האט גע'פועל'ט ביי אים און ער איז געקומען קיין ליאזנא צום בעל התניא זי"ע, רייטנדיג אויף א פערד, נישט מיט קיין געשפאנטן וואגן אזוי ווי ערליכע אידן האבן זיך געפירט (רייטען אויף א פערד האט דעמאלס געהייסען אן אויסגעלאסנקייט און פריצות וואר ס'האט געהאט אין זיך א ריח של תורה האט נישט געריטן אויף א פערד.)
דער בחור האט נישט געהאט געטראכט אריינצוגיין צום רבין נאר אדורכצופארן די שטאדט, און פאָרן ווייטער, אבער אנקומענדיג אהין האט מען אים אויפגעהאלטן און מ'האט אים ענדליך אריינגעברענגט צום רבין, דער בעל התניא האט אנגעהויבן צו רעדן מיט אים און בתוך הדברים האט ער געפרעגט "פארוואס ער איז געקומען רייטנדיג." האט דער בחור געענפערט "ווייל זיין פערד איז זייער גוט" האט דער רבי געפרעגט "וואס איז שייך אז א גוטע פערד איז בעסער פון א פשוט'ן פערד, האט דער בחור געענפערט "אז א גוטע פערד האט א געוואלדיגע מעלה אז ער ברענגט א מענטש ער זאל שנעלער אנקומען וואו ער דארף. האט אים דער בעל התניא געזאגט "דאס איז אלץ גוט אויב מ'גייט אויפ'ן דרך הישר אויב אבער גייט מען אוועק פונעם דרך הישר דעמאלסט האט א גוטער פערד א חסרון אז ער פירט דעם מענטש נאך ווייטער פונעם ריכטיגן וועג" האט זיך אנגערופען דער בחור "אבער אז מ'זעהט און מ'כאפט זיך אז מ'איז פארקראכען און מ'גייט צוריק אויפ'ן דרך הישר דאן ברענגט דער פערד שנעלער צום ריכטיגען וועג" האט דער בעל התניא געזאגט "איז דאך אז מ'כאפט, זיך אז מ'כאפט זיך" די ווערטער האט ער איבערגע'חזר'ט עטליכע מאהל ביז דער בחור איז נתעורר געווארן בתשובה, און האט אויסגעבראכען אין א געוויין ער איז שוין געבליבען ביים רבי'ן דארט אין ליאזנא, און איז געווארן א בעל תשובה גמור.

---

**א פחד איז געפאלען אויף זיי**

באלד ווען רבי שלום שרעבי האט איבערגענומען דעם שטול פון ראש ישיבה אין די ישיבה פון די מקובלים בית א-ל האט ער איינגעפירט צו אפרעכטן תיקון חצות ביים כותל המערבי פון וואו די שכינה האט זיך קיינמאל נישט אפגעטוהן. איינער אליין אהן קיין שום באגלייטערס האט זיך רבי שלום שרעבי ז"ל ארויסגעלאזט פאר האלבע נאכט צום כותל המערבי דארט אפרעכטן חצות, דאס הארץ האט אין איהם אויפגעברויזט פון דעם חורבן בית המקדש וואס ער זעהט פאר זיינע אויגן פון דעם גלות השכינה. פון די יסורים און ליידן פון דעם כלל ישראל און פון טיפעניש פון זיין הארץ האט זיך ארויסגעריסן א גרויסער וויי געשריי באגלייט מיט געוויין קרעכצן און זיפצן.

ארום דעם כותל המערבי האבן זיך באזעצט מאראקער אראבער ימ"ש, זיי האבן פיהל צרות אנגעטוהן פאר די אידן וועלכע זענען געקומען אויסגיסן דאס הארץ ביים כותל המערבי, זיי פלעגןווארפן שטיינער שיסן מיסט און אדורכגיין מיט זייערע אייזלען אינמיטן דאווענען, זיי האבן געטוהן אלע מעגליכקייטן ענג צו מאכן פאר די אידן כדי זיי זאלן זיך אפהאלטן פון צו קומען צום כותל המערבי.

און דא פלוצלונג אינמיטן דער נאכט אין די שפעטע שעה'ן דערטראגט זיך צו זייערע אויערן יאמערליכע קולות פון דעם כותל המערבי די גוי'שע בלוט האט אין זיי אויפגעקאכט, אזא אומדערהערטע חוצפה!!!

אויף מארגן האבן די גוי'שע שכנים זיך צוזאמענגערעדט און זיי האבן באשלאסן צו דינגען עטליכע געזונטע אראבער זיי זאלן אפווארטן דעם איד אין די געסל וואס פירט אריין צום כותל המערבי און איהם דארטן הרג'נען ר"ל. די געדונגענע אראבער זענען געוועהן באוואפנט מיט מעסער'ס און העק, מיט עטליכע שעה פריער זענען זיי שוין געשטאנען גרייט און אפגעווארט די מינוט וואס דער אידיש'ע רב וועט קומען, פונקט ווי א טיגער וואס לאקערט אויף א שעפסעלע.

פאר האלבע נאכט, רבי שלום שרעבי גייט זיך לאנגזאם אין די שמאלע געדרייטע געשלענגעטע געסאלעך פון אלט שטאדט ירושלים, די מערדערער שטייען גרייט אויסצופירן זייער מערדערישן פלאן, אבער דער הייליגער רש"ש זצ"ל גייט אריבער און קיינער האט זיך קיין ריהר נישט געגעבן זיי זענען געבליבן ווי פארשטיינערט נישט קענענדיג ריהרן קיין גליד.

דער רש"ש גייט צו צום כותל המערבי און פונקט ווי נעכטן ביי דער נאכט זעצט ער זיך אוועק אויף די ערד און רעכט אפ חצות מיט געוויין און קלאג.

ווען דער רש"ש ז"ל האט געענדיגט זיינע תפלות איז ער צוריק געגאנגען זיין וועג אדורכגעגאנגען נעבן די פארשטיינערטע אראבער נישט באמערקענדיג זיי און צוריק געקומען קיין בית א-ל.

די שכנים וועלכע זענען געוועהן זיכער אז דער איד וועט ערמארדערט ווערן האבן זיך געלייגט רוהיג שלאפן, ווי ערשטוינט זענען זיי געווארן ווען ארום האלבע נאכט האבן זיך ווידער געהערט די געוויינערײ און געיאמעריי וועלכע האבן זיך דערטראגן פון כותל המערבי.

אויפגערעגטערהייט זענען זיי געלאפן באלד אינדערפרי צו די געדונגענער אראבער, אבער צו זייער גרויסער ערשטוינונג זענען זיי נישט געוועהן אין שטוב, אויך זייערע פאמיליעס זענען געוועהן באזארגט נישט וויסנדיג וואו זיי זענען פארשוואונדען געווארן, זיי זענען אוועק פון שטוב שפעהט אויף דער נאכט נישט דערציילנדיג וואו אהין און ביז דערווייל זענען זיי נאכנישט צוריק געקומען.

קומענדיג צום ארט וואו דער מארד האט געדארפט אויסגעפירט ווערן האבן זיי געטראפן די מערדער שטיין ווי קלעצער זיי האבן נישט געקענט ריהרן מיט קיין גליד און נישט ענטפערן אויף זייערע פראגעס.

די אראבישע שכנים האבן יעצט פארשטאנען אז דאס איז א נס פון הימל און אז דער איד איז א ג-טליכער מאן, אבער ווער איז ער און ווי אזוי קען מען איהם טרעפן כדי פאלן איהם צו די פיס און איהם איבערבעהטן, איידער דער שטראף וועט קומען אויך אויף זיי.

עס ווערט ליכטיגער אויפן טאג, מענטשן הייבן אהן צו גיין אויפן גאס עס נעמט נישט קיין לאנגע צייט און גאנץ ירושלים קלינגט מיט דעם וואונדערליכע נייעס, מאסן מענשטן זענען געקומען זעהן דעם גרויס וואונדער, נאר די שכנים און פאמיליע פון די געשטראפטע לויפן ארום צוטראגן און ווייסן נישט ווי צו געפינען דעם ג-טליכען מאן.

דער רש"ש צו וועמענס אויערן עס האט אויך דערגרייכט די ידיעה, האט באשלאסן ארויס קומען און מקדש זיין שם שמים, כאטש ער האט נישט געוואלט ארויסגעבן אז עס קומט דורך איהם, ער איז אוועק צום ארט וואו די אראבער זענען געשטאנען ווי פארשטיינערט און זיי געפרעגט צו זיי ווילן איהם

פארשפרעכן אז פון היינט און ווייטער וועלן זיי מער קיין שלעכטס נישט טוהן פאר די אידן, די אראבער האבן צוגעשאקלט מיטן קאפ, דער רש"ש איז אוועק צום כותל המערבי און מתפלל געווען אויף זיי. צוריק קומענדיג האט ער זיי געוואונטשן א רפואה און באלד זענען זיי געווארן ווי אלע מענטשן. צוזאמען מיט די שכנים פון כותל זענען זיי אים געפאלן צו די פיס געקושט די זוימען פון זיינע קליידער און געשוואוירן אז מער וועלן זיי נישט טוהן קיין שלעכטס פאר א איד און זיי וועלן נישט שטערן פאר די אידן אפרעכטן זייערע תפלות ביים כותל המערבי.

דער קידוש שם שמים איז דעמאלסט געווען זעהר גרויס און דער נאמען פון דעם רש"ש איז שטארק פארהייליגט געווארן סיי ביי אידן און סיי ביי די גוים. "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך!!"

---

## גֶעקְלִיבֶּענֶע מַעֲשִׂיּוֹת
## אִיבֶּער דָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר אַ מִצְוָה אֲפִלּוּ אִין דִי שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה יָארְן
## פוּן מָרָן רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ מִסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

**הִתְלַהֲבוּת בַּיים דַאוְוענֶען**

דֶער "בֵּרַךְ מֹשֶׁה" זי"ע הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט, וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶער "דִּבְרֵי יוֹאֵל" זי"ע, אַז דִי בֶּעטְן אִין לַאגֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן צְוֵויי אָדֶער דְרֵיי שְׁטָאק, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁלָאפְן אוּנְטְן, אוּן הֶעכֶער אִים אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַאוְונְט מַעֲרִיב אִין בֶּעט, אוּן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְן בֶּעט אַרָאפְּלֵייגְנְדִיג דִי פִיס אוֹיף דֶער עֶרְד, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִיט גְרוֹיס דביקות הָאט עֶר פַארְגֶעסְן ווִי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק שָׁאקְלֶען, אוּן דִי גַאנְצֶע בֶּעט צוּזַאמֶען מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען הֶעכֶער דֶעם רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ אוֹיךְ מִיטְגֶעשָׁאקְלְט, שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי יֶענֶעם אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן נִישְׁט כאפנדיג אַז עֶר וֶועקְט אִים אוֹיף.

**אַלֶעמָאל הָאט עֶר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען**

דֶער בִּיקְסַאד'עֶר רָב זצ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז אַ שְׁטִיקֶל צֵייט אִיז עֶר גֶעשְׁלָאפְן הֶעכֶער דִי בֶּעט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע אִין לַאגֶער, אוּן וֶוען אַלֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, אוּן מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר שְׁלָאפְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, ווִי אַ גַאנְצֶע נַאכְט הָאט מֶען גֶעזֶעהְן ווִי זַיין מוֹיל שָׁאקְלְט זִיךְ, וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט צוּ אִיז דָאס גֶעוֶוען אָנְהֵייבּ נַאכְט, צוּ אִינְמִיטְן אָדֶער סוֹף נַאכְט, אַ גַאנְצֶע צֵייט הָאט זִיךְ זַיין מוֹיל גֶעשָׁאקְלְט אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ אֲפִלּוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צֵייטְן.

**מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיף נְטִילַת יָדַיִם**

ס הָאט דֶערְצֵיילְט אַ אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיטְן רֶבִּי'ן אִין לַאגֶער דִי גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט בַּיים זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, עֶס הָאט אֵיינְמָאל פַּאסִירְט וֶוען דִי נַאצִיס הָאבְּן גֶעשְׁטֶעלְט אַ נַייעֶם שׁוֹמֵר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי רֵיינְקַייט אִין דֶעם לַאגֶער וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פְרוּמֶער אִיד, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַמָאל ווִי נֶעבְּן דֶעם רֶבִּי'נְס בֶּעט אִיז אוֹיסְגֶעגָאסְן אַסַאךְ וַואסֶער, וֶוען דֶער שׁוֹמֵר הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען שְׁרַייעֶן אוֹיפְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט

זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף מָארְגְן אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען אִין עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעזֶעהְן דִי וַואסֶער אוֹיסְגֶעגָאסְן, הָאט עֶר גֶעוָוארְנְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר וִויל דָאס מֶער נִישְׁט זֶעהְן, אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע טֶעג בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעסְטְרַאשֶׁעט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז אוֹיבּ עֶר זֶעהְט דָאס נָאךְ אֵיינְמָאל וֶועט עֶר אִים שְׁלָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, וֶוען דֶער שׁוֹמֵר אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁרַייעֶן, אוּן אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶר הָאט אִים מְצַעֵר גֶעוֶוען.

**דִי הַארְבְּקַייט אוֹיף כָּשֶׁר'עֶרֶע עֶסְן**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין מוֹיל פוּן דִי עֶסְן'ס אִין לַאגֶער וָואס מֶען הָאט גֶעקָאכְט אִין דִי קָאךְ פוּנֶעם לַאגֶער, עֶר הָאט זִיךְ בַּאגֶענִיגְט מִיט אַבִּיסְל בְּרוֹיטְ מִיט קַארְטָאפְל וָואס דִי רֶעבֶּעצִין ע"ה הָאט פַאר אִים אַלֵיין צוּגֶעגְרֵייט, דִי רֶעבֶּעצִין הָאט גֶעהַאט אַן עֶקְסְטֶערְן טָאפּ פַארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וָואס דִי רֶעבֶּעצִין הָאט גֶעדַארְפְט וַוארְטְן עֶטְלִיכֶע שָׁעָה בִּיז זִי הָאט גֶעטְרָאפְן אַ בַּאגְלֵייבְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גֵיין צוּם קָאךְ דָאס אָפְּצוּקָאכְן, אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִי גֶעקֶענְט וַוארְטְן נָאךְ עֶטְלִיכֶע שָׁעָה בִּיז יֶענֶער הָאט דָאס צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט, אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִי דָאס גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן.

**מֶען דַארְף נִישְׁט זָארְגְן אוֹיף מָארְגְן**

וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז אִין לַאגֶער צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיטְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַז עֶס הָאט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּער גֵיין עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁטִיקְל בְּרוֹיט צוּ אַרַיינֶעמֶען אִין מוֹיל, אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע לַאגֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אַמָאל גֶעבְּרֶענְגְט צְוֵויי גַאנְצֶע בְּרוֹיט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס בַּאקוּמֶען הָאט עֶר אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיף יֶענֶעם טָאג, אוּן דִי אִיבֶּערִיגֶע הָאט עֶר צוּטֵיילְט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן אִיךְ וִויל נִישְׁט זָארְגְן אוֹיף מָארְגְן, וַוייל דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט הַיינְט גֶעהָאלְפְן וֶועט אוֹיף הֶעלְפְן אוֹיךְ מָארְגְן.

**אוֹיסְגֶעפַאסְט אוֹיף מָארְגְן**

אִין יָאר תשׁ"ד אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן דִי תַּעֲנִית שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז שַׁבָּת אוּן מֶען הָאט גֶעפַאסְט דֶעמָאלְטְס זוּנְטִיג (וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיס שַׁבָּת פַאסְט מֶען זוּנְטִיג דָאס הֵייסְט תַּעֲנִית נִדְחֶה), דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְטְס אָנְגֶעקוּמֶען יֶענֶעם זוּנְטִיג אִין דִי שְׁטָאט הַאנָאווער, אִין יֶענֶעם שְׁטָאט וֶוערְט נַאכְט זֵייעֶר שְׁפֶּעט, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין זִיכֶער נַאכְט, עֶר הָאט אַ גַאנְצֶע צַייט גֶעקוּקְט אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין דָא זִיכֶער דְרֵיי שְׁטֶערְן'ס אוֹיפְן הִימְל, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקוּקְט זֵייעֶר לַאנְג, בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, (וַוייל דִי נַאכְט אִיז דָארְט זֵייעֶר קוּרְץ) הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעטָארְט עֶסְן, וֵוייל דֶעמָאלְטְס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְ'ן דַאוְוענֶען, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוַוארְט בִּיז נָאכְן דַאוְוענֶען אִין דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפַאסְט.

**דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר דִי בָּארְד אִין פֵּאוֹת**

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דִי נַאצִיס ימ"ש הָאבְּן פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעלָאזְט דִי בָּארְד מִיט דִי פֵּאוֹת וֶועגְן רֵיינְקַייט פוּן דִי הָאר וָואס זֵיי הָאבְּן שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן, אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ אִיד מִיטְן בָּארְד אִין פֵּאוֹת, אָדֶער הָאבְּן זֵיי דָאס גְלֵייךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן, אָדֶער הָאבְּן זֵיי אִים גְלֵייךְ גֶעשָׁאסְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַאר דֶעם גֶעהַאט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר אִיז אַלֶעמָאל גֶעגַאנְגֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען דִי פָּנִים מִיט אַ שְׁמַאטֶע, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַז דָאס אִיז וֶועגְן צֵיין וֵוייטָאג, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אַלֶעמָאל מוֹרָא גֶעהַאט אַז זֵיי וֶועלְן חָלִילָה טְרֶעפְן אַז עֶר הָאט נָאךְ אוֹיף זִיךְ דִי בָּארְד אִין פֵּאוֹת, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט טַאקֶע גֶעהָאלְפְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי גַאנְצֶע מִלְחָמָה אִין גֶעבְלִיבְּן מִיט דִי בָּארְד אִין פֵּאוֹת.

**אַ נֵס מִיט דִי בָּארְד אִין פֵּאוֹת פוּן רֶבִּי'ן**

עֶס הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער בִּיקְסַאד'עֶר רָב זצ"ל, אַז אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ נַאצִי ימ"ש צוּ אִיבֶּערְקוּקְן דִי רֵיינְקַייט אִינֶעם גֶעטָא, עֶר אִיז אַרִיבֶּער פוּן אֵיין צִימֶער צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן הָאט אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אִיבֶּעראַל, אוּן עֶס אִיז גֶעפַאלְן אַ גְרוֹיס שְׁרֶעק אוֹיף דִי נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם רֶבִּי'ן זי"ע אַז אוֹיבּ חָלִילָה דֶער רָשָׁע וֶועט טְרֶעפְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי בָּארְד אִין פֵּאוֹת וֶועט עֶר זִיךְ חָלִילָה נוֹקֵם זַיין אִין אִים, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אֵיינֶער גְרֵייט מִיט אַ שֶׁער מַאשִׁין אוֹיבּ חָלִילָה מֶען וֶועט דַארְפְן

אָפְּשֶׁערְן דִי בָּארְד, עֶס הָאט נָאךְ אוֹיסְגֶעפֶּעלְט עֶטְלִיכֶע מִינוּט ווַייל דֶער רָשָׁע אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיין צִימֶער נֶעבְּן רֶבִּינְ'ס צִימֶער, מִיר הָאבְּן גֶעוַוארְט מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק, נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט קוּמְט אֵיינֶער אַרַיין אִין זָאגְט אַז דֶער רָשָׁע אִיז זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט מְשַׁעֵר זַיין דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעהַאט.

**אַ שׁוֹפָר פַאר דְרֵיי הוּנְדֶערְט צִיגְרֶעטְלֶעךְ**

וֶוען עֶס אָנְגֶעקוּמֶען דִי טֶעג פוּן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין לַאגֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּ אַרְבֶּעטְן עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ שׁוֹפָר צוּ קֶענֶען מְקַיֵּם זַיין דִי מִצְוָה פוּן בְּלָאזְן שׁוֹפָר, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט אַז עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁטָא קַיין שׁוֹפָר, בִּיז אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען זָאגְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז אִין דִי דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶע מַחֲנֶה וואוּ עֶס גֶעפוּנֶען זִיךְ דִי פּוֹילִישֶׁע אִידְן, דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ אַ שׁוֹפָר, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דָאס בֶּעט פַאר דֶעם דְרֵיי הוּנְדֶערְט צִיגְרֶעטְלֶעךְ, פַארשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג אִין לַאגֶער צוּ טְרֶעפְן דְרֵיי הוּנְדֶערְט צִיגְרֶעטְלֶעךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעאַרְבֶּעט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת בִּיז עֶר הָאט פַארְשַׁאפְט דִי סְכוּם צִיגְרֶעטְלֶעךְ, אוּן מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי שׁוֹפָר פַארְ'ן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קַיין מַחְזוֹרִים אִיז דָארְט נִישְׁט גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעדַאוְונְט אוֹיף אוֹיסְנְוֶוייניג וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט, אוּן פַאר דִי תקיעות הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ דְרָשָׁה מִיט גְרוֹיס בְּכִיּוֹת, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעמַאכְט דִי בְּרָכוֹת מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת פַאר דִי תקיעות אוּן גֶעבְּלָאזְן מִיט דִי שׁוֹפָר.

**פִּיטֶער פַאר חֲנֻכָּה לִיכְט**

אִין לַאגֶער פְלֶעגְן דִי דֵייטְשֶׁע רְשָׁעִים ימ"ש גֶעבְּן יֶעדְן טָאג פַאר דִי אִידְן אַבִּיסְל פִּיטֶער, אַ שְׁטִיקְל צֵייט פַאר חֲנֻכָּה הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן וָואס וֶועט זַיין מִיט חֲנֻכָּה לִיכְט, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט נֶעמֶען דִי פִּיטֶער וָואס עֶר בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אוּן דָאס אַוֶועקְלֵייגְן אוּן מַאכְן פוּן דֶעם פֶּעטְןְ'ס, כְּדֵי צוּ קֶענֶען מִיט דֶעם אָנְצִינְדְן דִי חֲנֻכָּה לִיכְט אַנְשְׁטָאט שֶׁמֶן זַיִת, אֲפִלּוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוּסְט אַז אוֹיבּ דִי רְשָׁעִים וֶועלְן אִים טְרֶעפְן מִיט דִי חֲנֻכָּה לִיכְט קֶענֶען זֵיי אִים גְלֵייך שִׁיסְן.

------------------------------------------------

**דער עילוי פון שטאט אין גלחים סעמינאר**

צווישן די חשוב'ע בחורים אין בית המדרש וואס האבן גע'שמ'ט מיט זייער התמדה, האט זיך געפונען אַן אינגער בחור, א זון פון אַן ארימע אלמנה. דער-דאָזיגער בחור האט יעדן איבערראשט מיט זיין שארפן מח און טיפן פארשטאנד, ער האט געברענגט די גרעסטע לומדים צו שטוינען אויף זיין בקיאות, דעריבער האבן אים אלע מכבד געווען און געלייגט גרויסע האפענונגען אויף זיין צוקונפט. טרעפט זיך אמאל ווי דער בחור שפאצירט אונטער די שטאט פארטיפט אין זיינע מחשבות און באמערקט גאר-נישט ווי קעגן אים שפאצירט אַן אל-טער גלח, א פראָפעסאר פון דעם גרויסן גלחים-סעמינאר וואס האט זיך געפונען אונטער די שטאט. זעענדיג ווי עס גייט א בחור אזוי טיף פארטראכט האט עס דעם גלח זייער געפאלן. דער גלח האט אים אפּ-געשטעלט און עס האט זיך אנטוויקלט צווישן זיי א טיפער שמועס. פאר'ן בחור וואס האט געהאט אזא גוטן קאפּ איז געווען אינטערעסאנט און געשמאק צו הערן און אויך צו טענה'ן איבער די טיפזיניגע פראגעס, ביז זיי זענען צוגעקומען צו שמועסן אין ענינים פון אמונה. ביידע זענען געווען אזוי פארקאכט אינעם שמועס אז זיי האבן גארנישט באמערקט ווי עס ווערט שפּעט, און דער נאכט רוקט זיך אונטער. דער בחור האט ביים גלח אזוי שטארק נושא חן געווען, אז דער גלח האט פעסט בא-שלאסן ביי זיך אנצואווענדן אלע כוחות און פאר יעדן פרייז אריינצופאנגען דעם בחור. אויך אויף דעם בחור האט דער גלח געמאכט א גרויסן איינדרוק און ער האט געהאט גרויס פארגעניגן פון דעם

שמועס מיט דעם פארשטענדליכן און געלערנטן גלח. ביים אפטיילן זיך פון דעם בחור האט דער גלח אויסגעדרוקט זיין דאנק פאר דעם גרויסן פארגעניגן וואס דער שמועס האט אים פארשאפט, און גלייכצייטיג האט ער געלאזט וויסן דעם בחור אז אויך צומארגנס וועט ער אין די זעלבע אוונט שעה'ן קומען אין וואלד אריין פארצוזעצן דעם שמועס.

אין אנהויב איז דעם בחור גארנישט איינגעפאלן אז מיט דעם זוכט דער גלח אים צו פאנגען אין זיין נעץ פון טומאה, און דאקעגן האט ער געהאט א גרויסע הנאה סיי פונעם שמועס און נאך מער פון די חנופה-ווערטער וואס דער גלח האט אים אזוי געריימט און ארויסגע-הויבן דאס פארגעניגן וואס ער האט געהאט פון אים, האט ער מיט גרויס הנאה פארשפראכן צו קומען מארגן אויך אויף א צווייטן געשפרעך.

זייט דעמאלט פלעגט דער בחור זיך גאנץ אפט טרעפן מיט'ן גלח אין דעם וואלד. פארשטייט זיך אז קיינער האט דערפון נישט געוואוסט. צוביסלעך האט דער גלח געפונען צוטרוי ביי דעם אינגען בחור. פארשידענע געדאנקען האבן ר"ל צוביסלעכווייז אנגעהויבן אריינדרינגען אין זיין הארץ און וואס אמאל איז אלץ געווארן גרעסער די השפעה פון דעם גלח אויף דעם בחור, דער עילוי וועלכער איז נאך אלץ געזעסן אין בית המדרש ביי די גמרא...

פלוצלונג איז דאס גאנצע שטעטל אויפגעציטערט געווארן פון די שרעק-ליכע ידיעה... דער בחור, דער עילוי פון די שטאט, איז אנטלאפן און געפינט זיך אין גלחים-סעמינאר וואס איז אונטער די שטאט מעזריטש. ער האט באשלאסן זיך צו שמד'ן ר"ל...

די פעדער איז נישט בכח צו שיל-דערן וואס עס האט זיך אפגעטאן אין שטעטל. מ'איז געלאפן צו די גלחים, פרובירט משתדל צו זיין אויף פארשי-דענע אופנים, אבער קיין זאך האט נישט געהאלפן.

עס איז שווער צו שילדערן וואס-פארא שטארקער קלאפ די-דאזיגע שמערצליכע ידיעה איז געווען פאר די ארימע צעבראכענע אלמנה וועלכע האט געהאפט צו דערלעבן נחת פון איר איינציגן זון. גאנצע טעג איז זי געשטא-נען פאר'ן טויער פון דעם גלחים-סעמינאר טראכטנדיג אז אפשר וועט זי זיך קענען אריינכאפן און רעדן א ווארט מיט איר זון, בעטן ביי אים ער זאל רח-מנות האבן אויף איר און נישט אנטאן דעם שרעקליכן צער און די חרפה, אבער דאס אלעס איז געווען אומזיסט, עס איז איר נישט געלונגען.

דער בחור איז געזעסן אין א פאר-מאכטן צימער אויפ'ן טורעם פון די סעמינאר געביידע, צו וועלכן עס איז געווען שווער צוצוקומען, און נאך שווערער איז געווען פון דארט צו אנטלויפן, און אזוי איז ער געזעסן און זיך געגרייט כופר צו זיין ר"ל, טראכ-טנדיג פון דעם גרויסן גליק צו וואס דער גלח האט אים איינגענאַרט.

מיט א פארוויטאגט הארץ איז די פארצווייפלטע אלמנה געלאפן צום הייליגן רבי ר' בער דער מעזריטשער מגיד זי"ע, און זיך אויסגעגאסן איר ביטער הארץ פאר'ן גרויסן צדיק. געווען איז עס א פרייטאג צופרי.

דער מגיד האט טרויעריג געשאָ-קלט מיט'ן קאפ, ארויסגעלאזט טיפע קרעכצן און מיטאמאל האט ער איר אנגעהויבן צו טרייסטן מיט ווארימע רייד "עס איז נאך נישט פארפאלן, ער איז נאך א איד, איר טאָרט זיך נישט מייאש זיין ח"ו, איר זאלט נישט אויף-הערן מתפלל צו זיין צו השי"ת אז זיין הארץ זאל זיך צוריקקערן צו תשובה".

ווען די אלמנה איז אוועקגעגאנגען פון דארט האט דער מגיד פלוצלונג צוזאמגערופן זיינע נאנטע געהויבענע מקורבים און חסידים און אנגעהויבן א טיפן שמועס אויפ'ן פסוק "ונפש כי תחטא"... וויאזוי איז ווען א איד זינ-דיגט ח"ו, ווען א אידיש נפש פארלאזט דעם ריכטיגן וועג ח"ו...

די תלמידים האבן נישט פארשטא-נען די באדייטונג דערפון, עס איז פאר זיי זייער אויפפאלנד געווען אז אינמיטן א פרייטאג טאג זאל זיך דער רבי אריינ-לאזן אין אזא טיפן תורה שמועס, אבער זיי האבן אויסגעהערט דעם שמועס מיט גרויס אויפמערקזאמקייט.

אין א שעה ארום האט דער מגיד ווידער צוזאמגערופן זיינע תלמידים און זיך ווידער געשטעלט אויפ'ן פסוק "ונפש כי תחטא" און אנגעהויבן פירן א שמועס אויף אַן אנדערן אופן.

אין צוויי שעה ארום האט דער מגיד ווידער גע'דרשנ'ט אויפ'ן זעלבן פסוק און געזאגט א טיפע תורה וועלכע נישט אלע זיינע תלמידים האבן געקענט מיטהאלטן.

א שעה פאר ליכט-צינדן האט ער צום פערטן מאל גערופן דעם עולם און ווידער געשמועסט תורה, אלץ אויף דעם זעלבן פסוק "ונפש כי תחטא"...

דאס זעלבע האט זיך אויך איבער-גע'חזר'ט ביי אלע שבת'דיגע סעודות, ביי יעדע סעודה האט דער מגיד גע'דרש'נט און

געזאגט תורה אויף דעם זעלבן פסוק.
אבער באזונדערס האט זיך אויסגע-צייכנט דער זיבעטער שמועס אויף דעם פסוק וואס דאס איז געווען ווען דער מגיד האט געהאלטן ביי שלש סעודות אין די טונקל. דער-דאזיגער שמועס, די שלש סעודות תורה, איז געווען פארבינדן מיט פיל מוסר און תוכחה באגלייט מיט גרויס התעוררות, אזוי אז עס האט דעם גאנצן עולם שטארק צעבראכן.

הייסע טרערן האבן זיך געגאסן פון די אויגן פון די צוהערער, יעדער איז געווען זיכער ביי זיך אז ער אליין איז דאס דער חוטא, דער זינדיגער מענטש, און נאר אים מיינען די רייד פון דעם גרויסן מגיד.

פלוצלונג אינמיטן דעם שמועס האט זיך געמאכט א גרויסער ווינט, דער ווינט האט מורא'דיג געבלאזן און געטרייסלט דאס גאנצע הויז אין וועלכן עס האט זיך געפונען דאס בית המדרש מיט'ן פארזאמלטן עולם. אט האט זיך געדאכט פאר יעדן אז עס איז אנט-שטאנען אַן ערד-ציטערניש.

דער רעש האט זיך געשטארקט, דער ווינט האט שטארק געהילכט, אזוי אז מ'האט מער נישט געהערט דאס קול פונעם מגיד.

פלוצלונג האט דער מגיד אויסגע-רופן: "זאל מען מאכן ליכטיג!!!"

אין דעם זעלבן מאמענט ווען מ'האט געברענגט די צוויי אנגעצינ-דענע ליכט אין בית המדרש האט זיך די טיר געעפנט און דער בחור איז אריינ-געקומען. צולויפנדיג צום מגיד האט ער אויסגעבראכן מיט א יאמערליך געוויין, אויסרופנדיג אַן כח: "חטאתי, עויתי, פשעתי!"

באלד האט מען אפגעבענטשט, זיך געשטעלט דאווענען מעריב און נאך מעריב איז דער מגיד אריין צו זיך אין שטוב. דער עולם האט ארומגערינגלט דעם בחור און אים געבעטן ער זאל זיי דערציילן וואס מיט אים האט פאסירט.

מיט א שטיקעדיגן קול פון געוויין און מיט גרויס צעבראכנקייט האט דער בחור אנגעהויבן דערציילן וועגן זיינע ערשטע באגעגענישן מיט'ן גלח און וויאזוי ער האט אים מיט זיינע גלאטע און קלוגע בלאָפערישע רייד ביסלעכ-ווייז אנגעהויבן צו פירן צו ספיקות. אויך האט ער דערציילט וויאזוי עס האט אים כסדר געצויגן צום גלח, ביז ער האט זיך פשוט דערפרייט ווען דער גלח האט אים געמאכט דעם מורא'דיגן פארשלאג.

דער בחור האט טיף אפגעאטעמט און ווייטער דערציילט: "די גאנצע צייט האב איך מיך געשפירט אין דעם סעמינאר אויסגעצייכנט, עס האט מיר גארנישט געפעלט. דער גלח האט מיך באזוכט עטליכע מאל אין טאג און אזוי מיך צוביסלעך באקענט מיט די יסודות פון קריסטליכן גלויבן. איך האב מיך גענומען גרייטן צו ווערן א תלמיד פון סעמינאר".

דער בחור איז שטיל געווארן אויף א ווילע און דערנאך ווייטער פארגע-זעצט: "אבער נעכטן אינדערפרי, איך ווייס נישט וואָס עס איז געשען, האב איך זיך פלוצלונג אנגעהויבן מיישב צו זיין און זיך בארעכנט אז איך באגיי א מורא'דיגן פארראט קעגן מיין ארימע צעבראָכענע מוטער, די אלמנה וועלכע האט שוין נישט איינמאל אוועקגע-געבן דאס לעצטע שטיקל ברויט פון איר מויל פאר מיר און אליין האט זי זיך געלייגט שלאפן א הונגעריגע און אלעס פאר מיר, פאר מיין טובה-וועגן און פאר מיין הנאה.

"איך האב מיך אנגעהויבן ארום-קוקן אין דעם שטיבל וואס איז פאר-מאכט אויך אלע זייטן. מען האלט מיך דא ווי א געפאנגענער אריינצונארן מיט געוואלד צו דעם פאלשן קריסטליכן גלויבן.

"איך האב מיך דערמאנט אז עס איז היינט פרייטאג. באלד וועט זיין שבת אויף דער וועלט. אין בית המדרש פארענדיגט מען יעצט דעם שיעור און מען נעמט זיך מעביר-סדרה זיין, מען הייבט זיך אָן צו גרייטן צום שבת-קודש און דא געפין איך מיך אין א מקום טומאה צווישן גלחים, גרייט צו ווערן א פאררעטער פון מיין פאלק..."

דער בחור האט זיך אפגעווישט די טרערן און ווייטער דערציילט: "עס האט מיך אנגעהויבן צו פייניגן א שרעקליכע בענקשאפט, א בענקשאפט צו די גמרא, צום בית המדרש, צו די קדושה פון השי"ת, צו די מאמע וועלכע ליגט אודאי קראנק פון עגמת נפש. עס האט זיך מיר פארגעשטעלט ווי מיין טאטע וועלכער געפינט זיך אויפ'ן עולם האמת איז אויפגעשטאנען פון זיין קבר און רייסט איין וועלטן נישט צו דערלאזן זיין זון צו אזא שרעקליכן שריט.

"פון מינוט-צו-מינוט האט זיך דער דאזיגער געפיל אין מיר געשטארקט און א גרויסער שרעק האט זיך אין מיר דערוועקט, וויאזוי האב איך מיך געוואגט צו טאן אזא שריט? צו ווערן א כופר באלקי ישראל. איך, דער בעסטער בית המדרש בחור, וואס האט יעדן איבערראשט מיט מיין לערנען.

״געוואלד!

״וואס איז מיט מיר געשען?

״איך האב אנגעהויבן צו שפירן ווי עס ווערט מיר ענג אין מיין שטיבל. פארשידענע פסוקים און גמרות וואס רעדן וועגן תשובה זענען מיר אויפגע-קומען אין מיין מח, איך האב געוואוסט אז איך בין א חוטא, איך האב מיך זייער מיאוס פארזינדיגט, אבער נאכנישט קיין פארפאלענער.

״וויאזוי קומט מען אבער ארויס פון דא אז די טיר איז פארהאקט און פארשלאסן?

״אט דערנענטערט זיך דער שבת. איך האב אנגעהויבן צו פילן א דערהוי-בנקייט פונעם הייליגן טאג, א שרעקליך רחמנות געפיל האט זיך דערוועקט צו מיר אליין, איך האב אנגעהויבן צו פילן ווי אומגליקליך איך בין, ווי פארשטוי-סן מיין נשמה איז געווארן צוזאמען מיט די פיל תורה וואס האב געלערנט.

״איך האב אנגעהויבן צו פילן ווי איך זינק און פאל וואס אמאל נידערי-גער און נידעריגער און איך וועל זיך שוין ח״ו קיינמאל נישט אויפהייבן צוריק.

״פול מיט פארצווייפלונג האב איך זיך אנידערגעווארפן אויף דער ערד און אנגעהויבן צו רייסן פון מיר די מלבו-שים און די האר פון קאפ. עס איז מיר געווארן קאלט און ווארעם, איך האב פארלוירן מיינע מחשבות, בלויז איין מחשבה האט געהערשט אין מיין מח, דאס איז דער פסוק ״ונפש כי תחטא״, די ווערטער פון דעם פסוק האבן מיך געשטאכן ווי שפיזן, זיי האבן מיך געהויבן און דערנאך צוריק אראפגע-ווארפן מיט די געדאנקען אז נאר איך בין דאס דער דאזיגער וואס דער פסוק מיינט.

״אין אזא צושטאנד האב איך פאר-ברענגט די גאנצע נאכט און אויך אויפ-צומארגנס. צו די שפייז וואס מען האט פאר מיר געברענגט האב איך אפילו נישט צוגערירט. צו מיין מזל האט זיך די גאנצע צייט דער גלח נישט באוויזן צו מיר, און איך האב אנגעהויבן טראכטן וויאזוי אויסצופירן מיין פעסטן באשלוס, צו אנטלויפן פון דא צוריק צו מיין פאלק, צו די הייליגע תורה, צו מיין מאמען...

״עס איז אבער לייכט צו זאגן ״אנטלויפן״ ווען עס איז אפילו נישט מעגליך דעם קאפ זיך ארויסצושטעקן דורך די טיר. איין אויסוועג איז דא, זיך ארויסווארפן פון פענסטער און אומקו-מען. איז מיר אבער אויפגעקומען דער געדאנק ׳איז עס דען נישט א פארברעכן צו נעמען זיך דאס לעבן׳?

״שפעטער איז מיר אבער דער גע-דאנק וואס איז מיר פריער אויפגעקומען זיך ארויסצוואווארפן פון פענסטער אויפ׳ן שטאק יא געווען צו געפעלן, איך האב באשלאסן אז פאר מיר וואס איך האב געוואלט ר״ל כופר זיין איז קיין אנדערע כפרה נישטא ווי ״סקילה״, דורך ארויסווארפן זיך פון פענסטער וואס חוץ דעם וואס ס׳וועט זיין פאר מיר א כפרה וועט עס גלייכצייטיג אויך זיין א קידוש ה.׳

״איך האב מיך געגומען גרייטן צום טויט. א גאנצן טאג האב איך פאר-ברענגט מיט תשובה און הייסע תפלות אויסגיסנדיג מיין הארץ פאר׳ן רבונו של עולם אז מיין תשובה זאל אנגענומען ווערן. איך האב מיך דערמאנט דעם ערשטן שריט ווען איך האב שטילער-הייט אנגעהויבן זיך אוועקצוכאפן פון בית המדרש צו לערנען די גוי׳אישע שפראך כדי איך זאל בעסער קענען פארשטיין און אנהאלטן די שמועסן מיט׳ן גלח, וואס דאס האט מיר גע-ברענגט מיין אומגליק, און ווי נאר עס האט אנגעהויבן צו ווערן פינסטער אינ-דרויסן האב איך געעפנט דאס פענסטער און זיך געגעבן א שליידער ארויס, מורמלנדיג די ווערטער: ״רבונו של עולם זאל מיין טויט זיין א כפרה אויף מיין זינד!!״

״ווען איך בין געקומען צו מיר האב איך מיך אומגעקוקט און באמערקט אז איך געפין זיך אונטער די שטאט מעז-ריטש, וויט פון גלחים סעמינאר, איך האב פארשטאנען אז אט האט פאסירט מיט מיר א גרויסער נס, א טאפלטער נס, איך בין געראטעוועט געווארן פון ״טויט״ און פון ״שמד״ ר״ל.

״דער ערשטער געדאנק וואס איז מיר אויפגעקומען איז געווען גלייך צו לויפן צום הייליגן מגיד ער זאל ראטעווען מיין נשמה וואס איז אזוי פארשמוצט געווארן מיט זינד. און אט בין איך געקומען צום הייליגן מגיד נאך א תיקון, און איך בין מודה ומתוודה ״בפני כל עם ועדה קעגן יעדן איינעם ״חטאתי, עויתי, פשעתי...״

די תלמידים וועלכע האבן פריער נישט פארשטאנען די כסדר׳דיגע שמועסן און תורות פונעם רבי׳ן אויפ׳ן פסוק ״ונפש כי תחטא״ האבן ערשט יעצט דערפילט וואס פאר אַן עבודה דער רבי האט געהאט...